STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11264

LOMIR LAKHN

Hersh Shishler

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לאָמיר לאַכן

"LOMIR LACHEN"

By

Hersh Shishler

P.O. Box 7690

Johannesburg

South Africa, 1968

Printed by Pacific Press (Pty.) Ltd.

הערש שישלער

לאָמיר לאַכן

הומאָרעסקעס * סאַטירעס

שאַרזשן

ארויסגעגעבן דורך דעם
פאַרלאַג „יום־טוב בלעטער"
יאָהאַנעסבורג, דרום־אַפריקע
ה.תשכ"ח — 1968.

פון זעלבן מחבר :

„פריילעכע זיג־זאַגן״ — װאַרשע, 1937.

„שמייכל און געלעכטער״ — יאָהאַנעסבורג, 1949.

„קרומער שפּיגל״ — יאָהאַנעסבורג, 1953.

„ערנסטער שפּאַס״ — יאָהאַנעסבורג, 1959.

„מיט אַ שמייכל אויף דער ערד״ — יאָהאַנעסבורג, 1963.

אַ ד ר ע ס   פ ו ן   מ ח ב ר :

H. SHISHLER,

P.O. Box 7690, Johannesburg,

South Africa.

אַלע נעמען און כאַראַקטערן אין דעם בוך זיינען פיקטיװע און האָבן נישט קיין שייכות צו װעלכער עס איז לעבעדיקער פּערזאָן.

א י נ ה אַ ל ט:

	ז״ט
אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט	9—10
נוסח שרייבן	11—12
מיינע לייענער ...	13—14
איבער וואָס אַרבעטן אונדזערע שרייבער ?	15—18
אַ קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר	19—21
שרייבערישע שנאה...	22—23
ער לייענט ניט קיין יידישע צייטונגען...	24—25
מען גיט מיר טעמעס	26—28
ווו נעמט מען צייט ?	28—30
דורכן טעלעפאָן ...	30—32
אַ לייענער האָט מיך באַלוינט...	32—35
ער איז טשיקאַווע	35—36
יעדער מיט זיינע שאַפונגען	37—38
מ׳האָט מיך ליב באַקומען...	39—42
צוליב מיין אויסזען	43—45
אַ סעקרעטאָר	45—48
אַ סאָסייטי פון געניצער	48—49
אוי, איז דאָס געווען אַ חזנדל...	50—53
אַ חזן מיט עקספּיר׳יענס...	53—55
חזנישע גליקן...	55—58
אַז מ׳וויל דווקא זיין אַ רעדנער...	58—60
וואָס יידן מאַכן אַלץ	60—61
אַ נייער בירגער	62—64
ביי אַן אויטאָבוס־סטאַציע	64—66
אַ פאַרמיטלער פון הייזער	66—69
ער זוכט אַ וווינונג	70—71
אַ נייער שכן	72—75
אין קינאָ	75—77
אַ שותף ...	77—80
געביטן זיך מיט די ווייבער...	80—83
צוליב אַ טעות	83—85
גלאַט אַזוי	85—87
ער האָט געהערט זיין בעל־הבית...	87—91
וועגן דאָקטוירים	91—93
אַ דאָקטאָר האָב איך...	93—96
אַ שלעכטער חולה...	96—98

געקומען פרעגן אַן עצה ביים דאָקטאָר — 99—101
אַ פינגער האָט מיר ווײ געטאָן — 102—103
ער האָט אַ דאָקטאָר — 104—107
מ׳איז געקומען מיך מבקר חולה זיין — 107—109
אַ זון אַ דאָקטאָר — 110—111
ער איז אויף אַ דיעטע — 112—114
כ׳בין שויך געזונט... — 115—117
אַ מיטל צו איינזאַמקייט... — 118—119
נאָר נישט באַקלאָגן זיך... — 120—121
אין מיוזנבערג — 122—125
אלמנות אויף האָלידיי... — 125—128
מיוזנבערגער דאַטשע — 128—130
האָלידיי־גליקן... — 130—132
כשרע האָטעלן... — 133—135
זיי טאָרן נעבעך ניט עסן... — 135—137
געוואָלד נודניקעס... — 137—138
אַ האָלידיי אין דער היים — 139—140
ער האָט געזוכט אַן אָרט... — 141—143
זי האָט פיינט צו באַריידן — 143—144
אַ יידישע מאַמע באַקלאָגט זיך... — 145—146
חלומות פון היינטיקע מאַמעס... — 147—148
היינטיקע טעכטער — 149—150
ער האָט ריטייערד... — 151—153
צו וואָס האָט עס מיר געלוינט? — 153—154
„טהע אָלד מען“... — 155—156
שוין בעסער זיין טויב... — 157—159
צוליב שלום־בית — 159—161
אַ געמיטלעכער שמועס — 161—163
זיי האָבן זיך פאַרליבט... — 163—165
פון די גרינע יאָרן — 165—167
אויס נאָר — 167—169
אַ באַגעגעניש... — 169—171
צוליב חלומות... — 172—174
אַ מעשה מיט הינט... — 175—177
אַן עצה — 178—181
אַ טוריסט... — 181—183

אַנשטאָט אַ פֿאָרוואָרט

מיין גאַנץ לעבן, אין וואָכנדיקע און אין יום־טוב טעג, אין גוטע און אין שלעכטע צייטן, רוף איך זיך — אַזוי אין דער אַלטער היים און אַזוי אין די נייע היימען — מיט מיין פּשוטן יידישן נאָמען — הערש. הערש איז געווען מיין נאָמען אין דער אַלטער היים און הערש איז מיין נאָמען אין דער נייער היים. איך האָב פיינט פרעמדע נעמען, איך האָס זיי. דעריבער רוף איך זיך נישט הערי, הײמי, הערמאַן, העריס, הענדריק, הענריך, העניעק, הערץ און נאָך אַזעלכע און ענלעכע נעמען מיט וועלכע יידן באַפּוצן זיך. מיין נאָמען איז — הערש.

און פּונקט ווי מיין נאָמען וואָס האָט זיך נישט אַרויפגעאַרבעט און געננמען קליידן אין פרעמדע פעדערן, אַזוי בין איך גופא אויך געבליבן דער זעלבער, אָן ענדערונג. נישט איך האָב מיין נאָמען געביטן אויף פרעמדע נעמען, און נישט איך גופא האָב זיך געביטן און געדרייט. כ׳בין געבליבן דער זעלבער ווי אַמאָל, דער זעלבער פון דער אַלטער היים, דער זעלבער פּראָסט און פּשוטער ייד — הערש.

איך האָב קיינמאָל זיך נישט געיאָגט צו אַנדערע וועלטן, צו מאָדערניזירן זיך, איך האָב דאָס פיינט ווי דעם טויט. איך האָב געהאַסט און האָס אויך איצט דעם סנאָביזם און אַסימילאַציע.

פּונקט אַזוי בין איך אויך געבליבן היינטערשטעליק און געבליבן דער אַמאָליקער, דער נישט היינט־צייטיקער, וואָס לויפט און פליט צו פרעמדע וועלטן, צו אַ פרעמד לעבן, צו נישט אייגענער יידישער אַנגעהעריקייט — צום פוסטן אָפּגרונט.

צי דאָס איז שיין און גוט אַזוי אין אונדזער היינטיקער וועלט, ווייס איך נישט, דאָך שעם איך זיך נישט מיט דעם. מעגלעך, פיל וועלן לאַכן פון מיר, דאָס איז דאָך מיין כוונה. איך זשעניר זיך נישט און בין שטאָלץ וואָס איך בין דאָס, וואָס איך בין...

מיך פרייט וואָס איך האָב אויסגעהאַלטן און נישט מיטגעריסן געוואָרן מיט דעם אַרום, און געבליבן דער זעלבער נאַאיווער ייד ווי אַמאָל.

מיין גאַנץ לעבן איז מיר געווען חשוב און טייער דער פּאָלקס־מענטש, דער פּשוטער עמך־ייד. ער איז מיר אַלעמאָל געווען ליב און טייער, און אַזוי איז ער ביי מיר פאַרבליבן ביזן היינטיקן טאָג.

איך דערוױיטער זיך און אנטלויף פון סנאָבן, פון אסימילאַטאָרן. איך האָב אויך פײַנט אזעלכע וואָס מאַכן דעם אָנשטעל, אז זיי זײַנען רעטער און טוער. איך האַס פאַלשקייטן און אזעלכע וואָס גרויסן און בלאָזן זיך.

שטענדיק זוך איך פּשוטע יידן, פאָלקס־מענטשן. איך דערנענטער זיך אלע־מאָל צו זיי, און זיי זײַנען מיר ליב און טײַער.

פּונקט ווי איך האָב ליב באַשיידנקייט, אזוי זײַנען מיר טײַער די באַשיי־דענע, די גוט האַרציקע שטילע יידן, וואָס טומלען נישט, וואָס ליאַרמען נישט, וואָס מאַכן נישט קיין ווינט. און ארום זיי פילט זיך אַ וואַרעמע מענטשלעכקייט.

אַ שאָד, אַ גרויסער שאָד וואָס די יידן האָבן מיר ווייניק, נאָך ערגער איז וואָס זיי ווערן אַלץ ווייניקער. מיר פאַרלירן זיי לעצטנס — די טײַערע פּערל און בריליאַנטן.

מיר איז שטאַרק דערווידער די געענדערטע נעמען: די לאַזאַרס, מאָרי־סעס, פיליפּס, הענריקס, העריס, מאַקסיס, דזשייקאָבס און אנדערע פאַר־פרעמדע און סנאָבישע נעמען.

דערפאַר בין איך צופרידן, וואָס איך האָב זיך נישט געלאָזט פארפירן און אַראָפּפירן פון יידישן שליאַך, פון יידישן פאָלקס־וועג און נישט געוואָרן מיט־געריסן מיטן צווילדעוועטן און פוסטן שטורעם.

איך בין צופרידן וואָס איך בין נישט געוואָרן מאָדערן, נישט געענדערט זיך, איך בין צופרידן, וואָס איך האָב דאָס אפילו נישט בדעה צו טאָן.

איך בין צופרידן מיט מײַן הינטערשטעליקייט און מיט מײַן נאַאיווקייט.

מיר אַרט נישט ווען עס געפינען זיך אַזעלכע וואָס קוקן קרום אויף מיר און שמייכלען אָדער לאַכן פון מיר: — ער איז דאָך געבליבן דער זעלבער פון אַמאָל, דער זעלבער פון דער אַלטער היים, דער זעלבער ווי אין כעלם...

אויך אַרט מיך נישט ווען מען לאַכט פון מיר — פאַרקערט, איך בין גאָר צופרידן דערפון. זאָלן יידן לאַכן.

נוסח שרייבן

איך האָב ערגעץ אין אַ צייטונג אָדער א זשורנאַל געלייענט א שרייבעכץ פון אַ שרייבער, וואָס לאַכט אָפּ פון דעם נוסח שרייבן פון אַנדערע, אז דאָס רוב שרייבער שרייבן האָץ־קלאָץ־פּאָליצע, מעשיות נישט געשטויגן און נישט געפלויגן, און פּאָעזיע — גראַם־שטאַם מאַך מיר אַ לעטניק... שרייבער קאַזשעליקמאַכער וואָס שטעלן זיך אויפן קאָפּ, שרייבן אָן אַ טאָלק, אָן טעם, וואָס כאַפּט אָן אַ חלשות...

בעת מעשה האָט זיך יענער שרייבער צעשריבן וועגן דעם ענין־שרייבן, אין דער לענג און אין דער ברייט, אין דער הויך און אין דער טיף, אָפּגעלאַכט פון אנדערע ווי זיי שרייבן, אז זיי גליטשן זיך אוועק, מיט זייערע פעדערס, אויף גליטשיקע וועגן, גייען ארונטער פונעם סדר הדרך, אוועק פונעם שליאַך, שרייבן לשם שרייבן און זאָגן דערמיט גאָרנישט, טאַקע גאָרנישט שבגאָרנישט...

און יענער האָט זיך צעוואַרעמט און צעהיצט, בעת מעשה אריינגעזאָגט אין טיפן ריף אריין, אז פיל שרייבער נוצן אין זייער שרייבן פאָררעדעס מיט נאָכרעדעס, ריידן פון אָנהויב און צום סוף און אָן אַ סוף, און אינמיטן זאָגן זיי גאָרנישט... מאַכן פון אַ וואָרט אַ קוואָרט — אַ גאַנצן ים מיט מוטנעם וואַסער...

דער שרייבער איז ארויס מיט קריטיק, אז מאַנכע שרייבער האָבן אַ טבע מיט זייער שרייבן צו מאַכן אַ ווינט. נישט נאָר אַ ווינט מאַכן זיי, נאָר אַ גאַנצע זאַווערוכע. עס נעמט אזש דרייען דער מוח, די קישקעס מיטן גאַנצן אינגעווייד צוזאַמען — אָט אזא ווירקונג האָט דאָס שרייבען פון יענע שרייבער...

ביי מיר, — האָט יענער שרייבער קלאָר געמאַכט, — גייט דאָס שרייבן אנדערש. קודם־כל זוך איך נישט מיטן שרייבן קיין פּובליסיטי, כ׳דאַרף דאָס האָבן אויף כּפּרות — און אַ מעלה האָב איך, כ׳שרייב קורץ! איך האַלט פונעם כלל: וואָס קירצער אלץ בעסער, אַלץ גלאַטער, אַלץ שאַרפער, אַלץ אָנציענדער און פיל זאָגנדער; ווי זאָגט מען עס — קורץ און שאַרף!...

דעריבער, ווען איך נעם זיך שרייבן, וויל איך נישט באַלאַמוטשען, נישט מאריך־זיין, נישט פטרן קיין צייט, נישט גיין קיינעם אויף די נערוון און נישט קריכן אויף גלאַטע ווענט, ווי מאַנכע שרייבער. איך טרעט גלייך צו צום ענין, צו דער זאַך, צום עיקר, אָן נאַרישקייטן און אָן פּוסטע רייד, אָן הויות און שהיות. איך נעם איידל די פעדער צו שרייבן וועגן וואָס כ׳האָב בדעה.

מיין שרייבן איז פשוט, וואָס פשוטער קען גאָרנישט זיין. מיינע ווערטער וואָס איך באַנוץ, זיינען איינפאַכע און קלאָרע — קלאָר ווי ציכטיקע וועש אָדער ווי פליסנדיק וואַסער... איך בין נישט, ווי אַנדערע מחברים, וואָס צאַצקען זיך מיט זייערע שרייבאַכצן, וואָס מאַכן אָנשטעל מיט זייערע אומפאַרשטענדלעכע ווערטער און פראַזן, ציען זיי, ווי די קונצן־מאַכער — סטענגעס, האָבן נישט קיין שום באדייטונג, נישט די ווערט אַ ציבעלע שאָלעכץ, קיין שמעק טאַבאַק...

דעריבער שרייב איך קורץ, אָן טענות־מענות, אָן באפּוצונגען, אָן קונצן, אָן בלאָף און אָן אָנשטעל. איך פּראָדוציר נישט קיין פּוסטע מאַכערייקעס מיט קלאָטשע. איך שרייב פאַרשטענדלעך, אז דער לייענער מיינער זאָל באַלד באַ־גרייפן מיין שרייבן, נישט דאַרפן טראַכטן, דענקען וועגן וואָס איך שרייב. איך שרייב אָן הקדמות, אָן פאָררעדעס, מאַך נישט קיין שהיות מיט הכנות, זאָג נישט דאָס און מיין עפּעס אנדערש. זאָג באלד וואָס כ'האָב געוואָלט זאָגן. תכיף־ומיד גיי איך צו צו דער זאַך, צום עצם־ענין, צו דער טעמע, צום פּראָבלעם און עיקר.

כ'האַלט נישט פון דעם, ווי מאַנכע שרייבער, צו פירן דעם לייענער פריער אין פאָדערהויז, שפּעטער — אין קאָרידאָר, נאָכדעם — אין עס־צימער, רו־צימער, שלאָף־צימער. איך, דאַקעגן, נעם דעם לייענער און פיר אים גלייך אריין אינעם שלאָף־צימער... דאָ געפינט ער טאַקע באַלד, וואָס ער פאַרלאַנגט... און טאַקע גאָרנישט ווייניק לייענער מיינע זיינען מיר דערפאַר דאַנקבאַר און ווינטשן מיר דאָס אייביקע לעבן...

אזוי פיר איך זיך, אזוי גיי איך מיר מיין שרייבערישן וועג און גאַנג. כ'גיי מיט געזונטע און זיכערע טריט, נישט ווי אַנדערע וואָס זייערע פיס און זייער גאַנץ וועזן וואַקלט זיך, גייט אַ זיג־זאַגישן וועג, אמאָל רעכטס, אמאָל לינקס — און אָפט — אָן אַ ציל, נישט אַהער און נישט אַהין, לא יצלח'דיק, ווי אַ שיכור, ווי אַ לונאַטיקער, ווי איינער וואָס איז ארונטער פון סדר־הדרך און פון סדר־השכל... און וואָס ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס און לייב און לעבן...

דעריבער, ווען מען לייענט נאָר דעם אָנהויב פון מיינס אָן אַרבעט, א שריי־בעריי, זעט מען באַלד טאַקע פונעם אָנהויב ווי דער סוף וועט אויסקוקן. מען קען זיך באַלד אָנשטויסן, און קלוגע לייענער פאַרשפּאָרן צו לייענען דעם סוף, ווען זיי הויבן נאָר אָן צו לייענען מיך... דאָס איז די מעלה, די קונסט, די גרויס־קייט און דאָס וויכטיקע פונעם שרייבן בכלל — און פון מיין שרייבן בפרט. — אזוי האָט פאַרענדיקט יענער שרייבער, דער „וועג־ווייזער" און „אָנווייזער", ווי מען דאַרף שרייבן...

גאָרנישט קיין שלעכטער אָנווייז און נוסח — ווי צו שרייבן...

מײַנע לײענער...

איך האָב פיל לײענער װאָס זײַנען צופרידן פון מײַן שרײַבן. אַנדערע זאָגן דאָס מיר פּערזענלעך, אַנדערע לױבן מיר אין ידידה־בריװלעך, און אַנדערע זאָגן דאָס מיר טעלעפאָניש און דריקן אױס זײער דאַנקבאַרקײט פאַר מײַן שרײַבן.

איך האָב לײענער װאָס בעטן מיך שרײַבן ביכער און הומאָרעסקעס. זײ האָבן ליב צו לײענען מײַנע הומאָרעסקעס. זײ פאַרזיכערן מיר, אַז װען זײ װערן קראַנק איז די בעסטע רפואה פאַר זײ מײַן שרײַבן, מײַנע פרײלעכע שטיקלעך העלפן און שטאַרקן זײ.

װען ײדן פאָרן אױף װאַקאַציע נעמען זײ מיט מײַנע ביכער און האָבן פון זײ הנאה. אין באַן, אין עראָפּלאַן, װען זײ איז אומעטיק אױפן האַרצן, קװיקן זײ זיך מיט מײַנע הומאָרעסקעס — אַזױ זאָגן זײ.

איך האָב לײענער װאָס זאָגן אַז מײַנע ביכער העלפן זײ בעסער װי דאָקטױרים מיט זײערע מעדיצינס. אַ ײד האָט מיר דערצײלט, אַז ער איז שױן געװען בײַ אַ סך דאָקטױרים װאָס האָבן אים געגעבן פאַרשײדענע מעדיצין צום שלאָפן. ס׳האָט אים אָבער געהאָלפן װי אַ טױטן באַנקעס. דערפאַר האָט מײַנס אַ בוך אים יאָ געהאָלפן — װי נאָר ער האָט גענומען לײענען איז ער גלײַך אײַנגעשלאָפן...

אַנדערע ײדן האָבן מיר דערצײלט ענלעכע געשיכטעס. זײ האָבן גרױס הנאה און נוצן פון מײַן שרײַבן.

אָבער דאָס װאָס עס האָט מיר לעצטנס דערצײלט אַ ײד, װאָס איז צופרידן פון מײַנע ביכער און הומאָרעסקעס, איז גאָר עפּעס אַנדערש — עפּעס אַן אױסנאַם.

דער ײד האָט מיר דערצײלט, אַז װען נישט מײַנע ביכער װאָלט ער גאָר נישט געקאָנט לעבן און עקסיסטירן. ער האָט מיר דערקלערט, אַז מײַנע ביכער האַלטן אים אױף, מוטיקן און שטאַרקן אים, גיבן אים קראַפט צו אַרבעטן.

דער לײענער איז אודאי נײַגעריק צו װיסן װאָס פאַר אַ סאָרט ײד דאָס איז, װעל איך אים פאַרשטעלן: אַ קורצער, אַ פעטלעכער מיט רױט־אַנגעבלאָזענע באַקן, מיט אױגן פון אַ פאַפוגײ. זײַן באַשעפטיקונג — ער אַרבעט בײַ דער חברה־קדישא — ער היט די טױטע...

דער ייד האָט מיר געזאָגט, אז ווען נישט מיינע ביכער, וואָלט ער נישט געווען בכוח אָנצוהאַלטן זיין פּראָפעסיע. ווען נישט מיין פריילעך שרייבן, וואָלט ער נישט געהאַט קיין מוט און חשק צו היטן די מתים...

ווען עס קומט אים אויס צו זיצן ביי א מת בייטאָג צי ביינאַכט, נעמט ער זיך נישט איבעריק צום האַרצן. ער טראַכט נישט פון מת, ער קוקט אפילו נישט אויף אים. ער נעמט און עפנט מיינס אַ בוך און ער לאַכט זיך גוט אויס. פון יעדער פריילעכער הומאָרעסקע קומט אים צו געזונט. ער פילט גאָרנישט אז ער זיצט און היט אַ מת. אים דאַכט זיך אז ער זיצט אין אַ געזעלשאַפט פון פריילע־כע פאַרשוינען, וואָס יעדער פון זיי דערציילט פריילעכע וויצן און מען לאַכט זיך אויס פון טויט.

אַ סך מאָל — זאָגט מיר דער ייד — ווען ער זיצט אינמיטן נאַכט אליין מיטן מת, צעלאַכט ער זיך אזוי שטאַרק אויפן קול פון מיינע הומאָרעסקעס, אז אים דאַכט זיך, דער מת לאַכט אויך מיט אים מיט... אנדערע מאָל לאַכט ער אזוי הויך, אז ער דערשרעקט זיך, ער זאָל חלילה מיט זיין לאַכן נישט אויפוועקן דעם טויטן...

דער ייד זאָגט מיר, ווען ער לייענט מיינע זאַכן לויפט אזוי גיך אוועק די נאַכט, אז ער פילט ווי אויפוועקן דעם טויטן, ער זאָל אָפּהאַלטן די נאַכט פון אזוי גיך לויפן...

דער ייד דערקלערט מיר, אז ער איז נים אזוי ווי אַנדערע, ער איז ניט קיין עגאָאיסט. ווען ער לייענט האָט ער ליב צו לייענען הויך אויפן קול, נישט פאַר זיך גופא — זאָל אויך דער מת וואָס ער היט הערן און האָבן הנאה...

ווען ער לאַכט פון מיינע פריילעכע זאַכן, קוקט ער אויפן טויטן, אויב ער לאַכט מיט אים מיט. און אז ער זעט דער טויטער לאַכט נישט, פאַרדריסט דאָס אים פאַרוואָס דער מת פאַרשטייט נישט קיין וויץ... און ער קלאָגט זיך: דער מת איז אַ פּראָסטער חי וקים וואָס פאַרשטייט נישט קיין יידיש וואָרט.

ווען ער זעט אַ צעקרימטן שמייכל אויפן טויטנס פנים, האָט ער הנאה און זאָגט: אזא ייד האָב איך ליב. פאַר אזא יידן וועל איך לייענען אייערע פריי־לעכע זאַכן — ער פאַרשטייט זיי, ער שמייכלט.

דער ייד האָט גערעדט מיט היץ, דערציילט מיר פיל מעשיות פון די מתים וואָס ער היט, פאַר וועמען ער לייענט מיינע פריילעכע זאַכן...

אויסהערנדיק דאָס האָב איך דערפילט א שטיקל טרייסט: אויב מיינע ביכער און הומאָרעסקעס האָבן נישט קיין דערפאָלג ביי די לעבעדיקע, האָבן זיי דערפאַר דערפאָלג ביי די טויטע — אַ דאַנק דעם חברה־קדישא־מאַן וואָס מאַכט זיי פאָפּולער צווישן זיי...

איבער וואָס אַרבעטן אונדזערע שרייבער?

צום ערשטן בין איך אַוועק צום שרייבער איקס. איך האָב אים געטראָפן שטאַרק פאַרנומען מיטן רייניקן די פּיפּקע זיינע און מיט הוסטן. ווען ער איז געוואָר געוואָרן וועגן וואָס איך בין געקומען, האָט ער מיר דערקלערט אַז שוין 10 חדשים שרייבט ער גאָרנישט, מחמת ער איז פאַרנומען מיט... הוסטן. ער האָט געכאַפּט אַ ביטערע צוקילונג — און הוסט. ווען ער וועט ווערן געזונט, האָט ער געזאָגט, וועט ער זען וואָס ער האָט צו טאָן. דאָס ערשטע וועט ער שרייבן צו זיין רייכן קרוב אין אַמעריקע, אַז ער זאָל אים אריבערנעמען צו זיך.

דעם צווייטן באַזוך האָב איך געמאַכט ביים שרייבער איגרעק. אים האָב איך געפונען לייענען אַ צייטונג. אויף מיין פראַגע צי ער שרייבט עפּעס, האָט ער זיך געבייזערט און געזאָגט:

— איר זעט דען נישט וואָס איך טו? איז וואָס פרעגט איר מיך צי איך שרייב? איר זעט דאָך אַז איך לייען גאָר!

אַ געפּלעפּטער בין איך אַוועק פון שרייבער איגרעק, און זיך אריינגעכאַפּט צום פּאָעט זלמן קלאַמקע.

— אַ גוט מאָרגן אייך, קאָלעגע קלאַמקע!

— גוט מאָרגן. וואָס וועט איר זאָגן גוטס?

— איך בין געקומען אין שייכות מיט אַן אַנקעטע, איבער וואָס אונדזערע שרייבער אַרבעטן.

אַזוי. אינטערעסאַנט. וואָס זשע ווילט איר וויסן?

— איך וויל פון אייך הערן, איבער וואָס איר ארבעט?

— איך? איך ארבעט איצט איבער מיין הויז... רעמאָנטיר דאָס, בין שטאַרק פאַרנומען. עס וועט נעמען שיינע חדשים ביז איך וועל זיין פאַרטיק דערמיט. איך וויל צובויען אַן עקסטרע צימער — א סטודיע פאר מיר צום אַרבעטן.

— און וואָס איז מכוח שרייבן. איר שרייבט עפּעס? — האָב איך אים געפרעגט.

— דערווייל שרייב איך בריוו, טשעקס, וועקסלען!

איך בין אוועק פון פּאָעט זלמן קלאַמקע און האָב אויפגעזוכט דעם שריי־בער גדליה וואַסערגיסער:

— גוט מאָרגן, חבר גדליה!

— גוט מאָרגן. וואָס עפּעס פּלוצלונג, ווי אַ יון אין סוכה אריינגעפּאַלן?

— מיר פירן דורך אַן אַנקעטע איבער וואָס אונדזערע קאָלעגן, יידישע שרייבער, ארבעטן?

— זייער פיין. וואָס פאַרלאַנגט איר פון מיר?

— איר זייט דאָך אַ יידישער שרייבער, וויל איך האָבן מיט אייך א שמועס, דערוויסן זיך איבער וואָס איר אַרבעט, וואָס איר שרייבט?

— איך האַלט נישט פון די זאַכן.

— פון וועלכע זאַכן?

— פון אויסזאָגן פון חדר וואָס איך שרייב, איבער וואָס איך ארבעט! זאָגט מיר, פרעג איך אייך, וואָס איר טוט, וואָס איר שרייבט? אז איך וועל עפּעס אָנשרייבן און דאָס דרוקן, וועט איר דאָס זען און איר וועט פארשפּאָרן מיך פרעגן קלאָץ־קשיות!

— חבר גדליה, איר דארפט נישט בייז זיין. כ׳גיי חלילה נישט אויסנאַרן פון אייך אייערע טעמעס. כ׳וויל נאָר וויסן מיט וואָס איר זייט פארנומען?

— דערווייל בין איך פאַרנומען מיט שמועסן מיט אייך. אז איר וועט מיך לאָזן אליין, וועל איך זען וואָס איך האָב צו טאָן. גייט אייך געזונטערהייט און לאָזט מיך צורו!

אַ באַליידיקטער בין איך אוועק פון שרייבער גדליה וואָסערגיסער און בין אַוועק צום שרייבער חיים ציקאָריע. ווען איך בין אריינגעקומען ביי אים אין שטוב, האָט ער געהאַלטן אין מיטן אויסטאָן זיך. ער האָט אויף מיר אויסגע־שטעלט א פּאָר אָקסענע אויגן און געפרעגט:

— ווער איז דאָרט?

— איך. איר דערקענט מיך נישט? — האָב איך זיך אָפּגערופן — איך בין געקומען אין אַ וויכטיקער שליחות צו אייך.

— וואָס פאַר אַ שליחות? פון ווען אָן זייט איר עס געוואָרן אַ שליח, ווער האָט אייך צו מיר געשיקט?

— קיינער האָט מיך צו אייך נישט געשיקט. איך בין אליין געקומען.

— צוליב וואָס?

— אז איר וועט זיך אוועקזעצן און מיך בעטן זיצן, וועלן מיר שמועסן.

— איר קענט זיצן, אָבער נישט איך.

— פאַרוואָס קענט איר נישט זיצן? — האָב איך געפרעגט.

— ווייל, ווייל — האָט ער פאַרקרימט געענטפערט, — כ׳האָב אַן אַנריי־סונג אויפן גוטן אָרט... נו, זאָגט וואָס איר ווילט?

— איך פיר דורך אַן אַנקעטע וועגן דעם איבער וואָס אונדזערע יידישע שרייבער אַרבעטן.

— וועגן דעם זייט איר געקומען צו מיר ?

— יאָ, וועגן דעם.

— המה, דערווייל אַרבעט איך... ניין, איך אַרבעט נישט. איר זעט דאָך אַז איך טו זיך אויס. איך בין פאַרנומען מיט דער אָנרייסונג מיינע, איך גיי האָבן אַ הייסע וואַנע !

— און וואָס איז מכוח אייער שרייבן ?

— איך שרייב נישט. איך האָב איך שוין געזאָגט אַז איך האָב אַן אָנריי־סונג, איך קאָן נישט זיצן. וואָס ווילט איר, אַז איך זאָל שרייבן שטייענדיק ? — האָט ער בייז געענטפערט.

איך האָב געזען אַז איך וועל גאָרנישט מאַכן, האָב איך איבערגעלאָזט מיין קאָלעגע מיט דער אָנרייסונג און זיך געלאָזט זוכן אַנדערע שרייבערס.

איך בין געקומען צום שרייבער געצל פילפעדער. ער האָט מיך פריינדלעך אויפגענומען :

— האַלאָ, אַי, אַ גאַסט, זעצט זיך ? איר וועט אפשר טרינקען אַ גלעזל טיי?

— אויב עס איז אייך נישט שווער.

— איר רעדט נאַרישקייטן. וואָס איז דאָ שווער מכבד זיין אַ קאָלעגע מיט אַ גלעזל טיי ?

— ביי אַנדערע איז דאָס שווער — האָב איך זיך אָפּגערופן. — אָט בין איך געווען ביי עטלעכע קאָלעגן, האָט קיינער פון זיי נישט אָנגעבאָטן קיין טיי.

— פאַרדאָרבענע מענטשן. איך קאָן אַזוי נישט זיין ! — האָט ער געזאָגט — צו מיר אַז מען קומט, בין איך מכבד מיט טיי, מיט בראַנפן, אפילו מיט אַ מאָל־צייט. אפשר ווילט איר עפּעס עסן ?

— אויב עס איז אייך נישט שווער — האָב איך געזאָגט — וואָלט איך געכאַפּט אַ ביס.

— וואָס שווער־שמער — האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן און געזאָגט — קומט, אָט דאָ נישט ווייט געפינט זיך אַן איטאַליענישער רעסטאָראַן. קומט, מיר וועלן דאָרטן צובייסן. זייער געשמאַקע עסן !

—איך גיי נישט אין קיין רעסטאָראַנען.

— וווּ ווילט איר קריגן עסן, אין אַ גאַראַזש ? אויפן בית־עולם, אין אַ מוזעאום ? — האָט דער שרייבער געצל פילפעדער מיך געפרעגט.

— לאָזט עס אויס, איך בין נישט געקומען צו אייך עסן. איך בין געקומען וועגן אַן אַנדער ענין.

— וואָס פאַר אַן ענין? איר האָט אוודאי א שידוך פאַר מיר?

— איך בין נישט קיין שדכן.

— איך ווייס דאָס. אָבער אמאָל ווייסט איר פון אַ פּאַסיקן שידוך. מען דאַרף נישט זיין קיין שדכן! הלמאי, איר זייט נישט קיין שרייבער, דאָך שרייבט איר!

דאָ האָב איך דערפילט ווי מיט אַ האַמער איבערן קאָפּ און בין אוועק אָן אַ גוטן טאָג.

איך האָב שוין נישט געפילט מער צו גיין צו אנדערע שרייבערס. איך האָב באַשטימט צו שיקן אַן אַנדערן — זאָל ער האָבן דאָס פאַרגעניגן און אויס־געפינען איבער וואָס אונדזערע שרייבער זיינען פאַרנומען.

איך האָב אויפגעזוכט מיין חבר, דעם שרייבער קלמן טרייטל, און אים אי־בערגעגעבן די שליחות אויסצוגעפינען איבער וואָס אונדזערע שרייבער אר־בעטן. ער איז אַוועק צו עטלעכע שרייבערס. ער איז געווען מזלדיקער פון מיר, איינס און צוויי האָט ער אויסגעפונען איבער וואָס זיי ארבעטן און האָט מיר קורץ דערקלערט:

— אונדזערע שרייבער ארבעטן איבער זייערע כוחות. אלע זיינען באַ־שעפטיקט — איינער מיט שפּילן קאָרטן, אַ צווייטער מיט מסחר, אַ דריטער מיט אַ לינקע ליבע, אַ פערטער איז פאַרנומען ביים בית־דין מיט גטן זיך מיט זיין ווייב. אנדערע זיינען פארנומען מיט קריטיקירן און ארונטעררייסן זייערע קאָלעגן שרייבער. אנדערע, ווידער, זיינען פארנומען מיט זוכן גמילת חסדים. איין שרייבער האָב איך געטראָפן, איז ער פארנומען מיט איבערזעצונגען — ער זעצט איבער פלאַנצונגען אין זיין גאָרטן.

דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון דער אַנקעטע, וועגן אונדזערע שרייבערס איבער וואָס זיי אַרבעטן...

אַ קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר

די צייטונג „דאָס האַלצערנע וואָרט" האָט אנאָנסירט, אז זי דאַרף האָבן א רעדאַקטאָר. זי האָט געמאָלדן אז דער רעדאַקטאָר דאַרף ניט זיין א מענטש מיט טיטולן, דאַרף ניט האָבן קיין דאָקטאָר־דיפּלאָם, דאַרף ניט זיין קיין פּראָפּע־סאָר אָדער האָבן וועלכע עס איז ספּעציעלע קוואַליפיקאַציעס — אָבער דערפאַר דאַרף ער זיין א געזונטער מענטש מיט א שטאַרק האַרץ, צו קענען איבער־טראָגן די צרות וואָס ער וועט האָבן אַלס רעדאַקטאָר.

דער קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר מוז זיין א מענטש אָן אַמביציע, אָן גאַל, ווייל קוים האָט ער אַ גאַל, וועט זי לאַנג ניט אויסהאלטן — זי וועט גיך פּלאַצן.

די קוואַליפיקאַציעס זיינע דאַרפן זיין פאָלגענדע: ער דאַרף קענען שרייבן און לייענען, זיין פעאיק צו פאַרריכטן וואָס אנדערע מאַכן קאַליע און מוז אויך זיין דער קאָרעקטאָר. קיין גרויסע קענטעניש דאַרף ער צו דעם ניט האָבן. אויב די קאָרעקטורן וועלן ניט ארויסקומען אזוי גוט איז ניט געפערלעך, ווייל סיי ווי לייענט זיי קיינער...

חוץ רעדאקטאָר וועט דער קאַנדידאַט אויך דאַרפן זיין די אָפּיס־מיידל, ווייל „דאָס האָלצערנע וואָרט" האלט ניט קיין אָפּיס־מיידלעך, עס באַצאָלט זיך ניט. מיר האָבן אַמאָל געהאַלטן אַ מיידל, האָבן מיר געהאַט פון איר געבערענטע צרות — דער רעדאַקטאָר האָט זיך כסדר צו איר געטשעפּעט, און ווען ער האָט זיך ניט געטשעפּעט צו איר, האָט זי זיך געטשעפּעט צו אים. אזוי איז עס אָנגעגאַנגען ביז זיי האָבן זיך ערנסט פאַרטשעפּעט און געמוזט חתונה האָבן.

דערפאַר זוכן מיר איצט אַ רעדאקטאָר וואָס זאָל זיין פעאיק אויסצופירן די ארבעט פון אַן אָפּיס־מיידל. פיל ארבעט איז נישטאָ. מען דאַרף נאָר יעדן חודש ארויסשיקן חשבונות צו די לייענער, זיי זאָלן ארייַנשיקן זייער אָפּצאָל פאַר דער צייטונג. נאָר אזוי ווי מיר האָבן ניט פיל לייענער, וועט ער ניט האָבן פיל אַרבעט צו טאָן.

יאָ, מיר האַלטן אויך ניט קיין שיק־יינגל און קיין שוואַרצן צו טאָן די שוואַרצע ארבעט. דאָס מוז דער רעדאַקטאָר אליין טאָן. עס איז ניט קיין שווע־רע ארבעט, ווייל מיר האָבן ניט וואָס צו שיקן און צו וועמען צו שיקן. קיין טיי מאַכן מיר ניט, וועט דער רעדאקטאָר פאַרשפּאָרן די ארבעט פון וואַשן גלע־

זער מיט טעלער. דערפאַר אָבער וועט ער האָבן אַ ביסל אַרבעט ביים אָפּרייניקן די פאַרשטויבטע פּאָליצעס און דאָס איינפּאַקן די צייטונגען.

די ארבעט איז ניט מער ווי אַ 5—6 שעה אין טאָג. פרייטיק און שבת וועט ער ניט דאַרפן קומען אין רעדאַקציע. אין די טעג וועט ער האָט אַ מעגלעכקייט צו גיין זוכן אַנאָנסן מיט נייע סובסקרייבערס.

דאָס געהאַלט וואָס מיר צאָלן איז פופצן ראנד מיט 75 סענט א וואָך, חוץ קאָמישן פאר אריינגעבראַכטע אנאָנסן און נייע סובסקרייבערס, פאר וועלכע מיר צאָלן פופצן פראָצענט. צו דעם צאָלן מיר באזונדער 35 פּראָצענט צו־שטייער פאר דאָקטוירים און רפואות, אזוי אז עס לוינט דעם רעדאַקטאָר צו קרענקן.

מיר דערלויבן יעדן איינעם וואָס נעמט אָן די שטעלע פון רעדאַקטאָר, אין זיינע פרייע שעהן, צו טאָן וואָס ער וויל און פאַרדינען פאַר זיך עקסטרע געלט. אונדזער פריערדיקער רעדאַקטאָר האָט א חוץ זיין שטעלע ביי אונדז, געהאַט נאָך דריי שטעלעס: עס איז געווען אַסאַרוואַר אויף חתונות, אַ „דאָרמען" אין אַ „בייסקאָפּ" און אויך פארקויפט אינשורנס־פּאָליסיס. אמבעסטן האָט זיך אים באַצאָלט אַלס סאַרוואַר אויף חתונות. דאָ איז ער כאָטש געווען זיכער אז הונ־געריק וועט ער דעם טאָג ניט זיין. די צרה איז געווען וואָס ער איז א גרויסער זולל וסובא, האָט ער זיך איבערגעגעסן, פאַרדאָרבן דעם מאָגן און באקומען אַלסערס, פון וועלכע ער ליידט ביזן היינטיקן טאָג.

מיר ראָטן ניט קיין רעדאַקטאָר צו ווערן דווקא א סאַרווער אויף חתונות. עס פעלט ניט ביי וואָס צו פאַרדינען אַן עקסטרע פּאָר סענט. ער קאָן ווערן אַ קונצנמאכער אין אַ צירק, פארקויפן בלומען אָדער אייזקרים. אַ לייכטע ארבעט איז אויך צו זיין אַ בייבי־סיטער.

מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַ רעדאַקטאָר איז ער אויך געווען אַ בייבי־סי־טער. אַלס בייבי־סיטער האָט ער פארדינט מער ווי אַלס רעדאַקטאָר. איין טאָג האָט ער זיך טאַקע באַקלערט, אז עס לוינט אים ניט צו זיין מער רעדאַקטאָר, און ער האָט אויפגעגעבן די שטעלע. ער איז געוואָרן א פולטיים בייבי־סיטער. ער האָט דערביי געמאַכט א גרויסן סוקסעס, חתונה געמאַכט זיינע קינדער און איצט טראַכט ער שוין פון ריטייערן.

דער פאַסיקסטער קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר וואָלט זיין א יונגערמאַן, אַ סינגלמאַן, ווייל מיר ווילן ניט אז אַ ווייב מיט קינדער זאָלן חלילה דאַרפן הונגערן. ס'איז אויך אַ מעלה צו האָבן א סינגלמען אַלס רעדאַקטאָר, אמאָל שדכנט זיך צו אים אַ רייכע מיידל, וועט די צייטונג אויפגעריכט ווערן.

מיר האָבן אַמאָל געהאַט איינעם אַ רעדאַקטאָר איז ער געווען אַ רייכער מאַן. האָט זיך אים גראָד פארוואָלט ווערן א שותף צו דער צייטונג. איז ער גיך

געוואָרן אויס רעדאַקטאָר און אויס רייכער מאַן. דערפאַר זוכן מיר ניט מער אַ רעדאַקטאָר וואָס זאָל זיין רייך. אויב עס וועט זיך געפינען אזא וואָס האָט געלט און וויל אָננעמען די שטעלע אַלס רעדאַקטאָר, וועלן מיר ניט זיין דאַ־קעגן — ווייל סיי ווי וועט ער אַלס רעדאַקטאָר לאַנג רייך ניט זיין.

יאָ, מיר מעלדן אויך אז די שטעלע איז אָפן פאר אזעלכע וואָס פארשטייען זיך אין די קליינע אותיותלעך, עס וועט זיי גוט צונוץ קומען. מיר האָבן אַמאָל געהאַט אַלס רעדאַקטאָר איינעם וואָס האָט געקאָנט גוט לערנען. ביז האַלבער נאַכט האָט ער זיך פאַרנומען מיטן לערנען יידישע קינדער, צוגעשטעלט זיי אַלס פאַרטיקע גויים צו זייערע בר־מצוות און געהאַט פון וואָס זיך מפרנס צו זיין.

אַפּליקאַציעס פאַר דער שטעלע אַלס רעדאַקטאָר דאַרפן געשיקט ווערן אויפן אַדרעס פון רעדאַקציע. מען קאָן אויך קומען פערזענלעך אונדז זען.

* * *

מיט עטלעכע טעג שפּעטער איז אין רעדאַקציע „דאָס האַלצערנע וואָרט“ געקומען אַ קליין דאַר יידל און געמאָלדן, אז ער וויל אָננעמען די שטעלע אַלס רעדאַקטאָר.

ווען מען האָט אים געפרעגט וואָס פאַר אַ קוואַליפיקאַציעס ער האָט און וואָס האָט ער פריער געטאָן, האָט דער יידל געענטפערט, אז ער איז געווען אַ שוחט, אַ קברן, אַ מוהל, אַ משגיח, אַ באַקסירער און אַ צאָן־דאָקטאָר. ער האָט אויך געהאַנדלט אמאָל מיט בריליאַנטן, פוטערוואַרג, פאַרקויפט הייזער, בהמות, פערד, און אויך געהאַט אַ פאַבריק פון קליידער. אין דער יוגנט האָט ער געלערנט אין אוניווערסיטעט. ער האָט אויך געהאַט אַ שדכנות־ביוראָ, אַ כשרן רעסטאָראַן, אַ יובעליר־געשעפט. לעצטנס האָט ער געררייזט איבער דער וועלט און געטאָן גרויסע געשעפטן.

מען איז שוין געווען גרייט אים אָנצונעמען אַלס רעדאַקטאָר, האָט זיך ארויסגעוויזן אז עפּעס איז מיט אים ניט אין אָרדענונג — אנשטאָט געבן א האַנט־דרוק, האָט ער די האַנט טיף איינגעביסן און ווילד זיך צעלאַכט...

ס׳האָט זיך ארויסגעוויזן אַז דער קאַנדידאַט אויף רעדאַקטאָר איז געווען אַן אַנטלאָפענער פאַציענט פון אַן אַנשטאַלט פאַר גייסטיק־קראַנקע...

שרייבערישע שנאה...

מיר הערן אָפּט וועגן שרייבער, וואָס איינער דעם צווייטן פאַרגינט ניט... דאָס שרייבן. ווען א שרייבער שרייבט אַן א גוטע, אַן אינטערעסאַנטע זאַך, רופט דאָס ארויס ביי אַ צווייטן שרייבער שנאה און אייפערזוכט.

אָבער נישט אַלעמאָל איז עס אזוי.

פאַראַן שרייבער, וואָס זיינען געטריי זייערע קאָלעגן, פאַרגינען זיי מיטן גאַנצן האַרצן זייער... רייכטום, זייער פאַמיליע־לעבן און אפילו ווען זיי זאָלן געווינען דאָס גרויסע געווינס, וועט זיי דאָס נישט פאַרדריסן און קימערן... אָבער ווען זיין קאָלעגע געווינט אַ שטיקל ליטעראַרישע פּרעמיע, דערוואַכט צו אים אַ שנאה...

אָבער, ווי געזאָגט, נישט אַלע שרייבער זיינען אזוי...

למשל, א שרייבער וואָס פאַרנעמט זיך מיט וויסנשאַפטלעכע שטודיעס וועט נישט ארויסווייזן קיין שנאה צו א צווייטן שרייבער וואָס שרייבט פּראָזע — זאָל דאָס אפילו זיין זייער גוטע פּראָזע.

אויך דער פּראָזע־שרייבער וועט נישט זיין אין כעס אָדער חלילה ארויס־ווייזן א פיינטשאַפט צו א שרייבער, וואָס פאַרנעמט זיך מיטן שרייבן פּאָליטישע ארטיקלען. און דער שרייבער וואָס שרייבט פּאָליטישע ארטיקלען איז פריינד־לעך צו א שרייבער וואָס שרייבט אָפּהאַנדלונגען... וועגן דער סדרה פון דער וואָך.

אַ שרייבער, וואָס שרייבט וועגן דער סדרה פון דער וואָך, איז קיינמאָל נישט בייז און נישט ברוגז אויף זיינע קאָלעגן וואָס שרייבן ארטיקלען וועגן... וועטער. און די שרייבער וואָס פאַרנעמען זיך מיטן שרייבן וועגן וועטער, זיי־נען קיינמאָל נישט קעגן און ווייזן קיינמאָל נישט ארויס קיין אומצופרידנקייט צו שרייבער.. וואָס שרייבן פּאָעזיע.

פּאָעזיע־שרייבער זיינען אלע מאָל גרויסע פריינד מיט שרייבערס וואָס שטעלן צוזאַמען די נייעס פאַר צייטונגען, און זיי וועלן תמיד זיין קאָלעגיאַל און פריינדלעך צו שרייבער, וואָס שרייבן היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען.

מען מערקט אויך ווי שרייבערס פון היסטאָרישע אָפּהאַנדלונגען זיינען גו־טע פריינד מיט שרייבערס, וואָס שרייבן מעדיצינישע ארטיקלען, און די שריי־

בערס וואָס שרייבן מעדיצינישע אַרטיקלען טראָגן נישט קיין בייז האַרץ און שנאה אויף די שרייבערס, וואָס פּאַרנעמען זיך מיטן שרייבן וועגן ספּאָרט.

מען זעט אויך ווי שרייבער פון ספּאָרט זיינען אַלעמאָל גוטע ברידער און פריינד פון די שרייבער, וואָס שרייבן קריטיק־אָפּהאַנדלונגען וועגן ביכער און שרייבער, און די קריטיק־שרייבער זיינען פריינדלעך צו שרייבער וואָס שרייבן וועגן שאַך און אנדערע שפּילערייען.

מערקווירדיק צו זען, ווי שרייבער וואָס ווידמען זייער קונסט פּאַר שאַך און אַנדערע שפּילערייען זיינען גרויסע פריינד מיט שרייבער־הומאָריסטן. און שרייבער־הומאָריסטן לעבן ווי ברידער מיט שרייבער, וואָס שטעלן צוזאַמען די נעקראָלאָגן אין צייטונגען.

אינטערעסאנט איז אַז שרייבער וואָס שטעלן צוזאַמען די נעקראָלאָגן, לעבן אין האַרמאָניע מיט די שרייבער וואָס שרייבן וועגן מוזיק. שרייבער פון מוזיק זיינען די בעסטע פריינד פון שרייבער, וואָס שרייבן וויצן. וויצן־שרייבער לעבן בשלום מיט שרייבער־עסייאיסטן, און אָט אזוי גייט דאָס כסדר.

אנדערש איז אָבער, ווען למשל אַ דיכטער וואָס שרייבט לידער, פּאַרגינט ניט אַ צווייטן דיכטער וואָס שרייבט בעסערע לידער פון אים...

ווען אַ פּראָזע־שרייבער שרייבט אָן אַ גוטע דערציילונג, אַ נאָוועלע, גייט אַ צווייטער פּראָזע־שרייבער ארום אָן אַ קאָפּ און זוכט וועגן ווי אַראָפּצורייסן זיין קאָלעגע...

אויך מיט עסייאיסטן און קריטיקער איז ניט בעסער. מען קיילט און ביילט זיך און מען זאָגט זיך אריין אין דער זיבעטער ריפּ...

אויך מיט די הומאָריסטן־שרייבער איז ניט פריילעך. ווען איינעם אַ הו־מאָריסט געלינגט אָנצושרייבן אַ לאַכעדייקע, פון וועלכער דער לייענער לאַכט, פּאַרדריסט דאָס אָן אַנדער הומאָר־שרייבער, נעמט ער מיט שנאה און לאַכט זיין קאָלעגע ציניש אויס...

אָט אזוי אומגעפער זעען דאָס אויס די שרייבערישע גליקן און די אומ־זיסטע שרייבערשע שנאה...

הלוואי אזוי נאָך אויף לאַנגע און גוטע יאָרן...

ער לייענט ניט קיין יידישע צייטונגען...

אַ באַקאַנטער ייד האָט מיך אָפּגעשטעלט אין גאַס און האָט גענומען פּאַר מיר טענה'ן:

—איר ווייסט ? — האָט ער צו מיר געזאָגט, — איך לייען מער נישט קיין יידישע צייטונגען! ס'איז היינט נישט כדאי צו לייענען אַ יידישע צייטונג! וואָס, מ'שטיינס געזאָגט, שרייבן די יידישע צייטונגען ? איר עפנט אַ יידישע צייטונג, זעט איר איר נאָר יידישע נייעס, גיבן אייך אויפן שפּיץ מעסער, א לעק און אַ שמעק פון דער וועלט מיט איר פּאָליטיק און — דאַצאָל!

— וואָס ווילט איר לייענען אין אַ יידישער צייטונג — האָב איך אים איבערגעשלאָגן.

— וואָס הייסט וואָס ? — האָט דער ייד זיך צעהיצט, — ווייניק נייעס פאַראַן וועגן וואָס צו שרייבן ? פּארוואָס זיי, די גויישע צייטונגען, האָבן אזוי פיל צו שרייבן. יעדן טאָג ברענגען זיי פולע זייטן מיט וויכטיקע נייעס.

— וועלכע זיינען עס די וויכטיקע נייעס ? — האָב איך אים געפרעגט.

— איך האָב ליב צו לייענען וועגן די געיעגן צו דער לבנה! — האָט דער ייד מיר דערקלערט.

— נו, און יידישע צייטונגען שרייבען דען ניט וועגן די געיעגן צו דער לבנה ?— האָב איך אים געפרעגט.

— יאָ, זיי שרייבן, אָבער נישט גענוג. די גויישע צייטונגען שרייבן פיל מער. זיי דערציילן וואָס ס'וועט זיך אָפּטאָן אין אַ צוויי הונדערט יאָר ארום, ווען די מענטשן וועלן זיך באַזעצן אויף דער לבנה!

— דאָס אַלץ ?

— און וואָס איז מיט די נייעס וואָס די גויישע צייטונגען שרייבן וועגן די סקאַנדאַלן אין דער אַרטיסטישער וועלט! מיט די ליבעס און אַוואַנטורעס אין האָליוווד און אין אנדערע פילם־סטודיעס ? אז מען קויפט אַ צייטונג וויל מען לייענען וואָס עס טוט זיך אין דער וועלט!

— נו, אויב די יידישע צייטונגען דערציילן נישט וועגן ליבע־אוואַנטורעס אין האָליווד, דערציילן זיי דערפאַר ווי יידן לעבן אויף דער וועלט, ווי יידן לעבן אין ישראל. דאַכט זיך אז דאָס איז וויכטיקער און אינטערעסאנטער ווי יענע ביליקע אַוואַנטורעס! — האָב איך זיך אָפּגערופן צום יידן.

— איר זייט אַ נאַאיוועך יידישער שרייבער, — האָט ער געזאָגט מיט אַ שמייכל, — איר זייט אַ ייד פון דער אַלטער וועלט, אַן אַלטפרענקישער זייט איר, גאָרנישט קיין מאָדערנער שרייבער!

— וואָס רופט איר אַן אַ מאָדערנער שרייבער? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַ מאָדערנער שרייבער, פאַרשטייט איר, שרייבט טאַקע וועגן די אַלע זאַכן, וואָס איך האָב אייך אַביסל פריער דערמאָנט. אַ מאָדערנער שרייבער שרייבט וועגן אַלץ, וועגן ליבע און אַוואַנטורעס — דאָס איז די היינטיקע מאָדערנע וועלט! דער היינטיקער לייענער זוכט יעדן טאָג אין זיין צייטונג אָט די נייעס. דער היינטיקער לייענער לעבט אויף, כאַפּט אָפּ דעם אָטעם. ער געפינט זיך אין אַ נייע וועלט, ווען ער לייענט די נייעס וועגן ליבע, ליבעס, אַרטיסטישע אַוואַנטורעס, וועגן געשלעגן און סקאַנדאַלן, וועגן גט׳ן און אַנט־לויפן מיט פרעמדע פרויען. דער היינטיקער לייענער זוכט נאָר אַזעלכע נייעסן!

— און קיין אנדערע נייעס זוכט נישט היינט דער לייענער? — האָב איך נאַאיוו געפרעגט.

— עס ווענדעט זיך ווער. דער אלטער יידישער לייענער איז הינטערשטע־ליק, אַלטמאָדיש און נישט מאָדערן. ער לעבט נאָך מיט דער אַלטער וועלט, מיט די אַלטע טראַדיציעס און מיט די נייעסן וואָס זיינען אים צום האַרצן. איך, פאַרשטייט איר מיך, בין נישט פון דער אַלטער וועלט און ניט פון יענעם סאָרט מענטשן. איך בין אַ מאָדערנער מענטש און זוך צו לייענען מאָדערנע נייעסן. אז איך נעם אַ צייטונג אין האַנט, זוך איך צום ערשטן ווער ס׳האָט זיך גע׳גט, ווער ס׳איז אנטלאָפן פון זיין ווייב, ווער האָט איינגעבראָכן אַ באַנק, ווער האָט באַנקראָטירט. איך זוך צו לייענען וועגן רויבערייען און מאָרדן, וועגן לינקע ליבעס און פאַמיליע־סקאַנדאַלן. איך האָב א גרויסן אינטערעס צו לייענען אזעלכע נייעס, און דאָס קען א ייד נאָר געפינען אין די גוישע צייטונגען!

אויסגעהערט דעם יידנס „דרשה״ האָט מיך פאַרדראָסן, וואָס אַ ייד זאָל זיין אזא פאַרברענטער „חסיד״ פון ביליקע סענסאַציעס. איך האָב מיך אָבער באַלד באַרואיקט: פון זיין קעשענע האָט גאַנץ פראָמינענט „ארויסגעקוקט״ אַ היפּש פּעקל יידישע צייטונגען...

מען גיט מיר טעמעס

איך ווייס נישט ווי דאָס איז מיט אנדערע שרייבער, אָבער מיר גיט מען אָפּט טעמעס צום שרייבן — הגם מיר פעלט דאָס קיינמאָל נישט אויס. הלוואי וואָלט איך געהאַט אזוי פיל צייט און כוח צו שרייבן וויפל איך האָב טעמעס.

לא עליכם פעלט מיר אויס געזונט, געלט, כוח, אָבער נישט קיין טעמעס. יעדן טאָג, יעדע שעה ווערן געבוירן נייע טעמעס. אויב דאָס איז ווינציק, זיינען פאַראַן פיל גוטע יידן וואָס זאָרגן פאַר מיר און זיי ברענגען מיר אָפּט טעמעס.

איך דאַרף זיך קיינמאָל נישט יאָגן נאָך טעמעס — די טעמעס יאָגן זיך נאָך מיר. און אויב די טעמעס יאָגן זיך נישט נאָך מיר, געפינען זיך אלעמאָל מענטשן, וואָס באַזאָרגן מיר מיט זיי — יאָגן מיך ממש נאָך מיט טעמעס. מען ברענגט מיר די טעמעס אין שטוב אריין.

נישט נאָר אין שטוב ברענגט מען מיר טעמעס, מען גיט זיי מיר אין גאַס, אויפן אויטאָבוס, אין באַן, אין טעאַטער, אויף חתונות, אויף בריתן — אפילו אויף לוויות, רחמנא ליצלן, קומען יידן צו מיר מיט טעמעס.

די גרעסטע צאָל טעמעס גיבן מיר יידן אויף האָלידייס. פאַרשטייט זיך אז ניין און ניינציק פּראָצענט פון אָט די טעמעס קאָן מען אריינוואַרפן אין ים אריין. אפשר איין פּראָצענט קען מען נוצן. יידן ווילן אָבער נישט וויסן און זיי מאַטערן מיר מיט זייערע טעמעס, וואָס זיי האַלטן פאר זייער אינטערעסאנטע און מען דאַרף זיי פאַרעפנטלעכן.

לויפט מיר נאָך אַ ייד און בעט זיך:

— איך האָב פאַר אייך אַ טייערע טעמע, מען וועט פון איר לעקן די פינגער — שרייבט אריין אין צייטונג. ס׳איז וועגן אַ יונג ווייבל וואָס האָט זיך צעקריגט מיט איר מאַן און האָט אים אָפּגעגאָסן מיט אַ הייסן טעלער יויך!

אַ צווייטער קומט צו מיר אַ פאַרסאָפּעטער:

— גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. כ׳האָב פאר אייך א טייער שטיקל נייעס. נעמט אַ בלייפעדער און פאַרצייכנט וואָס עס קען אַלץ פאַסירן!

— וואָס האָט פאַסירט? — האָב איך אים געפרעגט.

— וואָס האָט פאַסירט? — האָט ער מיט היץ גערעדט, — ס׳האָט פאַסירט די אמתע פאַסירונג! איר קענט דאָך דעם רעווערענד מר. פאַנטשקע? נו, האָט אים די ווייב זיינע געכאַפּט זיך פאַרטשעפּען מיט אַ יונגער אלמנה פון זיין קאָנ־

גרעגיישאַן! שרייבט דאָס אריין אין בלאַט. אזא שטיקל נייעס איז ווערט צו דרוקן און איך פאַרלאַנג פון אייך גאָרנישט.

אָדער עס קומט צו מיר אַ יונגערמאַן מיט רויטע האָר און מיט אַ קרו־מע נאָז.

— דאָס זייט איר דער שרייבער פון די פריילעכע שטיקלעך?

— קענגן וואָס פרעגט איר?

— איך וויל, איר זאָלט אריינשרייבן אין פּייפּער וועגן מיין שוואָגער דעם מערזאַוויעץ, וואָס איז אַוועק מיט אַ שיקסע און איבערגעלאָזט מיין שוועסטער, זיין ווייב, מיט דריי פּיצלעך קינדער!

קומט צו מיר אַ יידענע און זי שטעלט זיך פאַר:

— מיין נאָמען איז מרס. ציטרינזאַלץ, כ׳וויס נישט אויב איר קאָנט מיך. אייך קאָן איך זייער גוט, כ׳לייען אייערע פריילעכע שטיקלעך. יענעם טאָג האָב איך אזויפיל געלאַכט פון אייערס אַ „סטאָרי״, אז כ׳האָב שיעור נישט געפּלאַצט. איך האָב פאר אייך אַ שטיקל נייעס אריינצושטעלן אין צייטונג, וועט מען זיך האַלטן ביי די זייטן, מען וועט חלשן, מען וועט ספּאַזמירן פון געלעכטער. מיינע אַ שכנה האָט זיך געקויפט אַ פוטערנעם פעלץ, און אין דער גרויסער היץ טוט זי אָן דעם פעלץ און דרייט זיך ארום אין גאַס, אז אַלע זאָלן זען איר פעלץ! נו, איז דאָס נישט צו פּלאַצן פון געלעכטער?

איין טאָג, גאַנץ פרי, לויפט צו צו מיר אַ ייד, ער רופט מיך אוועק אין אַ זייט און אַ דערפרייטער רופט ער אויס:

— גוט וואָס כ׳האָב אייך געטראָפן. איך האָב פאר אייך א שטיקל נייעס צו באשרייבן. איך האָב אזעלכעס קיינמאָל פריער נישט געהערט, און גלויבט מיר, ס׳האָט נאָך קיינמאָל אזעלכעס נישט פּאַסירט. איר ווייסט דאָך — רעדט דער ייד מיט פרייד, — איך בין אַ ייד וואָס גיי אין שוהל, טאָ הערט זשע וואָס עס האָט היינטיקן שבת מברכים געטראָפן: ביים דאַוונען האָט אונדזער חזן פאַרגעסן בענטשן ראש חודש! האַ, אַ גוט שטיקל נייעס? למען השם שרייבט דאָס אריין, מען וועט זיך האלטן ביי די זייטן!

קומט צו מיר צו אַ ייד, שמייכלט און זאָגט:

— איר זייט דאָך אַ שרייבער, אַ הומאָריסט, איז האָב איך פאר אייך שטאָף צו שרייבן. איר מעגט אפילו דערמאָנען מיין נאָמען. ס׳איז וועגן מיין גבאי, וואָס האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיין גוט האַרץ: אויף גוטע משכנות גיט ער הלוואות און נעמט פופצן פּראָצענט און אמאָל מער אויך!...

אַן עלטערע פרוי פרעגט מיך:

— ס׳איז אמת אז איר שרייבט אין די בלעטער?

— אמת, זאָג איך.

— איך וויל איר זאָלט באשרייבן עטלעכע וויבער מיט וועמען איך שפּיל ראַמי. זיי זיינען גרויסע פּאַסקודסטוועס — פאַר אַ סענט וועלן זיי אייך געבן פּאַלשע קאָרטן און אייך נאָך באַליידיקן! אויב איר ווילט וועל איך אייך געבן זייערע נעמען און באַשרייבט זיי, אז עס זאָל זיי גוט דרייען די קישקעס!

א צווייטע פרוי קומט מיט א שטיקל נייעס:

— איך בין אייער א לייענעריןּ, איך האָב גרויס הנאה פון אייער שרייבן. איך האָב פאר אייך א גוט שטיקל נייעס צו באשרייבן. ס׳איז וועגן מיין האָטעל, ווו מ׳האָט אָנגעשטעלט אַ משגיח צו היטן כשרות, איז ער בלינד אויף איין אויג און מיטן צווייטן אויג ווינקט ער כסדר צו די ווייבער!...

איידער די פרוי האָט פאַרענדיקט ריידן, איז פאר מיר אויסגעוואַקסן אַ ייד, אַ צושטראַלטער, און מיט פרייד צו מיר געזאָגט:

— גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. כ׳האָב פאר אייך סחורה צום שרייבן — האָט ער מיט איין אָטעם געזאָגט — נעמט אַ פּען און שרייבט!

— אנטשולדיקט, האָב איך אים איבערגעשלאָגן, — איך האָב נישט קיין צייט. מיין באַן גייט באַלד אָפּ, איך מוז גיין! — און איך בין אוועק.

ווו נעמט מען צייט?

איך ווייס נישט ווי דאָס איז מיט אייך, מיר פעלט אויס צייט. מיר פעלט אויס צו יעדן מעת־לעת כאָטש נאָך א 24 שעה...

וועט איר דאָך אוודאי מיינען, אז איך בין פאַרנומען מיט גאָלדענע געשעפטן, מיט מאַכן געלט. ניין, דאָס נישט. גראָדע בין איך אין די לעצטע יאָרן גאָרנישט פאַרנומען מיט אזעלכע זאַכן וואָס האָבן אַ שייכות מיט מאַכן געלט. דאָס האָב איך איבערגעלאָזט צו די גבירים, צו די רייכע וואָס יאָגן זיך נאָך געלט און רייכטום.

מיט וואָס זשע בין איך דאָס אזוי פאַרנומען, וואָס מיר פעלט אויס צייט? וועט איר אפשר פרעגן. שווער צו דערקלערן. איך ווייס נאָר, אז איך האָב נישט גענוג צייט. איך שטיי אויף יעדן טאָג מיט עטלעכע שעה פריער אויף צו דעריאָגן די צייט...

מיר פעלט אויס צייט צו שרייבן א לייטישן פעליעטאָן, א לייטישן ארטיקל, אַ ליד, אַ הומאָרעסקע. און צו דעם בין איך דאָך א שטיקל קאָרעספּאָנדענט פון יידישע צייטונגען — פעלט מיר טאָקע אויס צייט צו שרייבן קאָרעספּאָנדענציעס.

איצט באַקום איך, אָן עין הרע, א 10—15 בריוו יעדן טאָג מיט א 10—20 צייטונגען, זשורנאַלן און ביכער.

כדי צו ענטפערן יעדן איין צייט אויף די אָ בריוו, דאַרף מען האָבן פיל צייט. מיינער אַ באַקאַנטער האָט מיר געזאָגט, אז ער באַקומט מער בריוו פון מיר און ער טוט זיך אָן עצה: ער לייענט זיי נישט און ער שרייבט יעדן ענט־פער אויף די בריוו נישט געלייענטערהייט.

אַ צווייטער האָט מיר געזאָגט, אז ער באַקומט אויך פיל בריוו, איז נישט נאָר ער לייענט זיי נישט, נאָר ער ענטפערט אפילו נישט אויף זיי!...

פאַרשטייט זיך, אז צו אַזעלכע עצות איז מיר שווער זיך צוצוהערן און נאָך שווערער זיך צוצופאַסן צו זיי. האַלט איך אָן מיין אַלטע טראַדיציע וואָס איך האָב מיטגעבראַכט פון כעלם קיין אַמעריקע, און ווען איך קריג אַ בריוו, פיר איך זיך ווי אַ כעלמער ייד — איך לייען און ענטפער באַלד.

דערפאַר דאַרף איך צייט. ווו נעמט מען א ביסעלע צייט, אז איך זאָל קע־נען זיין מער פּינקטלעכער מיט בריוו שרייבן און בכלל מיט שרייבן.

אין איין מינוט שווימען ארויף אזוי פיל טעמעס צו שרייבן, ווי שוואָמען נאָך אַ רעגן, אָבער דערצו דאַרף מען האָבן צייט. טעמעס קומען פיל גיכער, ווי דאָס אָנשרייבן עפּעס. מען קען אין אַ האַלבע שעה האָבן אפשר אַ הונדערט טעמעס, אָבער אין אַ האַלבער שעה איז מען נישט בכוח אָנשרייבן אפילו איין לייטישע זאַך.

איז ווו נעמט מען טאַקע אַ ביסל צייט? אין אַפּטייק וועט איר היינט קריגן צו קויפן אַלץ, אָבער נישט צייט. דאָס פּאַרקויפט קיינער נישט. פאַרשיידענע רפואות מיט כלערליי פּילן האָט מען שוין דערפונדן, אָבער וועגן צייט איז מען נאָך אַלץ הינטערשטעליק און אויף דעם געביט האָט מען נאָך גאָרנישט אויפ־געטאָן און גאָרנישט דערפונדן...

ווען א דאָקטאָר זאָל קענען פאַרשרייבן א מיטל אויף צייט, וואָלט איך דער ערשטער זיך איינגעהאַנדלט דאָס. אַ יידישער שרייבער נויטיקט זיך שטאַרק אין אזא מיטל. א יידישער שרייבער דאַרף האָבן א צייט־מיטל — אים פעלט שטענדיק אויס צייט.

דערצו נאָך קומען גודניקעס און רויבן פון אים אוועק אומזיסטע צייט. מען קומט מיט פאַרשיידענע קלאָץ־קשיות, מיט ווילדע מעשיות און פראַגעס, מען מאַטערט צום חלשן און מען רויבט אוועק און מען פּטרט צייט...

און אז מען איז נאָך אַ רעדאַקטאָר, אַ יידישער רעדאַקטאָר פון א יידישער שריפט, איז ווערט צעטרענצלט די צייט איינס און צוויי אויף גאָרנישט. מען פּטרט צייט צו ענטפערן אויף טעלעפאָן־אָפּרופן, מען פּטרט צייט אין געשפּרעכן

מיט נודניקעס, מען פטרט צייט מיט זוכן פינאַנציעלע הילף ווי אזוי צו קאָנען ארויסגעבן די צייטשריפט, מען פטרט צייט מיט זוכן אַנאָנסן. אז מען איז אַ יידישער שרייבער, דערצו נאָך אַ יידישער רעדאַקטאָר — פטרט מען גענוג צייט מיט גאָרנישט...

טייערע לייענער מיינע, אפשר ווייסט איר ווו מען נעמט צייט?

דורכן טעלעפאָן...

שפעט ביינאַכט צעקלינגט זיך מיין טעלעפאָן. איך לויף צעשראָקן צום טעלעפאָן, הויב אויף דעם טרייבל, אַ שטימע פרעגט:

— איז דאָס די הויז פון יידישן שרייבער?

— וועלכן שרייבער זוכט איר? — פרעג איך.

— דער וואָס שרייבט די שטיקלעך, די פעליעטאָנען, די לאַכערייקעס. ווי איז זיין נאָמען. יאָ, זיך דערמאָנט — שישלער! — שרייט פון דער אנדער זייט אַ באַסאָווע שטימע.

— יאָ, דאָס איז די הויז. וואָס פאַרלאַנגט איר?

— איך האָב געוואָלט ריידן מיט אים פערזענלעך!

— וואָס האָט איר מיט אים צו ריידן פערזענלעך? — פרעג איך נייגעריק.

— איך וויל אים זאָגן, אז די מעשה וואָס ער האָט יענע וואָך געשריבן אין צייטונג, איז פיל איבערטריבן, איז נישט אמת. איך וויל אים אויך זאָגן, אז איך וועל אים פאַקן אין גאַס וועל איך אים צוברעכן דיביינער פארן שרייבן אזעלכע ליגנס. איך האָב דעם עניין איבערגעגעבן צו מיין „לאָיער", איך וועל אים ווייזן וואָס איך קען. דאָס שטיקל וואָס ער האָט געשריבן יענע וואָך אין צייטונג וועט אים קאָסטן טייער. איך וויל אים אויך זאָגן, ער זאָל נישט מיינען אז אַ וועלט איז הפקר און מען קאָן שרייבן וואָס מען וויל. איך האָב די זאַך איבערגעגעבן אין ריכטיקע הענט און ער וועט שוין גוט באַצאָלן!...

איך האָב געוואָלט עפּעס זאָגן, נאָר ער האָט נישט אויפגעהערט און מיט איין אָטעם ווייטער גערעדט:

— דער שרייבערוק האָט מיר צושטערט מיין שלום־בית, ער האָט מיך אומגליקלעך געמאַכט, געקוילעט אָן אַ מעסער. איך האָב שוין געוואָלט באַגיין

זעלבסטמאָרד, אָבער ווען איך האָב דאָס דערציילט מיינע באַקאַנטע, האָבן זיי מיר געזאָגט אַז איך זאָל דאָס ניט טאָן, נאָר איך זאָל דעם שרייבערוק אָנ־לערנען, געבן אים אַ לעקציע, אַז ער זאָל האָבן צו געדענקען אויף זיין גאַנצן לעבן. נישט איך זאָל זיך נעמען דאָס לעבן, נאָר זאָל ער דאָס טאָן. אָבער איי־דער איך גיי עפּעס טאָן, וויל איך פריער זיך מיט אים אדורכשמועסן. איך וויל אים זאָגן, אַז אים וועט אויספּאַלן באַקאָם דאָס שרייבן, ער וועט מיך האָבן צו געדענקען. זיין לעבן האָט שוין די ווערט פון אַ שמעק טאַבאַק. איך וויל אים אויך זאָגן, אַז איך, זיין לאַנג־יאָריקער לייענער, וועל שוין מער אים נישט ליי־ענען און וועל אים מאַכן אויס שרייבער. איך וועל אים וויזן מיט וועמען ער האָט זיך דאָס פאַרטשעפּעט און...

— אַנטשולדיקט! — האָב איך אים געוואָלט איבערשלאָגן זיין מענה־לשון, אָבער ער האָט זיך נישט געלאָזט. ער האָט מיט גרויס היץ און אויף אַ הויכן קול ווייטער גערעדט און מיר געלעכערט די אויערן:

— קיין אַנטשולדיקונג וועט אים שוין איצט נישט העלפן. ער האָט זיך אויסגעבעט דאָס געלעגער און ער וועט דערויף מוזן זיך לייגן. אוי, וועט ער ביי מיר ליגן! איר זאָלט וויסן זיין, אַז ער האָט אָנגעהויבן מיט אַזאַ מענטש, וואָס לאָזט זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע, וואָס וועט אים נישט אַרויסלאָזן פון זיינע הענט און ער וועט האָבן צו לעקן און שמעקן. עס וועט אים שוין אָפּגענומען ווערן דער אַפּעטיט פון שרייבן. ער וועט זיך שוין אָפּזאָגן פון דער פּרנסה און עס וועט זיין אַ לעקציע, נישט נאָר פאַר אים, נאָר אויך פאַר זיינע קאָלעגן שרייבער. ער ווייסט נישט מיט וועמען ער האָט זיך פאַרטשעפּעט, מיט וועמען ער האָט צו טאָן. איך האָב אַמאָל געהאַט אַזאַ ענלעכן „קעיס" מיטן טשערמאַן פון אונדזער סאָסייטי, האָב איך אים געמאַכט פאַר אויס טשערמאַן. איך האָב אים געגעבן אַ לעקציע ,אַז ער האָט מיך צו געדענקען. און נישט נאָר דעם טשערמאַן פון מיין סאָסייטי האָב איך אָנגעלערנט, איך האָב צו מיינעם אַ לאַנדסמאַן געטאָן דאָס זעלבע, און ער האָט פון גרויס פאַרדרוס געקראָגן אַ־הארץ־שלאַק און ער איז שוין קאַרגע דריי יאָר אויף יענער וועלט! מיט מיר שפּילט מען זיך נישט! בטבע האָב איך פיינט מיט עמעצן זיך אָנצוהייבן, אָבער ווען מען הייבט זיך מיט מיר אָן, דאַן זע איך שוין אַז יענער זאָל זיך פון מיר נישט אַרויסדרייען. איך וועל נישט שווייגן, איך וועל זיך נישט לאָזן קריכן אויפן קאָפּ, כ'וועל יענעם — — —

איך האָב מער ניט געקאָנט הערן, איך האָב אוועקגענומען דאָס טרייבל פון מיין אויער און ס'האָט מיך גענומען וואַרפן הענט און פיס. זיין אויפגע־רעגטע שטימע האָט זיך אַלץ געהערט. איך האָב זיך געשטאַרקט און אַריינ־געשריען אין טרייבל:

— איר האָט נישט דעם ריכטיקן נומער. דאָ וווינט נישט קיין שרייבער. דאָ וווינט אַ באָקסירער, אַן אַטלעט, א — —

עס האָט זיך דערהערט דורכן טעלעפאָן אַ הילכיקער געלעכטער באַגלייט מיט די ווערטער:

— וואָס פאַר אַ שרייבער, אַ הומאָריסט, אַ יאָלד איר זייט — נעבעך דער־שראָקן זיך פון אַן אַנדערנס אַ וויץ!...

אַ לייענער האָט מיך באַלוינט...

איין פרימאָרגן צעקלינגט זיך מיין טעלעפאָן.

— האַלאָ!

— האַלאָ! ווער רעדט? האָט אַ שטימע געפרעגט.

— דאָס רעדט שישלער. — האָב איך געענטפערט.

— דער שרייבער שישלער? — האָט יענער געפרעגט.

— יאָ.

— דער וואָס שרייבט די שטיקלעך אין די בלעטער?

— דער זעלבער.

— איך לייען אייך אָפּט.

— אַ דאַנק.

— איר זייט אַ גרויסער שרייבער!

— נישט אזוי גרויס. — האָב איך געענטפערט.

— כ׳האָב שוין לאַנג געוואָלט אייך טרעפן.

— צוליב וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— צוליב... צוליב... אין שייכות מיט אייער שרייבן. — האָט ער געזאָגט.

— אַ דאַנק.

— כ׳וואָלט אייך וועלן באַלוינען!

— באַלוינען? פאַר וואָס? — האָב איך געפרעגט.

— ס׳איז אַ פליכט צו באַלוינען אזא שרייבער ווי איר! — האָט יענער געענטפערט.

— שיין פון אייך. — האָב איך צופרידן געענטפערט.

— אפשר איז מיגלעך אייך צו טרעפן?

— ווו, ווען? — האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט.

— ווען און ווו איך איז באַקוועם ! — האָט ער געענטפערט.
— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש... — האָב איך זיך געוואָלט ארויסדרייען.
— לאָמיר זיך טרעפן ווען איר זייט נישט פאַרנומען.
— אויף דער צווייטער וואָך ?
— גוט, זאָל זיין אויף דער צווייטער וואָך ! — האָט יענער צופרידן צו־געשטימט.
— ווו ? האָב איך געפרעגט.
— אין אַ קאַפע ?
— ניין, לאָמיר זיך טרעפן אין גאַס אָדער אין אַ פּאַרק !
— זאָל זיין אין אַ פּאַרק.
— גוט, אין אַ פּאַרק ! — האָט יענער צופרידן צוגעשטימט.
— איז דאָס נויטיק ? — האָב איך געפרעגט.
— שטאַרק נויטיק — האָט יענער מיר פאַרזיכערט.
— אפשר קאָנט איר מיר זאָגן וועגן וואָס עס האנדלט זיך ? זאָגט עס מיר איצט !
— אוממיגלעך דורכן טעלעפאָן. כ׳מוז אייך פערזענלעך טרעפן !
— נו גוט, ווען זאָלן מיר זיך טרעפן ? — האָב איך געפרעגט.
— ווען אייך איז באַקוועם !
— שבת נאָכמיטאָג ?
— גוט, וועלכע צייט ?
— צוויי אזייגער ?
— גוט.
— אין וועלכן פּאַרק ?
— אין זשובערט־פּאַרק. — האָב איך איינגעשטימט.
— אויף וועלכן פּלאַץ ?
— ביים מוזעאום.
— גוט ! — האָט יענער צופרידן צוגעשטימט.
— אנטשולדיקט, ווי אזוי וועט איר מיך דערקענען ? — האָב איך אים געפרעגט.
— איך קען אייך זייער גוט, פון די פאָטאָגראַפיעס אייערע אין די בלעטער קען איך אייך ! — האָט ער מיט אַ גרעבערע שטימע געענטפערט.
— און ווי אזוי וועל איך אייך דערקענען ? — האָב איך געפרעגט.
— איך וועל טראָגן געקעסטלטע הויזן מיט אַ קאָלירטע מאַרינאַרקע און איך וועל האַלטן א בוך אין האַנט !
— גוט, שבת נאָכמיטאָג.

— יאָ, שבת נאָכמיטאָג צווײ א זייגער אין זשובערט־פּאַרק!

— אַ גוטן, אַ דאַנק.

דער טעלעפאָן שמועס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. איך האָב גענומען נאָכ־טראַכטן וועגן מיין לייענער וואָס ווייזט ארויס אַן אינטערעס צו טרעפן מיך, דערצו נאָך צו באַלוינען מיך.

אַ גאַנצע וואָך האָב איך וועגן קיין שום אנדער זאך נישט געטראַכט. מיינע געדאַנקען זיינען געווען פאַרנומען וועגן דעם טעלעפאָן־געשפּרעך און וועגן דעם געטרייען לייענער מיינעם און דאָס טרעפן זיך מיט אים. איך האָב גע־טראַכט ער איז געוויס אַ רייכער און ברייטהאַרציקער מענטש, ער וועט מיך אוודאי ביי דער טרעפונג גוט באַפרידיקן! איך האָב זיך געווונטשן צו האָבן אַ סך אַזעלכע געטרייע לייענער.

דעם טאָג פון מיין באַגעגעניש מיט מיין גוטן און געטרייען לייענער האָב איך זיך אויסגעפּוצט אין מיין בעסטן גאַרניטור און מיט געדאַנקען פון האָפע־נונג זיך אוועקגעלאָזט אַ צופרידענער אין זשובערט־פּאַרק צו טרעפן מיין לייענער.

ווען איך בין געקומען אין פּאַרק האָב איך באַלד ביים ארייגאַנג פון מו־זעאום באמערקט ווי איינער אַ מאַן דרייט זיך דאָרטן ארום. ער איז געווען אָנגעטאָן אין געקעסטלטע הויזן מיט אַ קאָלירטע מאַרינאַרקע. איך האָב גלייך פאַרשטאַנען, אז דאָס מוז זיין דער מאַן מיט וועמען איך האָב זיך אָפּגערעדט צו טרעפן.

באַלד האָט ער זיך צו מיר דערנענטערט און געזאָגט:

— כ׳האָב אייך גלייך דערקאָנט! עס איז אַ פריידט פאַר אַ לייענער זיך צו טרעפן פּנים לפּנים מיטן שרייבער וועלכן ער לייענט! — ער האָט פאַרגע־לייגט מיר זאָלן גיין אין אַ זייטיקער ריכטונג, אין אַ שטילער אַלעע.

איך האָב פאַרשטאַנען, אז ער, מיין לייענער, וויל זיין ווייט פון מענטשן און פון דעם דערבייאיקן קינדערישן גערויש. ער וויל אוודאי שמועסן וועגן שרייבערשע ענינים.

אוועקגייענדיק פונעם ארומיקן רויש און קינדערישן טומל אין דער אָפּגע־זונדערטער שטילער אַלעע, טוט ער פּלוצלונג מיך אַ פרעג:

— אַלזאָ, זייט איר טאַקע דער שרייבער שישלער?

— יאָ, איך בין דאָס.

— און איר שרייבט דאָס די שטיקלעך אין די בלעטער?

— יאָ, איך. — האָב איך געענטפערט.

— אַלעמאָל האָב איך אייך געוואָלט טרעפן פערזענלעך!

— צוליב וואָס? — האָב איך נאַאיוו געפרעגט.

— צו באַלוינען איך פאַר אייער שרייבן! — האָט ער אַ זאָג געטאָן.
פלוצלונג איז מיר פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן... כ׳האָב דערפילט איבער מיין קאָפּ די שווערע משא פון בוך, וואָס מיין לייענער האָט מיט זיך געטראָגן...
ווען איך בין צו זיך געקומען האָב איך מיין לייענער שוין נישט געזען. אַ צוווייטיקטער בין איך ארויס פון פּאַרק און צו זיך געזאָגט:
— דאָס איז די באַלוינונג פון מיין געטרייען לייענער פאַר מיין שרייבן...

ער איז טשיקאַווע

גאַנץ פרי האָט מיך אַ ייד אָפּגעהאַלטן און געפרעגט:
— זייט איר דער און דער שרייבער?
— יאָ, האָב איך געענטפערט, — קען וואָס פרעגט איר?
דער ייד האָט א ווילע געשוויגן. ער האָט אראָפּגענומען זיינע ברילן פון נאָז, מיט אַ נאָז־טיכל זיי אויסגעווישט, צוריק ארויפגעזעצט זיי און געפרעגט:
— איר זייט אַ פאַרהייראַטער?
— יאָ, האָב איך געענטפערט, — קען וואָס פרעגט איר?
ער האָט ווידער אראָפּגענומען די ברילן פון נאָז, ווידער זיי געווישט און געפרעגט:
— זאָגט מיר, ווען האָט איר צייט צו שרייבן?
— איך געפין צייט.
— און טעמעס?
— מען געפינט.
— וו געפינט איר זיי, די טעמעס — פאַרלירט זיי עמעצער?
איך האָב נישט געוווסט וואָס מען ענטפערט דעם ייד. אָבער דער ייד האָט נישט געוואַרט אויף מיין ענטפער און ווייטער געפרעגט:
— און אַ לעבן מאַכט איר?
— יאָ, מען מאַכט.
ווידער האָט דער ייד אראָפּגענומען זיינע גלעזער פון נאָז, געווישט מיטן נאָז־טיכל און געפרעגט:
— זיינען די טעמעס אייערע אמתע, אָדער איר טראַכט זיי אויס?
— ווי אַמאָל, האָב איך געענטפערט און געזוכט א וועג ווי זיך ארויסצודרייען פון אים.

ער האָט מיך אָבער פאַרהאַלטן.

— איך זע אז איר האָט נישט קיין געדולד, איר פוילט זיך אפילו צו ענט־פערן אויף אַ פראַגע. איר מוזט אוודאי זיין נערוועאיש ?

—פון אזעלכע פראַגעס וואָס איר שעטלט קאָן מען אַנדערש נישט זיין.

— ווען איר פאָלגט מיך, וואָלט איר ארייגעגאַנגען זען אַ דאָקטאָר. איך האָב זייער א גוטן נערוון־דאָקטאָר. אז ער וועט אייך באַטראַכטן וועט ער גלייך פעסטשטעלן וואָס אייך איז — צי איר האָט גוטע נערוון אָדער שלעכטע.

איך האָב געוואָלט דעם ייד שוין אָפּשטופּן אין א זייט און גיין. אָבער ער האָט מיך פאַרהאַלטן און געפרעגט :

— וואָס יאָגט איר זיך ?

— איך בין אַ פאַרנומענער מענטש, האָב פיל ארבעט צו טאָן.

— אזוי, אַ פאַרנומענער מענטש, איר האָט פיל ארבעט צו טאָן. וואָס אַ שטייגער טוט איר ווען איר זייט נישט פאַרנומען און ווען איר האָט נישט קיין אַרבעט צו טאָן ?

איך בין געבליבן א געפּלעפּטער און נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן אויף דעם יידנס פראַגע.

דערווייל האָט ער ווידער אראָפּגענומען זיינע גלעזער פון נאָז, ווידער זיי געווי־שט מיט דער פאַטשיילע און זיך אָפּגערופן :

— דאַכט זיך, איר שרייבט ביכער אויך. איר שרייבט זיי אליין, אָדער מען שרייבט זיי פאַר אייך ?

איך בין געבליבן שטיין ווי די הענט און פיס וואָלטן מיר אָפּגענומען, נישט וויסנדיק וואָס מען ענטפערט אים. איך האָב געוואָלט אים אָפּשטופּן און גיין, האָט ער מיר ווידער פאַרשטעלט דעם וועג, אראָפּגענומען זיינע ברילן פון נאָז און געווישט זיי, און מיך געפרעגט :

— און די ביכער אייערע פאַרקויפט איר אליין, אָדער מען פאַרקויפט זיי פאַר אייך, און דאָס געלט וואָס איר קריגט גיט איר אוודאי פאַר פילאַנטאָפּישע צוועקן, פאַר מדינת ישראל און פאַר אנדערע אינסטיטוציעס, אָדער איר לאָזט דאָס אראָפּ אין אייער קעשענע און נעמט דאָס צו פאַר זיך ?

דאָ האָט ביי מיר שוין געפּלאַצט דאָס געדולט און איך האָב אויסגעשריען :

— אָט איז מיין לעבנס־ביאָגראַפיע : איך בין א שרייבער, איך בין אַ פאַר־הייראַטער, איך מאַך אַ לעבן, איך אַרבעט, בין פאַרנומען, שרייב אליין ביכער, פאַרקויף זיי אליין און לאָז אראָפּ דאָס געלט אין די אייגענע קעשענעס ! וואָס נאָך ווילט איר וויסן ? און דערביי האָב איך אים אַ שטופּ געטאָן פון זיך, זיינע גלעזער זיינען אַראָפּגעפאַלן און איך בין אַוועק...

יעדער מיט זיינע שאַפונגען

ערגעץ אויף אָפּרו האָט איך צופעליק זיך באַקאַנט מיט אַ מיטל־יאָריקע פרוי. נאָכדעם ווי זי איז געוווּיר געוואָרן, אַז איך בין אַ יידישער שרייבער, האָט זי מיך שוין נישט אָפּגעלאָזן אויף אַ רגע און געמוטשעט איך זאָל איר אָנווייזן ווי צו ווערן אַ שרייבער.

זי האָט מיר דערציילט, אַז זי האָט שוין אָנגעשריבן אייניקע זאַכן, אָבער קיינער וויל זיי נישט דרוקן. זי ווייסט ניט פאַרוואָס. אירע באַקאַנטע האָבן איר געזאָגט, אַז די צייטונגען דרוקן נאָר זאַכן פון אנערקענטע און בארימטע שרייבערס, אָבער ניט פון אזעלכע ווי זי, וואָס איז נישט בארימט. זי וואָלט אויך געוואָרן בארימט, האָט זי מיר דערקלערט, ווען מען וואָלט דרוקן אירע שאַפונגען.

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן דער פרוי ווי צו ווערן באַרימט, אַז מען זאָל דרוקן אירע זאַכן. און וועלנדיק זיך אָפּטשעפּען פון איר, האָב איך איר געראָטן:

— ס'איז וויכטיק איר זאָלט פיל שרייבן. וואָס מער איר וועט שרייבן, אַלץ בעסער וועט זיין פאַר אייך. איר וועט אפשר מיט דער צייט זיך אויסשרייבן און ווערן אַ שרייבער.

די פרוי האָט מיר באַדאַנקט און איז אוועק. עטלעכע טעג שפּעטער טרעפט זי מיך ווידער.

— העלאָו! גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן! — האָט זי אויסגערופן.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָב איך איר געפרעגט.

— עס האָט גאָרנישט פּאַסירט, — האָט זי געזאָגט. איר געדענקט, איר האָט מיר געראָטן איך זאָל שרייבן, אַ סך שרייבן, וועל איך זיך אויסשרייבן, האָט איר געזאָגט, און ווערן אַ שרייבער, האָב איך אייך געפאָלגט. פונעם טאָג וואָס איך האָב אייך געזען האָב איך נישט גערוט. גאַנצע טעג און נעכט האָב איך געשריבן! — האָט זי מיט פרייד אויסגערופן און מיר געוויזן אַ פּאַק מיט פאַרשריבענע פּאַפּירלעך.

— אַנטשולדיקט, דאָ אין גאַס קאָן איך נישט לייענען! האָב איך געוואָלט זיך אַרויסדרייען.

— איך קאָן עס ברענגען אין האָטעל. — האָט זי געענטפערט.

— כ׳בין היינט פאַרנומען, — האָב איך געזאָגט.

—עס וועט לאַנג ניט נעמען, — האָט זי מילד גערעדט — טוט מיר אַ טובה און לייענט.

— איך בין נישט אין אַ שטימונג צו לייענען.

— וועל איך לייענען פאַר אייך. — האָט זי געזאָגט.

מיר האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און די פרוי האָט גענומען לייענען פאַר מיר אירע שאַפונגען. זי האָט געלייענט מיט עקסטאַזש, אָבער מיך האָט גענומען שלעפערן. איר הויכע הייזעריקע שטימע האָט אָבער מיך נישט גע־לאָזט שלאָפן. יעדע ווײַלע האָט זי מיך געפרעגט:

— איר הערט מיך?

—יאָ, איך הער, — האָב איך מיט א באהאלטענעם געגעץ געענטפערט.

דער פרויס שאַפונגען האָבן מיך געלאַנגווײַליקט. זיי האָבן נישט געהאַט אין זיך קיין ברעקל אינטערעס. און גראָד האָט מיר די פרוי פאַרזיכערט אַז דאָס זײַנען הומאָריסטישע שאַפונגען. איך האָב איר געראָטן צו שרײַבן ערנסטע זאַכן, אפשר וועלן זיי זײַן פרײַלעכערע פון אירע הומאָריסטישע שאַפונגען...

קורץ נאָכדעם האָט מיך באַגעגנט אַ באַקאַנטער יונגערמאַן, אַ דיריגענט וואָס פירט אָן מיט אַ כאָר אין אַ שוהל און טרעט אויף מיט זײַן זינגען ביי פאַרשיידענע אימפּרעזעס.

— העלאָו, ר׳ הערש! — האָט ער מיך באַגריסט — קומט אַהער, כ׳וויל אייך עפּעס ווייזן!

ווען איך האָב דערהערט דעם „עפּעס ווייזן”, איז מיר נישט הײַמלעך גע־וואָרן. איך האָב פאַרשטאַנען, אַז ער וויל מיך מהנה זײַן מיט זײַנע שרײַבערײַ־שע שאַפונגען. נײַן, ער האָט אָבער קיין שרײַבערשע שאַפונגען נישט געהאַט. ער האָט ארויסגענומען פון זײַן קעשענע פאַרשיידענע פּאַפּירלעך מיט מוזיק, וואָס ער האָט פאַרפאַסט צו יידישע לידלעך.

מיר האָבן זיך אוועקגעזעצט אויף אַ באַנק. ער האָט מיר געוויזן זײַנע שאַ־פונגען, פאַרגעלייענט זיי און שטיל פאַר מיר גענומען זינגען זײַנע געשאַפענע מעלאָדיעס.

פלוצלונג האָבן מיר דערפילט אַ שטאַרקן פלוך איבער אונדז... די מלבו־שים אונדזערע זײַנען געוואָרן איינגעריכט, אזוי אויך די פאַרשריבענע פּאַפּיר־לעך מיט די מוזיק. מיר האָבן באַמערקט, אַז איבער אונדז אויפן שפּיץ מויער, איז געשטאַנען א גרופּע פייגל. זיי האָבן אונדז געלאָזט וויסן אַז זיי הערן זיך צו צו די מעלאָדיעס און געזאַנג, וואָס מײַן פריינד האָט געשאַפן...

מ׳האָט מיך ליב באַקומען...

איין טאָג האָט זיך שטאַרק צעקלונגען מיין טעלעפאָן. אַ גאַנצן טאָג האָט ער נישט גערוט. אלעמאָל האָט אַן אַנדער טעלעפאָנירט, געוואָלט וויסן וואָס איך מאַך. מען האָט זיך פשוט דערפרייט ווען מען האָט דערהערט מיין שטימע.

— אַך, ווי ליב ס׳איז צו הערן אייער שטימע, — רופט אויס אַ קול פון דער אנדער זייט טעלעפאָן, — וואָס מאַכט איר, ווי גייט אייך? וואָס מאַכט אייער פרוי, די קינדער?

— אָלרייט. ווער רעדט?

יענער האָט נישט געענטפערט און אויפגעהאַנגען דאָס טעלעפאָן־טרייבל. באַלד האָט ווידער גענומען קלינגען דער טעלעפאָן.

— ווער רעדט? — פרעגט א פרויען־שטימע.

— צו וועמען ווילט איר ריידן? — האָב איך געפרעגט.

— אַי, דאָס זייט איר... כ׳האָב זיך דערשראָקן, נישט דערקאָנט אייער שטימע. גאָט צו דאַנקען איך הער אייך ריידן!

— ווער רעדט, וואָס פאַרלאַנגט איר? — האָב איך געפרעגט. כ׳האָב אָבער קיין ענטפער נישט באַקומען. זי האָט אָפּגעהאַקט, און איך בין געבליבן מיטן טעלעפאָן־טרייבל אין האַנט און פיל געטראַכט פון די פלוצלונגע טעלעפאָן־רופן.

ס׳איז לאַנג נישט אַוועק און ווידער האָט זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן:

— העלאָו! איז דאָס מר. שישלער? — האָט א שטימע געפרעגט.

— יאָ. ווער רעדט?

— קיינער. אַ דאַנק, זייט געזונט — און ער האָט אָפּגעהאַקט.

איך בין געוואָרן אומרואיק פון די טעלעפאָן־רופן. אומעטיקע געדאַנקען זיינען מיר אריין אין קאָפּ: ווער ווייסט, אפשר גנבים, גענגסטערס ווילן אויס־געפינען צי איך בין אין הויז. אפשר גרייט מען אויסצופירן אויף מיר אַ האָלד־אַפּ, אַ רויבעריי, אַ מאָרד?

כ׳וועל קלינגען דער פּאָליציי, האָב איך געטראַכט, מיטטיילן זיי פון דער געפאַר וואָס לויערט אויף מיר.

פלוצלונג האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. איך בין צעטומלט גע־וואָרן, כ׳האָב געטראַכט אז דאָס זיינען זיכער גענגסטערס. זיי זיינען שוין דאָ...

מיט שוואַכע טריט בין איך צו צו דער טיר און מיט שרעק געפרעגט:
— ווער איז דאָרט?
— אייער שכנה, מרס. קאַפּלאַן — האָט זיך געהערט אַ פּרויען־קול.
איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם און געעפנט די טיר.
— אַ גוט מאָרגן אייך. אייער פרוי איז דאָ?
— ניין, זי איז אַוועק צום הערדרעסער.
— גיט איר איבער אַ גרוס. זאָגט איר אז איך וועל איר זען שפּעטער. גוד ביי! — און זי איז אַוועק.
באַלד האָט עמעצער ווידער אָנגעקלונגען אין טיר. איך האָב געכאַפּט אַ בליק דורכן שליסל־לאָך און געזען דעם קאָלעקטאָר פון יתומים־הויז. איך האָב געעפנט די טיר.
— גוט מאָרגן, מר. שישלער, וואָס מאַכט איר?
— נישקשה, אַ דאַנק. איר ווילט אוודאי אייער חודש־געלט?
— ניין. כ׳בין גראָד געווען אין דער גאַס, בין איך געקומען זען וואָס איר מאַכט.
אינמיטן שמועס האָט דער טעלעפאָן זיך צעקלונגען:
— העלאָו! וואָס איז אייער טעלעפאָן־נומער?
— 3845־40.
— ווער רעדט? — האָט אַ גראָבע מענער שטימע מיך געפרעגט. און איידער איך האָב נאָך באַוויזן צו ענטפערן, האָט ער שוין אָפּגעהאַקט.
ווידער אמאָל קלינגט דער טעלעפאָן.
— העלאָו! — האָט אַ דינע שטימע זיך געלאָזט הערן, — כ׳האָב נישט דערקאָנט אייער קול. גוט וואָס איך הער אייך, וואָס מאַכט איר?
איידער איך האָב באַוויזן צו ענטפערן, האָט יענער שוין אוועקגעלייגט דאָס טעלעפאָן־טרייבל.
איך בין געבליבן שטיין מיטן טעלעפאָן אין האַנט פאַרזונקען אין מאָדנע געדאַנקען וואָס האָבן מיך געפּייניקט. איך האָב נישט געקאָנט באַגרייפן וואָס דאָ קומט פאָר.
ווידער דער טעלעפאָן.
— ווער איז דאָס? אַי, דאָס זייט איר מר. שישלער? — האָט אַ מענער שטימע שטאַמלענדיק געפרעגט.
— יאָ, איך. וואָס פאַרלאַנגט איר?
— איך האָב אייך געוואָלט בעטן, אפשר קענט איר מיר געבן דעם טעלע־פאָן־נומער פון אייער שוואָגער?...
און איידער איך האָב באַוויזן צו זאָגן דעם נומער, האָט ער שוין אָפּגעהאַקט.

איך בין געוואָרן שטאַרק באַאומרואיקט: עפּעס די טעלעפאָן־רופן איז אַ שלעכטער סימן. קיינמאָל פריער האָב איך אַזוי פיל טעלעפאָן־רופן נישט גע־האַט. וואָס האָט געקאָנט פּאַסירן? מיר איז אַריין אין קאָפּ אַ געדאַנק: מיין פרוי מוז האָבן אַ געליבטן, פירט לינקע ליבעס. איך מוז דאָס אויסגעפינען. אָ, איך מוז! איך וועל גיין צו אַ דעטעקטיוו־ביוראָ, דערציילן זיי אַלץ — זאָלן זיי האַלטן אַן אויג אויף איר.

אַזוי טראַכטנדיק איז דערוויילע געקומען מיין פרוי און מיר דערציילט, אַז ווען זי האָט געטראָפן אין גאַס האָבן זיך אַלע נאָכגעפרעגט אויף מיר וואָס איך מאַך און אַלע זיינען געווען אַזוי פריינדלעך. אַפילו דער קצב וואָס אַלעמאָל איז ער שלעכט, בייז און רעדט זעלטן צו איר, האָט דאָס מאָל אַרויסגעוויזן גרויס אינטערעס און פריינדשאַפט און אַן געצאָלט צוגעלייגט איר צום געקויפטן פלייש עטלעכע ביינער...

איך האָב איר דערציילט פון די טעלעפאָן־רופן און מער נישט געטראַכט קיין שלעכטע געדאַנקען וועגן איר.

בינו לבינו האָט ווידער זיך צעקלונגען דער טעלעפאָן. איך בין שוין גע־ווען מיד פון ענטפערן, האָט דאָס מאָל מיין פרוי געענטפערט.

— העלאָו! דאָס זייט איר, מרס׳ שישלער? גוט מאָרגן אייך, וואָס הערט זיך, וואָס מאַכן אַלע?

— וואָס זאָל זיך הערן. קיינע נייעס. ווער רעדט?

— דאָס רעדט מרס. קלאָץ פון מייפּער. לאַנג אייך שוין ניט געזען. איר קומט מער נישט צו די שלאַנקעס? יאָ, וואָס מאַכט אייער מאַן?

— ער איז אָלרייט.

— זייט איר זיכער? — האָט זי געפרעגט.

— איך האָף אַזוי. איר ווילט אפשר ריידן צו אים?

—יאָ. עס וועט מיר זיין ליב צו הערן זיין שטימע.

מיין פרוי האָט מיך גערופן:

— הערשל, דיין געליבטע וויל ריידן צו דיר!

— ווער?

— דיין געליבטע!

— דריי נישט קיין מוח! זאָג איר זי זאָל זוכן אַנדערע גליקן.

ווען מיין פרוי האָט איר געוואָלט דאָס זאָגן, האָט יענע שוין געהאַט אָפּ־געהאַקט דעם געשפּרעך.

מיר איז צוגעקומען נייע צרות. מיין פרוי האָט מיך באַשולדיקט, אַז איך נאַר איר, האָב אַ געליבטע, פיר לינקע ליבעס אונטער אירע פּלייצעס. און זי האָט זיך צעוויינט.

דערווײַל האָט זיך צעקלונגען דאָס טיר־גלעקל. איך האָב געעפֿנט די טיר, מײַנער אַ לאַנדסמאַן האָט זיך באַוויזן. ער האָט אויף מיר מאָדנע געקוקט און אַרויסגעשטאַמלט:

— וואָס מאַכסטו?... וואָס מאַכט די פֿרוי, די קינדער?

— מיר זײַנען געזונט, אַ דאַנק. וואָס עפּעס אינמיטן טאָג אַ וויזיט? — האָב איך אים געפֿרעגט.

— איך האָב געדאַרפֿט זײַן אין דער געגנט, האָב איך זיך צוגעכאַפּט זען וואָס דו מאַכסט.

— זייער פֿײַן פֿון דיר. — האָב איך געענטפֿערט.

דערווײַל האָט מײַן פֿרוי פֿאַרגעלייגט טרינקען טיי.

פֿאַרן אַוועקגיין פֿרעגט מיך מײַן לאַנדסמאַן:

— האָסט געזען די הײַנטיקע צײַטונג?

— ניין, עפּעס וויכטיקע נײַעס פֿאַראַן? — האָב איך געפֿרעגט.

— ניין, נישטאָ קיין וויכטיקס! — האָט מײַן לאַנדסמאַן געענטפֿערט און איז אַוועק.

באַלד נאָכדעם איז אַרײַנגעקומען אַ שכן און געפֿרעגט אויב איך האָב אַן עלעקטרישן שייווער. ער האָט געוואָלט זיך אָפּראַזירן, און זײַן שייווער איז קאַליע געוואָרן.

אַזוי ווי קיין עלעקטרישן שייווער האָב איך נישט געהאַט, האָב איך אים אָנגעבאָטן אַן אַנדער שייווער. איך האָב אָבער באַמערקט אַז זײַן פּנים איז גלאַ־טיק ראַזירט און ער האָט עפּעס מאָדנע אויף מיר געקוקט.

פּלוצלונג האָט ער אַרויסגענומען פֿון קעשענע אַ צײַטונג און מיר געוויזן אויף אַ שטיקל נײַעס, פֿון וועלכן איך האָב זיך שטאַרק דערשראָקן. מיר איז פֿינצטער געוואָרן פֿאַר די אויגן: עס האָט זיך דאָרט געזאָגט, אַז אײנער מיטן זעלבן נאָמען ווי מײַן, אין זעלבן עלטער ווי איך, איז דערהרגעט געוואָרן פֿון אַן אויטאָ־עקסידענט...

* * *

מיר איז קלאָר געוואָרן די סיבה פֿון די טעלעפֿאָן־רופֿן — דאָס האָבן מײַ־נע באַקאַנטע און פֿרײַנד געוואָלט אויסגעפֿינען צי איך לעב נאָך...

צוליב מיין אויסזען

איך ווייס נישט די סיבה פאַרוואָס מיין אויסזען מאַכט אָפּט אויף מענטשן דעם איינדרוק אז זיי קענען מיך. אפּנים איך מוז האָבן א ענלעכקייט צו אַנדערע. אַלס רעזולטאַט דערפון שטויס איך זיך אָן אויף פיל קוריאָזע באַגעגענישן, קאָמישע און אנדערע שוין גאָרנישט קיין קאָמישע.

אָפּט האַלט מען מיך אָפּ אין גאַס, אין אויטאָבוס, טעאַטער אָדער אויף שמחות און מען כאַפּט זיך מיט מיר ארום מיט גרויסער גדולה:

— האַלאָ, מר. הורוויץ! וואָס מאכט איר, וואָס מאַכט די ווייב?

— אַנטשולדיקט, — שלאָג איך יענעם איבער, — איר מאַכט אַ טעות, איך בין נישט הורוויץ.

שוין אַ סך מאָל האָבן יידן מיך אָנגענומען פאַר מר. הורוויץ. און נישט נאָר פאר מר. הורוויץ נעמט מען מיך אָן — מען רופט מיך גאָלדשטיין, פרידמאַן, הימלשטיין, אייזנשטאַט, גערשאַטער, כהן, זאַלצמאַן און נאָך פיל אנדערע נעמען.

איך האָב זיך שוין צוגעוווינט צו דעם, מען זאָל מיך רופן מיט פארשיידענע נעמען.

טאָמער איז דאָס ווייניק, נעמען יידן מיך אָן פאַר אַ חזן, אַ זינגער, אַ רב, אַ רעוורענד, אַ משגיח, אַ שדכן. אנדערע פרעגן מיך אין וועלכער שוהל איך בין גבאי, פרעזידענט. אנדערע ווידער מיינען אז איך בין א משולח, א קלייבער פאַר אַ ישיבה, פאַר הכנסת־כלה, פאַר יתומים. אנדערע מיינען גאָר אז איך בין אַ דאָקטאָר, אַן אַפּטייקער, א שער־האָלדער און פאַר נאָך אזעלכע ענלעכע מענטשן.

צו דעם אלעם מאכט מיין אויסזען דעם איינדרוק, אז מענטשן זאָלן מיך אָננעמען פאר א גביר, אַ פאַבריקאַנט, אַ הורט־סוחר, אַ מאָני־לענדער, אַ ריי־טייערט־מען, אַ באַזיצער פון הייזער.

דאָס איז נאָך נישט אַלץ.

אַנומלט בין איך געווען פאר א האָלידיי אין מיוזנבערג. איך בין איינגע־שטאַנען אין אַ פריוואַטן האָטעלכל. קומט דאָרט צופאָרן אַ ייד מיט זיין יידענע, און גראָד בין איך אין דערצייט געשטאַנען ביים אָפּיס, טראַכט דער ייד נישט קיין סך און נעמט מיך אָן פאַרן מענעדזשער פון האָטעל:

— מיין נאָמען — זאָגט ער — איז מר. פ. דאָס איז מיין ווייב! — ווייזט

ער מיר אָן אויף אַ קורצע יידענע מיט שיטערע צייַן און גראָבע געפּאָרבענע ליפּן. — מר. מענעדזשער, — זאָגט ער, — ווי איר ווייסט האָב איך געדונגען ביי אייך אַ צימער, נומער 19, — רעדט ער האַסטיק.

איך בעט דעם ייד צוּוואַרטן און גיי אויפזוכן דעם מענעדזשער פון האָטעל און דערקלער אים, אז עס זיינען געקומען געסט.

דער מענעדזשער, אַ קריסט, באַגריסט די יידישע געסט און דערקלערט זיי, אז דער צימער נומער 19 איז פאַרנומען. זיי וועלן אים קענען האָבן מאָרגן, ווייל דער ייד וואָס וווינט אין צימער נומער 19 איז קראַנק געוואָרן. מאָרגן, האָפט ער, וועט ער זיין בעסער וועלן די קינדער קומען און אים נעמען אהיים. דערווייל גיט ער זיי אַן אַנדער צימער אויף איבערצושלאָפן.

— וואָס פאַר אַ מענעדזשער זייט איר? — האָט ער געערעדט הויך — איך האָב געדונגען דעם צימער נומער 19, און וועל קיין אַנדער צימער נישט נעמען!

איך פּרוביר באַרואיקן דעם יידן:

— איר זעט דאָך, אז אין צימער 19 ליגט אַ ייד א חולה מסוכן! וואָס ווילט איר, מען זאָל דעם ייד ארויסוואַרפן אין גאַס, אָדער ווארפן אין ים אריין?

— טוט מיט אים וואָס איר ווילט, איך וויל מיין צימער! — רעדט דער ייד בייז.

— איר וועט דעם צימער האָבן מאָרגן!

— איך וויל מיין צימער היינט, נישט מאָרגן! זאָל ער גיין אין ביקור־חולים, אין שפּיטאָל, נישט קרענקען אין מיין צימער!

— אזוי רעדט אַ ייד וואָס טראָגט אַ יאַרמולקע אויפן קאָפּ? — פרעג איך אים.

— הערט זיך איין! — צוקאָכט זיך דער ייד, — איר זאָלט וויסן זיין, אז איך בין אַ קורלענדער, מיך וועט איר נישט נאַרן. איך זע שוין מיט וועמען איך האָב צו טאָן — איר זייט דאָך אַ פּוילישער!

זעענדיק אז דער ייד קאָכט זיך, האָב איך צו אים געזאָגט:

— פריער ווי מאָרגן וועט איר דעם צימער נישט האָבן!

— גוט, זאָל זיין מאָרגן. אָבער איר זאָלט וויסן זיין אז מאָרגן פרי, אויב איר וועט מיר נישט געבן מיין צימער, גיי איך אַוועק פון אייער האָטעל און איר וועט עס באַדויערן!

— ר׳ ייד, — זאָג איך צו אים, — באַרואיקט זיך, סטראַשעט מיך נישט. איך האָב פיינט סטראַשונקעס.

— אַי, קאָן איך אייך פיל שאַדן טאָן. איך קאָן אייך מאַכן אַזאַ רעקלאַמע, אז מען זאָל פון אייך מיט אייער האָטעל וויכן, אז קיינער זאָל צו אייך נישט קומען! — האָט דער ייד געערעדט בייז.

דאָ האָט מיר שוין פאַרדראָסן די גאַנצע מעשה, די פאַרקאָכטע קאַשע, און באַדויערט האָב איך, וואָס איך האָב דערלאָזט אזוי ווייט גיין און נישט באַלד קלאָר געמאַכט דעם ייד אויף זיין טעות, אז איך בין נישט דער מענעדזשער פון האָטעל, נאָר בין אַ גאַסט פונקט אזוי ווי ער.

ס'איז אָבער שוין געווען פאַרפאַלן און איך גלויב נישט אויב עס וואָלט זיך מיר איינגעגעבן אויפקלערן דעם טעות, בפרט ווען דער ייד האָלט זיך אזוי גרויס מיט זיין יחוס, אז ער איז אַ קורלענדער, און דאָס וואָס איך בין אַ פּוי־לישער איז ביי אים געווען נישט פון גרויסן יחוס.

אזוי אומגעפער האָב איך כסדר ענלעכע קוריאָזע באַגעגענישן מיט מענטשן, צוליב דעם וואָס איך האָב אַן ענדלעכקייט צו אַנדערע פּערזאָנען און דערפאַר נעמט מען מיך אָן פאַר אַ מענעדזשער, אַ שדכן, אַ חזן, מוהל און ענדלעכע מענטשן און איך לייד דערפון. נאָך אַ גליק וואָס מען נעמט מיך נישט אָן — פאַרן קאָלנער...

אַ סעקרעטאַר

אין אַן אינסטיטוציע איז אָנגעקומען אַ נייער סעקרעטאַר. מען האָט אים אָנגעוויזן וואָס עס דאַרף זיין זיין אַרבעט און מען האָט אים צוגעזאָגט כך וכך שכירות. נאָכדעם ווי דער נייער סעקרעטאַר האָט אָפּגעאַרבעט א וואָך צי צוויי, האָבן די קאָמיטי־מעמבערס מיטן טשערמאַן און טרעזשורער גענומען זיך קריי־מען און אַרויסוויזן אומצופרידענע מינעס. דער סעקרעטאַר האָט אָבער גע־שוויגן און געטאָן זיין אַרבעט.

דער פריערדיקער סעקרעטאַר, וואָס איז אוועק פון דער שטעלע צוליב דעם, וואָס ער האָט נישט געקענט פאַרטראָגן די האַנדלונג פון טשערמאַן, טרע־זשורער און די קאָמיטי־לייט האָט אים געפרעגט:

— זאָגט מיר, ווי קאָנט איר מיט די מנוולים אַרבעטן?

— קעגן וואָס פרעגט איר דאָס? — האָט דער נייער סעקרעטאַר געפרעגט.

— ווייל איך האָב מיט זיי נישט געקאָנט אויסקומען. זיי זיינען ביטערע מענטשן, וואָס צאַפּן דאָס בלוט און צאָל ווייניק פאַר דער אַרבעט!

— זאָרגט נישט, מיר ווערן זיי דאָס בלוט ניט צאַפּן. איך וועל צאַפּן זייער בלוט. איך וויס ווי צו האַנדלען מיט אַזעלכע מענטשן.

— דאָך, זייט פאַרזיכטיק.

— זאָרגט נישט. פארלאָזט זיך אויף מיר!

אויף צומאָרגנס קומט אַ קאָמיטי־מעמבער און זאָגט צום נייעם סעקרעטאַר:

— לויט די ארבעט וואָס איר טוט זייט איר ווערט אַ העלפט געלט, וואָס איר קריגט.

— לויט מיין ארבעט, — האָט געענטפערט דער סעקרעטאַר, — בין איך ווערט טאָפּל!

— ווען איר ארבעט ביי מיר, אין מיין פאַבריק, וואָלט איך אייך קיין דריטל אויך נישט געצאָלט.

דער סעקרעטאַר האָט גאָרנישט געענטפערט. ער האָט געכאַפּט דעם טינ־טער און אַ וואָרף געטאָן אויף אים — זיין העלער אָנצוג איז אויסגעשמירט גע־וואָרן פון שוואַרצן טינט. אָן אויפגעקאָכטער האָט דער קאָמיטי־מעמבער גע־סטראַשעט דעם סעקרעטאַר מיט געריכט.

דער טשערמאַן איז געקומען מיט אַ טענה:

— וואָס האָט איר געטאָן צו אונדזער א קאָמיטי־מעמבער?

— דאָס איז נאָך גאָרנישט! — האָט דער סעקרעטאַר געענטפערט. איך וועל אים ווייזן מיט וועמען ער האָט זיך פאַרטשעפּעט!

— וואָס אַזוינס האָט ער זיך פאַרטשעפּעט? — האָט דער טשערמאַן גע־פרעגט.

— פרעגט אים, נישט מיך!

דער טשערמאַן איז אוועק. א ווײַלע שפּעטער קומט דער טרעזשורער און זאָגט צום סעקרעטאַר:

— וואָס פאַר אַ פּאָליטיק פירט איר דאָ? איר זאָלט וויסן זיין, אז איר האָט באַליידיקט אונדזערס אַ קאָמיטי־מעמבער, און איר האָט אויך נישט פיין גע־רעדט צו אונדזער טשערמאַן!

— וואָס אַזוינס האָב איך גערעדט נישט פיין צו אייער טשערמאַן? איך האָב נאָך צו אים בכלל נישט גערעדט. איך וויל טאַקע ריידן מיט אים!

— וואָס ווילט איר ריידן? — האָט דער טרעזשורער געפרעגט.

— איך וויל אים זאָגן, ער זאָל מיר דערלייגן שכירות.

— איר רעדט גאָר וועגן דערלייגן שכירות, און מיר זיינען גאָרנישט צו־פרידן פון אייך און אייער ארבעט!

— אַזוי, איר זייט נישט צופרידן פון מיר, — האָט דער סעקרעטאַר זיך אויפגעקאָכט און נישט איבריק געטראַכט, האָט ער דעם טרעזשורער אַ כאַפּ געטאָן פארן קאָלנער. דער טרעזשורער האָט גענומען רייסן דעם סעקרעטאַרס טשופּרינע, האָט דער סעקרעטאַר גענומען אים שטיקן און רייסן זיין קראַוואַט. אַלס רעזולטאַט דערפון האָבן גענומען פליען בענקלעך — אַ בענקל אַהער,

אַ בענקל אַהין — ס׳האָבן געגומען פליען דער טעלעפאָן־אַפּאַראַט, די שרייב־מאַשין און אַנדערע זאַכן. דער טרעזשורער האָט זיך קוים געראַטעוועט מיטן לעבן און אַנטלאָפן מיט אַ צעבלוטיקטן קאָפּ.

באַלד איז געקומען צולויפן אַ צווייטער קאָמיטי־מעמבער און גענומען שרייען אויפן סעקרעטאַר:

— וואָס פאַר אַ סעקרעטאַר זייט איר? זייט וויסן, אַז איר האָט שטאַרק באַליידיקט אונדזער אינסטיטוציע מיט אירע מעמבערס! ווי נעמט עס אַ מענטש און וואַרפט טינטערס, בענקלעך, שרייב־מאַשינען און אַנדערע זאַכן אויף מענטשן?!

— זאָגט מיר נישט וואָס איך האָב צו טאָן. איך בין שוין סעקרעטאַר איבער פופצן יאָר, איך האָב דערפאַרונג אין מיין פּראָפעסיע!

— איר ווייסט וואָס? — האָט יענער געזאָגט, — אויב אייך געפעלט נישט די שטעלע, קאָנט איר גיין. זוכט אייך אַן אַנדער שטעלע. עס פעלן נישט קיין סעקרעטאַרן!

— טראָגט זיך ארויס פון דאַנען, — האָט דער סעקרעטאַר א ברום געטאָן, — איך פּלעט אייך דעם קאָפּ!

אַ צושראָקענער איז דער קאָמיטי־מעמבער גיך ארויס. דער סעקרעטאַר האָט אים נאָכגעוואָרפן דעם טשערמאַנס פּאָרטרעט.

באַלד איז געקומען צולויפן דער טשערמאַן אַ צעהיצטער.

— מר. סעקרעטאַר, איר זייט נישט פאַר אונדז! פון מאָרגן אָן זאָלט איר דאָ מער נישט קומען!

— און איך וואָרן אייך, — האָט דער סעקרעטאַר געזאָגט, — אַז אויב איר ווילט מען זאָל אייך נישט ארויסטראָגן פון דאַנען, זאָלט איר דאָ מער נישט קומען...

— צו וועמען רעדסטו אזוי? ווער איז דאָ טשערמאַן, איך צי דו?

— וואָס פאַר אַ דו? — איז דער סעקרעטאַר רויט געוואָרן ווי פייער און אויסגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן. אין דעם מאָמענט האָט ער אַ כאַפּ געטאָן אַ בענקל און געוואָרפן דעם טשערמאַן אין קאָפּ.

באַלד זיינען אריין אַנדערע קאָמיטי־מעמבער און עס איז אויסגעבראָכן א גרויסער געשלעג. בענקלעך און טישן זיינען געפלויגן אין דער לופטן. די שויבן זיינען אויסגעשלאָגן געוואָרן און בילדער פון די ווענט זיינען געפלויגן דורך די צעבראָכענע פענצטער. די פיס פון די טישן זיינען ארויסגעריסן גע־וואָרן און מען האָט זיך מיט זיי גוט מכבד געווען...

דער געשלעג האָט זיך אָפּגעשטעלט נאָכדעם ווען דאָס גאַנצע מעבל איז צובראָכן געוואָרן, ווען עס איז מער שוין נישט געווען קיין בענקלעך און טינ־

טערס צו וואַרפֿן. די וועגט זײַנען געווען באַשפּריצט פֿון טינט, קײן אײן שטיקל מעבל איז נישט געבליבן גאַנץ. אויפֿן דיל זײַנען געווען אָנגעוואָרפֿן שטיקער האָלץ, צובראָכענע עלעקטרישע לעמפּלעך און דאָס צימער האָט פֿאַרגעשטעלט מיט זיך אַ בילד פֿון אַן ערד־ציטערניש...

אַ סאָסייטי פֿון גנעניצער

עטלעכע יידן, גרויסע גנעניצער, האָבן זיך צוזאַמענגערעדט צו גרינדן אַ סאָסייטי פֿון גנעניצער. אין דער סאָסייטי קענען געהערן נאָר די, וואָס צייכענען זיך אויס מיט גנעניצן. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט פֿיל נישט גענאַרפֿט זוכן קיין מיטגלידער, עס געפֿינען זיך ברוך השם גענוג מענטשן וואָס טוען נישט קיין אַנדערע אַרבעט, ווי נאָר גנעניצן... און אײנס און צוויי איז געשאַפֿן געוואָרן די סאָסייטי פֿון גנעניצער.

אין די סטאַטוטן האָט מען אַרײַנגעשטעלט אַזעלכע פּונקטן, אַז ווער עס וועט זײַן דער גרעסטער גנעניצער, דער זאָל ווערן ערן־פּרעזידענט. אַ קלענערער גנעניצער — פּרעזידענט, נאָך אַ קלענערער זאָל זײַן דער וויצע־פּרעזידענט א.א.וו.

עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז אַלע וואָס האָבן געוואָלט געהערן צו דער גנעניצער־סאָסייטי זײַנען געווען גרויסע גנעניצער, אײנער גרעסער פֿון אַנדערן, און יעדערנס גנעניץ איז געווען גרויס גענוג וואָס האָט אים באַרעכטיקט צו ווערן ערן־פּרעזידענט, פּרעזידענט און וויצע־פּרעזידענט.

אויף דער ערשטער באַראַטונג פֿון דער דערמאָנטער סאָסייטי, האָבן אַלע אָנוועזנדיקע געמוזט דעמאָנסטרירן — מיט זייער גנעניצן.

אַנשטאָט רעדעס, האָט מען געהערט — גנעניצן. אַנשטאָט פֿירן דעבאַטעס — האָט מען געגעניצט. ווען אײנער האָט געבעטן אַ וואָרט, האָט ער גע־גנעניצט. אפֿילו ווען מען האָט נישט גערעדט, האָט מען אויך געגעניצט.

הכלל, אַלע אָנוועזנדיקע האָבן אײנשטימיק אָנגענומען מיט גנעניצן, אַז עס זאָל געגרינדעט ווערן די סאָסייטי. מען האָט זיך פֿיל נישט געאַמפּערט, ווײַל מען איז געווען פֿאַרנומען — מיט גנעניצן.

אַזוי ווי אײנער אַ ייד איז געווען דער גרעסטער גנעניצער, מחמת ער האָט געהאַט דערפֿאַרונג פֿון לאַנג־יאָריקער כלל־טוערײַ, איז ער אויסגעוויילט גע־וואָרן אַלס ערן־פּרעזידענט.

אויך אַלע איבעריקע אין דער פאַרוואַלטונג האָבן זיך אויסגעצייכנט מיט זייער גענ‏יצן, און לויט זייער געניצן־קוואַליפיקאַציעס האָט יעדער באַקומען זיין אַמט אין דער ניי־געשאַפענער געניצער־סאָסייטי.

די צאָל מיטגלידער פון דער געניצער־סאָסייטי איז געשטיגן. מיט יעדן טאָג זיינען צוגעקומען נייע מיטגלידער, נייע געניצער. עס איז דערגאַנגען אזוי ווייט, אז מען האָט געמוזט איינפירן באַשווערונגען פאַר די פיל אַפּליקאַציעס פון נייע מיטגלידער, וואָס האָבן געוואָלט זיך אַנשליסן אין דער געניצער־סאָסייטי.

די פאַרוואַלטונג האָט באַשלאָסן צו העכערן דעם מיטגליד־אָפּצאָל. דאָס איז אָנגענומען געוואָרן פון אַלע מיטגלידער מיט — אַ געניץ...

די טעטיקייט פון דער געניצער־סאָסייטי איז געפירט געוואָרן שטיל — מיט געניצן. אַנשטאָט פירן מחלוקת, האָט מען אין דער סאָסייטי — געגעניצט. זיי האָבן אפילו געפּראַוועט באַנקעטן — מיט געניצן.

נאָכן אהיימגיין פון אַ זיצונג צי אַ מיטינג פון דער געניצער־סאָסייטי, איז יעדער געווען רואיק אויסגעגעניצט...

אַ סך מענטשן פון אנדערע סאָסייטיס האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער געניצער־סאָסייטי, ווייל דאָ האָבן זיי געקאָנט פריי און אומגעשטערט געניצן וויפל נאָר זייער האַרץ האָט געגלוסט.

ווען מען האָט געשטערט ביי דער ארבעט אָדער אין דער היים צו געניצן, האָט זיך אָנגעשלאָסן אין אָט דער סאָסייטי. אפילו שרייבער און זייערע לייענער האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין דער געניצער־סאָסייטי און געוואָרן מיטגלידער.

אַנשטאָט גיין אין טעאַטער, איז מען געגאַנגען אין דער סאָסייטי געניצן... אַנשטאָט געניצן אויף רעפעראַטן, האָט מען געגעניצט אין דער סאָסייטי. אין דער געניצער־סאָסייטי האָט יעדער געהאַט אַ רעכט צו געניצן. און ווער עס האָט נישט געגעניצט, האָט מען אויסגעשלאָסן פון דער סאָסייטי.

יאָ, אויב מיינע טייערע לייענער וועלן האָבן כוח אויסצוגעניצן אָט דעם פעליעטאָן, פאַרזיכער איך זיי, אז מען וועט זיי אָננעמען פאַר מיטגלידער פון דער געניצער־סאָסייטי...

אוי, איז דאָס געווען אַ חזנדל...

די קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן האָט געזוכט אַ חזן. היות אויפן אָרט איז נישט געווען קיין פּאַסיקער חזן, האָט זי אַנאָנסירט אין אויסלענדישע צייטונגען און צוגעזאָגט אַ פּערמאַנענטע שטעלע מיט הויכע שכירות מיט סאָציאַלע און אַנדערע פאַרזיכערונגען פאַרן ריכטיקן חזן־קאַנדידאַט. דער שוהל־קאָמיטעט איז געווען פאַרזאָרגט, אַז אויב עס וועט זיך נישט געפינען אַ חזן, דראָט דער קאָנגרעגיישן, חלילה, אונטערצוגייען.

עס זיינען אוועק וואָכן און חדשים און קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. עפּעס אַ חזן האָט יאָ געענטפערט אויפן אַנאָנס, אַז ער איז גרייט אָנצונעמען די שטעלע, אָבער ער האָט פאַרלאַנגט גרויסע שכירות און אַ לעבנס־פאַרזיכערונג. ווען מען האָט באַטראַכט די אַפּליקאַציע־פּאַפּירן פון חזן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז ער איז שוין אַ זקן פון עטלעכע און זיבעציק יאָר, וואָס האָט שוין לאַנג אויפ־געגעבן חזנות, — געווען שוין אַן אָפּגעדאַונטער.

אָבער איין טאָג האָט דער שוהל־קאָמיטעט פון קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן געקראָגן אַ בריוו פון אַ באַרימטן חזן אין אונגאַרן — דער גרעסטער חזן פון דער בודאַפּעשטער שוהל. צום בריוו איז געווען צוגעלייגט רעקאָמענדאַציעס און אונטערשריפטן, וואָס האָבן באַשטעטיקט די גרויסקייט פון חזן.

אין בריוו האָט דער חזן געשריבן, אַז ער וועט זיין גליקלעך אָנצונעמען די שטעלע און געבעטן מען זאָל אים שיקן אַ שיפס־קאַרטע אָדער אַ בילעט צו קומען מיטן עראָפּלאַן.

די קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן האָט באַשטימט אַריבערצוברענגען דעם חזן, אים אַוועקגעשיקט אַ שיפס־קאַרטע מיט אַביסל מזומנים און צוגעלייגט אַ בריוו אין וועלכן זיי האָבן אָנגעמערקט, אַז ער זאָל וואָס גיכער קומען.

עס איז אוועק אַ קורצע צייט און מען האָט נישט געהערט און נישט געזען דעם חזן. די קאָמיטעט־לייט פון דער קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן זיינען געוואָרן אומרואיק און געטראַכט, אַז זיי זיינען פאַרפירט געוואָרן, אַז אַן אַפּעריסט האָט זיי אָפּגענאַרט און געטראַכט וועגן מעלדן דער פּאָליציי.

פּלוצלונג איז אָנגעקומען פון חזן אַ בריוו אין וועלכן ער שרייבט, אַז מען האָט אים פאַרגעלייגט אייניקע גוטע שטעלעס, אָבער אַזוי ווי ער האָט צוגעזאָגט

קומען קיין אפריקע, ווייל ער האַלטן וואָרט. אָבער זיין טענה איז, פאַרוואָס מען האָט געשיקט אַ בילעט נאָר פאַר אים, און נישט פאַר זיין פרוי.

די קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן האָט איינגעזען אז דער חזן איז גערעכט. האָט מען אים גלייך ארויסגעשיקט רייזע־הוצאות אויך פאר זיין פרוי.

איז געקומען אַן ענטפער פון חזן, אין וועלכן ער באשטעטיקט דאָס דער־האַלטן די רייזע־הוצאות פאר זיין פרוי, אָבער וואָס איז מכוח זיינע צוויי קינ־דער, דערצו מיידלעך? ווי קאָן ער זיי לאָזן אליין אין דער פרעמד? האָט דער חזן געפרעגט.

דער פרעזידענט פון דער קאָנגרעגיישן איז געוואָרן שטאַרק אויפגערעגט אויפן חזנס האנדלונג, פאַרוואָס ער האָט באַלד נישט קלאָר געמאַכט, אז ער האָט אַ ווייב מיט צוויי טעכטער. די מיטגלידער פון קאָמיטעט האָבן זיך גע־קאָכט, אז זיי געפעלט נישט די האַנדלונג פון חזן. נאָר אזוי ווי עס איז געווען נאָענט צו ימים־נוראים, האָט מען באשטימט ארויסצושיקן טעלעגראַפיש געלט אויך פאר דער רייזע פון חזנס צוויי טעכטער.

דערווייל האָט מען זיך גענומען גרייטן אויפצונעמען דעם חזן און געזאָרגט ווו ער זאָל וווינען. מען האָט פאַרגעלייגט, אז דער שמש פון שוהל זאָל דער־ווייל אריינגעמען צו זיך אין הויז דעם חזן מיט זיין משפחה. אנדערע זיינען גע־ווען קעגן אז דער חזן זאָל וווינען ביים שמש.

דערווייל איז אָנגעקומען אַן עקספרעס־בריוו פון חזן, אז ער איז שוין גרייט מיט זיין משפחה צו דער רייזע. נאָר אזוי ווי זיין ווייב האָט אַן אלטע מוטער, קאָן זי איר נישט לאָזן אליין. זאָל מען איר אויך ארויסהעלפן מיט הו־צאות צו קומען מיט זיי קיין אַפריקע.

מען האָט פאַררופן אַ דרינגענדע זיצונג פון דער קיקענאָווער קאָנגרע־גיישן. אַן אויפגערעגטער האָט דער פרעזידענט געקלאַפט מיט די פויסטן אין טיש און געשריען אז דער חזן וועט זיי אומגליקלעך מאַכן — ס'איז מיט אים אַ מעשה אָן אַ סוף! די מיטגלידער האָבן בארואיקט דעם פרעזידענט און אים געטרייסט, אז מען וועט נאָך האָבן אַ סך נחת און פרייד פונעם חזן.

אין אַ שיינעם טאָג, ווען די אפריקאַנער זון האָט געשטראַלט, האָט די קי־קענקאָווער קאָגרעגיישן זיך געגרייט אויפצונעמען דעם נייעם חזן. מען האָט איבערגעפאַרבן די שוהל און צוגעגרייט אַן אויפנאַמע. דער פרעזידענט האָט זיך אויסגעפוצט אין יום־טובדיקע בגדים, מיט אַ צילינדער־הוט, אזוי אויך די אַנדערע קאָמיטעט־מעמבערס און פיל יידן פון שטאָט, האָבן זיך געגרייט צום קבלת פנים פון חזן.

אין אַ מזלדיקער שעה איז אָנגעקומען דער חזן. מען האָט פון אַלע זייטן

אים געשטופּט שלום־עליכמס. דער חזן האָט געמאַכט אַ גוטן איינדרוק, ער האָט וויניק גערעדט און צו אַלעמען זיך גענויגט און געשמייכלט.

עס איז געקומען דער מאָמענט, ווען דער חזן איז אַריינגעפירט געוואָרן אין שוהל. דער גבאי מיט די קאָנגרעגיישן מיטגלידער האָבן זיך דערנענטערט צום חזן. אַ פייערלעכע שטימונג האָט אַלעמען אַרומגענומען, אויגן פול מיט פרייד האָבן געקוקט אויפן גאַסט — דעם נייעם חזן מיטן שפּיציקן בערדל און קלוגע אויגן. דאָ האָט פּלוצלונג דער חזן אַרויסגענומען אַ פּאַפּיר און דערלאַנגט דעם גבאי אונטערצושרייבן...

עולם האָט גענומען זיך איבערקוקן, שושקען. דער גבאי האָט שטיל און און איידל געזאָגט דעם חזן צוהאַלטן דאָס פּאַפּיר אויף שפּעטער. אָבער דער חזן האָט דערפון נישט געוואָלט הערן, און פאַרלאַנגט שוין אונטערשרייבן. ס'איז נישט געווען די צייט פון אַמפּערן זיך, האָט דער גבאי מיט אַנדערע מיט־גלידער אונטערגעשריבן דעם פּאַפּיר.

אויף מאָרגן האָט דער חזן פאַרלאַנגט אַז מען זאָל אים קויפן אַ הויז... ס'איז אים נישט באַקוועם צו וווינען ביים שמש, האָט ער געטענהט. ווען מען האָט אים אויסגערעדט אַז ער פאַרלאַנגט צופיל, האָט ער געדראָט, אויב מען וועט נישט קויפן פאַר אים און זיין משפחה אַ הויז, רירט ער זיך נישט צו צום עמוד.

איז געוואָרן אַ טומל. מען האָט זיך אַרומגעזען אַז מען איז אַריינגעפאַלן מיטן חזן. האָט מען אים אָפן און קלאָר געזאָגט, אַז מען וועט אים קיין הויז נישט קויפן. דער כיטרער חזן האָט געשמייכלט און געזאָגט: מען וועט שוין יאָ קויפן! ער וועט מאָנען דאָס וואָס מען האָט אים צוגעזאָגט — ער האָט אַ קאָנטראַקט!

די קיקענקאָווער קאָנגרעגיישן האָט זיך אַרומגעזען אַז זי איז מיאוס אַריינ־געפאַלן. מען איז אַוועק צו אַן אַדוואָקאַט. ס'איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער עצה ווי צו קויפן פאַרן חזן אַ הויז, אַ שיינע מאָדערנע הויז אין אַ גוטער געגנט — אַזוי האָט געזאָגט דער קאָנטראַקט...

נאָך ערגער איז געווען, ווען מען האָט שפּעטער געזען אַז דער חזן איז גאָר אַ קנאַפּער בקי אין חזנות. ער האָט קיין שטימע נישט, זיין עברי הינקט אונטער און יידן קומען וויניקער אין שוהל. מען האָט זיך געבעטן ביי אים, ער זאָל זיך אָפּזאָגן פון דער שטעלע, ער טוט פיל שאָדן דער קאָנגרעגיישן. דער חזן האָט נישט געענטפערט, נאָר געשמייכלט.

אַן אַדוואָקאַט האָט געעצהט, מען זאָל דעם חזן פאַרלייגן אַ נייעם קאָנ־טראַקט מיט העכערע שכירות, וועט דאָס אפשר זיין אַ סגולה ווי פּטור צו ווערן פון אים. דער חזן האָט זיך דערפון אויסגעלאַכט: ער דאַרף נישט קיין נייע

קאָנטראַקטן, ער וויל נישט קיין העכערע שכירות — ער איז צופרידן מיט דעם וואָס ער קריגט. נאָר אויב מען וויל אז ער זאָל גיין, איז ער גרייט דאָס צו טאָן, אויב מען וועט אים געבן „גודוויל“.

און ס'איז קיין אנדער ברירה נישט געווען ווי געבן דעם חזן „גודוויל“, בכדי פון אים פטור צו ווערן...

אַ חזן מיט עקספּיריענס...

ערב ימים־נוראים האָט אַ שוהל געזוכט אַ חזן. ווען איינער האָט זיך געמאָלדן, האָט מען אים געבעטן ער זאָל עפּעס דאַווענען פאַר די קאָמיטי־לייט.

דער חזן האָט זיך איינגעהילט אין אַ זיידענעם טלית, אויפן קאָפּ האָט ער ארויפגעזעצט אַ הויכע קופּקע, וואָס האָט אים געמאַכט אויסזען ווי אַ טערק — און גענומען זאָגן. זיין שטימע איז נישט געווען מי יודע וואָס, האָט געסקריפּעט און געכאָרכלט ווי פון א נישט־דערשאָכטענעם האָן.

דער גבאי האָט געקוקט אויף די קאָמיטי־לייט, און זיי — אויף אים. דער חזן האָט זיך געטאָן זיינס — געדאַוונט און געלעכערט די מוחות מיט זיין סקריפּענדיקע שטימע.

רופט זיך אָפּ איינער פון די קאָמיטי־לייט:

— ער איז נישט פאַר אונדז!

כאַפּט אונטער אַ צווייטער:

— ער וועט אונדז קראַנק מאַכן!

רופט זיך אָפּ אַ דריטער:

— ער וועט פאַרטרייבן די מעמבערס פון שוהל!

זאָגט דער גבאי:

— זאָרגט נישט, איך וועל ריידן מיט אים!

דערווייל האָט דער חזן אָנגעהאַלטן מיט זיין סקריפּנדיקער שטימע.

— ר' חזן — רופט זיך אָפּ צו אים דער גבאי, — גענוג. איר דאַרפט זיך מער נישט באַמיען. מיר ווייסן שוין וואָס פאַר אַ חזן איר זייט. איר זייט נישט פאַר אונדז!

דער חזן האָט זיך געמאַכט נישט הערן און ווייטער געדאַוונט. ווערט שוין דער גבאי בייז און כאַפּט אָן דעם חזן ביים טלית און שרייט:

— איר זייט טויב! איר הערט נישט וואָס מען רעדט צו אייך?

דער חזן אָבער דאַוונט ווייטער. דאָ האָט שוין דעם גבאיס געדולד גע־פּלאַצט. ער האָט זיך צוגעהאַלטן ביי די אויערן און געשריען צום חזן:

— הערט אויף! איר וועט אונדז צוהרגענען מיט אייער דאַוונען!

דער חזן איז שטיל געוואָרן, ארומגעקוקט זיך אויף אַלע זייטן און תמעוואַטע געפרעגט:

— וואָס האָט איר קעגן מיר?

— מיר האָבן קעגן אייך גאָרנישט, — האָט דער גבאי געזאָגט, — מיר זיי־נען נאָר קעגן אייער דאַוונען!

— פאַרוואָס זייט איר קעגן מיין דאַוונען? — האָט דער חזן געפרעגט.

— ווייל, ווייל איר האָט נישט קיין שטימע, אַ זעג האָט איר און איר ווייסט פון דאַוונען ווי אַ קאָזאַק! — האָט איינער פון די קאָמיטי־לייט געענטפערט.

— פונקט היינט, — האָט דער חזן זיך פאַרענטפערט — איז מיין שטימע נישט צו גוט. איר וועט אָבער זען ראש השנה ווי די שטימע מיינע וועט זיין. זי וועט זיך צעשפּילן ווי פון אַ שפּילפויגל און אַ לאָז טאָן זיך צום רבונו של עולם. איר וועט זען!

— ווי אַזוי קאָנען מיר זיין זיכער, אַז אין די ימים נוראים וועט אייער שטי־מע זיין ווי פון אַ שפּילפויגל, בעת זי סקריפּעט היינט ווי אַ פאַרזשאַווערטע זעג? — האָט דער גבאי אים געפרעגט.

— און אַז איר נעמט אַ חזן וואָס נעמט ביי אייך אויס, זייט איר דען זיכער אַז יום־טוב וועט ער זיין אַזוי גוט ווי בעת דער פּראָבע? וועלכע גאַראַנטיעס האָט איר דערויף? — האָט דער חזן געפרעגט.

די קאָמיטי־לייט האָבן זיך איבערגעקוקט און איינער פון זיי האָט ארויס־געבאַמבלט:

— דער חזן רעדט נישט אינגאַנצן קרום.

דער חזן האָט זיך אוועקגעשטעלט אנטקעגן גבאי און צוגעגעבן:

— מיט יענע חזנים דראָט אייך אַלעמאָל צו בלייבן אָן אַ חזן, אָן אַ שליח ציבור. מיט מיר קאָן דאָס נישט פּאַסירן!

— וועלכע גאַראַנטיעס גיט איר? — האָט מען אים געפרעגט.

— איר דאַרפט פון מיר קיין גאַראַנטיעס — האָט דער חזן מיט טריאומף זיך אָפּגערופן, — מיין שטימע איז די בעסטע גאַראַנטיע.

— אָבער אייער שטימע טויג דאָך נישט! — האָט מען אים געענטפערט.

— פאַרוואָס טויג נישט מיין שטימע? — האָט דער חזן זיך אָפּגערופן. — ווען עס קומט צו וואַלן רייסט מען זיך איבער מיין שטימע. דאָס זעלבע איז מיין סאָסייטי ביים עלעקטן אַ נייע פאַרוואַלטונג. און צום שטאָט־ראַט און צום פּאַרלאַמענט רייסט מען זיך ווייניק איבער מיין שטימע? און איר זאָגט מיין

שטימע טויג נישט! איך וועל אייך ציִען צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט פאַרן באַ־לײדיקן מיך. איר זאָלט וויסן זיין, איר האָט נישט אָנגעטראָפן אויף אַ שמערל־רערל, איר ווייסט נישט מיט וועמען איר האָט אָנגעהויבן! איך בין אַ חזן שוין נישט פון היינט און נישט פון נעכטן. איך האָב ביי חזנות געפּאַקט און געמאָזלט, גענוג געלט פאַרדינט. הלוואי וואָלט איר דאָס פאַרנוצן אויף ריצנאייל, וויפל איך האָב שוין פאַרדינט געלט ביים דאַווענען! אז איר וועט מיר נישט געבן די שטעלע, וויס איך וואָס כ׳האָב צו טאָן. איין גבאי האָט שוין געקראָגן קאַנסער און האַרץ־וויטיק. ווייל מיט מיר שפּילט מען זיך נישט, מען מאַכט נישט חוזק פון מיר! איינער אַ טשערמאַן פון אַ שוהל האָט מיך באַליידיקט, באשר אים איז נישט געפעלן געווען מיין דאַווענען, האָט ער מיך ארונטערגעוואָרפן פון באַלע־מער, האָב איך אים דערפאַר אויסגעהאַקט אַן אויג. אָט אזא מענטש בין איך — כ׳לאָז זיך נישט שפּייען אין דער קאַשע! אַ צווייטער טשערמאַן האָט זיך מיט מיר פאַרטשעפּעט, האָב איך אים צובראָכן דריי ריבס. זעקס וואָכן איז ער געלעגן אין שפּיטאָל. איינעם אַ גבאי האָב איך אויסגעהאַקט די ציין. זיין גליק איז געווען, ער האָט געהאַט אַ פאַלשן סעט ציינער!...

ווען דער גבאי האָט דערהערט אזעלכע רייד, איז ער געוואָרן מילדער. אַ צושראָקענער האָט ער זיך אָפּגערופן צו די קאָמיטי־לייט:

—לויט זיינע רייד איז צו זען, אז ער איז אַ חזן מיט עקספּיריענס. כ׳מיין מען דאַרף זיך נישט איינרייסן און געבן אים די שטעלע!

און דער חזן האָט געקראָגן די שטעלע.

הזנישע גליקן...

אַ באַקאַנטער חזן, וואָס האָט אויפגעגעבן דאָס חזנות און ריטייערד, האָט מיר דערציילט פון זיינע חזנות־זכרונות. ער האָט מיר דערציילט, ווען ער איז געווען חזן אין אַ שוהל וואָס האָט זיך געפונען אין אַ געגנט וווּ עס זיינען געווען נאָך שוהלן, איז געווען אַ צייט, אז ס׳איז שווער געווען צו קריגן אַ מנין צו דאַווענען. צוליב דעם האָבן די שוהלן אין יענער געגנט גענומען פירן אַ שטיקל קאָנקורענץ צו קריגן אַ מנין יידן.

— וואָס ווייסט איר, — זאָגט ער צו מיר, — וויפל מען האָט זיך אָנגעליטן צוזאַמענצוקלאַפּן אַ מנין אין די וואָכן־טעג. נאָך געווען אַ גליק וואָס אין שוהל זיינען געקומען קדיש־זאָגערס. ווען ניט זיי וואָלט מען געקענט פאַרהאַקן די שוהל אויף זיבן שלעסער.

— דערפאַר האָט איר מסתמא געהאַט גענוג יידן אין די שבתים? — האָב איך אים געפרעגט.

— אַמאָליקע יאָרן, — האָט דער חזן געענטפערט, — איז נישט געווען קיין דאגה מיט אַ מנין. יידן זיינען גערן געקומען אין אַ שוהל. ערגער איז געוואָרן שפּעטער — יידן זיינען געוואָרן מיד, אנדערע אַלט און האָבן זיך גענומען פוילן צו קומען. אַנדערע זיינען נעבעך אויסגעשטאָרבן און די שוהל האָט גענומען פּוסטעווען.

נאָר אזוי ווי פּרעזידענטן און ווייס־פּרעזידענטן, גבאים און טרעזשורערס האָבן געוואָלט אַנהאַלטן זייערע בענקלעך אין די שוהלן, האָבן זיי געזאָרגט אָנ־צוהאַלטן שוהלן מיט חזנים. ס׳איז געווען א ביטער אַנהאַלטעניש. מען האָט כסדר געהאַט דעם עול און זאָרג ווי צו ברענגען יידן אין שוהל ארייַן. אַ שטיקל אַטראַקציע איז געווען אַ גוטער חזן, אַ גוטער כאָר, אַ שיינע שוהל מיט א רב וואָס האָט געקאָנט גוט דרשה׳נען.

שפּעטער אָבער, ווען עס האָט שוין נישט געהאָלפן ניט דער גוטער חזן און ניט דער גוטער כאָר, ניט די שיינע שוהל און ניט די שיינע דרשות פון רב, איז זיך צוזאַמענגעקומען דער שוהל־קאָמיטעט און האָט צוגעטראַכט אַ געניאַלן געדאַנק: שבת נאָכן דאַווענען זאָל מען געבן א ביסל בראַנפן מיט לעקאַך — וועט דאָס אפשר העלפן אז יידן זאָלן קומען אין שוהל ארייַן.

דער פּלאַן האָט געאַרבעט. עס האָט טאַקע געהאָלפן און די זאָרגן וועגן אַ מנין שבת איז קלענער געוואָרן. ווען יידן זיינען געוואָר געוואָרן אז מען גיט אין שוהל בראַנפן מיט לעקאַך, זיינען זיי געקומען אין שוהל מאַכן א לחיים. אָבער ווען די אַנדערע שוהלן האָבן זיך ארומגעזען, אז זיי האָבן שבת קיין מנין נישט, האָבן זיי גענומען פאָרשן די סיבה און זיינען געוויר געוואָרן, אז מען פירט קעגן זיי אַ קאָנקורענץ — מען גיט די יידן אין דער אַנדער שוהל בראַנפן מיט לעקאַך. האָבן זיי פאַררופן זייער שוהל־קאָמיטעט וואָס האָט אויפן אָרט באַ־שטימט אויך אזוי צו טאָן — געבן יידן בראַנפן מיט לעקאַך.

פאַרשטייט זיך אז אויפן צווייטן שבת האָב איך אין שוהל דאָס גלייך דער־פילט. איך מיט מיין כאָר זיינען געבליבן ביי ליידיקע שטענדערס מיט פּוסטע בענקלעך. מיין קאָמיטי האָט גלייך פאַררופן אַ דרינגלעכע זיצונג און ס׳איז באַ־שטימט געוואָרן, אז אַ חוץ בראַנפן מיט לעקאַך זאָל מען אויך די מתפּללים געבן קיכלעך מיט געהאַקטע הערינג. האָט דאָס טאַקע געווירקט און יידן זיינען ווידער געקומען שבת אין מיין שוהל. די קיכלעך מיט די געהאַקטע הערינג האָבן גע־האָט אַ גוואַלדיקן כוח, און האָבן אריינגעבראַכט אין שוהל קאַרצע צוויי מנינים.

די קאָמיטי־לייט פון דער אַנדער שוהל האָבן דאָס אונדז ניט פאַרגונען, און זיי האָבן גענומען געבן חוץ בראַנפן מיט לעקאַך, אויך געהאַקטע הערינג

מיט קיכלעך. דער רעזולטאַט איז געווען, אַז ווייניקער יידן האָבן גענומען קו־מען אין אונדזער שוהל דאַוונען. נאָר אַזוי ווי מיר האָבן געהאַט אַ קלוגן טשערמאַן, וואָס האָט פיל געזאָרגט פאַר דער שוהל, האָט ער באַשטימט אַז חוץ בראָנפן מיט לעקאַך און קיכלעך מיט געהאַקטע הערינג זאָל מען נאָך געבן יידן פּיטשאַ.

די עצה פון אונדזער קלוגן טשערמאַן האָט טאַקע געהאָלפן, און יידן זיי־נען ווידער געקומען צו אונדז אין שוהל און שבת נאָכן דאַוונען האָבן זיי טועם געווען פון די סערווירטע מאכלים און געטראַנקען. און ס׳איז געוואָרן די שוהל אַזוי פול מיט יידן, אַז מען האָט געמוזט אָנשטעלן ספּעציעלע קייטערערס און סאַרווערס צו באַדינען דעם עולם. מען האָט געזען ווי יידן קומען מער עסן, ווי דאַוונען. אַנדערע זיינען געקומען אין שוהל ביים סוף דאַוונען, דערפאַר זיינען זיי אָבער געווען פּינקטלעך צו דער אכילה...

ווען די קאָמיטי־לייט פון דער אַנדער שוהל האָבן זיך דערוווּסט, אַז מיר גיבן אחוץ בראָנפן מיט לעקאַך, געהאַקטע הערינג מיט קיכלעך אויך פּיטשאַ, האָט דאָס זיי שטאַרק פאַרדראָסן און גלייך באַשטימט, אַז צו די אַלע זאַכן וואָס מיר גיבן, זאָל מען לאָזן וויסן דעם עולם, אַז זיי וועלן נאָך אויך געבן קישקע מיט צימעס.

מיר זיינען דערפון געוווּיר געוואָרן גלייך שבת, ווען איך בין געשטאַנען פאַרן עמוד מיטן כאָר און געזען ווי די שוהל פוסטעוועט — נישטאָ קיין יידן. דאָס הארץ האָט מיר שטאַרק פאַרקלעמט. מוצאי שבת האָט אונדזער שוהל־קאָמיטעט געהאַט אַ דרינגענדע באַראַטונג און באַשטימט, אַז אַ חוץ דעם כיבוד זאָל מען אויך געבן יעדן יידן וואָס וועט קומען אין שוהל אַ חודשלעכן געהאַלט. דאָס וועט שויך פאַרזיכערן אַז יידן וועלן קומען רעגולער אין שוהל און מען וועט מער נישט האָבן די זאָרג וועגן אַ מנין.

פאַר אַ שטיקל צייט האָט דער פּלאַן ניט שלעכט געאַרבעט און פיל יידן האָבן זיך אָנגעשלאָסן צו געניסן פון שבתדיקן כיבוד און פון חודשלעכן גע־האַלט. דער שוהל־קאָמיטעט האָט פרייער אָפּגעאָטעמט און ס׳איז זיי אַראָפּ אַ יאָך פון קאָפּ צו זאָרגן וועגן אַ מנין. אָבער יידן זיינען נישט קיין פאַרגינערס, האָבן די פון דער אַנדער שוהל באַלד דאָס נאָכגעטאָן, און געגעבן אַן עקסטרע מטבע מיט אַ גרעסערע פּאָרציע קישקע מיט צימעס — און יידן האָבן גענומען קומען ווייניקער אין אונדזער שוהל און געגאַנגען אין דער אַנדער שוהל. אונד־זער שוהל איז ווידער געוואָרן שיטערער און שיטערער, ביז מען האָט ווידער פאַררופן אַ זיצונג, וואָס האָט באַשטימט צו דערלייגן יידן זייער געהאַלט. האָבן דאָס אָבער באַלד נאָכגעטאָן די אַנדערע פון דער קאָנקורענץ־שוהל און מיר זיינען געווען געצוווּנגען צו געבן מער. האָבן זיי אויך געגעבן מער. זיי האָבן

זיך דאָס געקענט פאַרגינען, ווייל זיי האָבן געהאַט רייכע קאָמיטי־מעמבערס, רייכע יידן וואָס זאָגן נישט בלויז צו, נאָר גיבן טאַקע — ניט אזעלכע קאַרגע ווי אין מיין שוהל.

פאַרשטייט זיך אַז דאָס האָט שלעכט געווירקט אויף אונדזער שוהל. דער קלוגער טשערמאַן מיטן וויס־טשערמאַן, דער גבאי און דער טרעזשורער האָבן זיך גענומען טשעפּן צו מיר, דעם חזן, און געזאָגט אז ס'איז גאָר מיין שולד, איך פאַרטרייב די יידן פון שוהל און איך טויג נישט מער. ווען איך וואָלט געווען א גוטער חזן, האָבן זיי געטענהט, וואָלטן די יידן פון שוהל ניט אוועק, בפרט ווען מען טיילט זיי בחינם געשמאַקע מאכלים מיט בראַנפן און געלט.

דער סוף איז ניט געווען קיין גוטער — איך האָב פאַרלוירן די שטעלע. די קאָמיטי־מיטגלידער פון שוהל מיטן פרעזידענט האָבן זיך ארויסגעזאָגט אז זיי דאַרפן נישט קיין חזן. אַ גוטן קוכער, א קייטערער, סאַרווערס דאַרפן זיי, אָבער ניט קיין חזן. יידן ווילן מער נישט הערן דעם חזן זיך רייסן דעם גאָרגל, זיי ווילן גוט צובייסן, מאַכן אַ לחיים, און אזוי ווי דאָס קאָסט אָפּ א סך געלט, זיינען זיי נישט בכוח אויך צאָלן שכירות אַ חזן — מען וועט אויסקומען אָן אים. מען וועט בעטן אַ יידן וואָס קאָן עברי, וועט ער דאַוונען. עס פעלן נישט קיין יידן וואָס רייסן זיך צום עמוד.

הכלל, מען האָט מיך געצווונגען צו ריטייערן, און ווי איר זעט בין איך אויס חזן. מען גיט מיר אַ קליינע פענסיע, דאָס איבעריקע פאַרדין איך אַלס קאָלעקטאָר און אַלס אַ בייבי־סיטער...

אַז מ'וויל דווקא זיין אַ רעדנער...

אַ ייד האָט זיך פאַר מיר צערעדט:

וואָס, איר ווייסט נישט ווער איך בין? מיין נאָמען איז בערל שווייגער, אָבער דער אמת איז, אז איך בין שוין גאָרנישט קיין שווייגער — איך בין אַן אויסגעשפּראָכענער רעדנער. איך מאַך אַ לעבן פון ריידן! יאָ, פון ריידן לעב איך, אָבער פרנסה זוך איך פון עפּעס אנדערש. איך האנדל מיט אַלטע מעבל, מיט אַנטיקן. איך פאַרקויף בילדער, שפּיגלען. מיט וואָס איר ווילט נאָר האַנדל איך.

אָבער דאָס איז נישט וויכטיק. וויכטיק איז — איך בין א רעדנער. איך רייד ביי זיך אין דער היים און איך רייד ווו איך קום. איך רייד פאַר מאַסן, איך רייד ווען מען בעט מיך און אפילו אומגעבעטן.

איך האָב שוין גערעדט טויזנטער רעדעס. איך בין קיין איבערקלייַ־בער, איך רייד וועגן אַלץ און אַלעמען. איך האָב נישט קיין אָנגעצייכנטע ליניע וועגן וואָס צוריידן, ווי אַנדערע רעדנער, וואָס ריידן נאָר וועגן דעם און וועגן עפּעס אַנדערש ווייסן זיי נעבעך נישט וואָס צו זאָגן. ביי מיר איז דאָס נישטאָ. איך קען ריידן וועגן פּאָליטיק, וועגן ווייסשאַפט, ליטעראַטור, מעדיצין, אַסטראָ־נאָמיע און — וועגן וואָס נישט ?

דאָ נישט לאַנג צוריק האָב איך פאַר מיינע לאַנדסלייט גערעדט — ס׳איז געווען צו דער געלעגנהייט ווען אונדזער פּרעזידענט איז אַלט געוואָרן 85 יאָר — האָב איך לכבוד אים געגעבן אַ רעדע. איך האָב געזאָגט ווער ער איז און וואָס ער איז, און די לאַנדסלייט האָבן אַנגעקוואָלן פון מיין ריידן.

איך וואָלט פיל מער וועגן מיין לאַנדסמאַן, דעם פּרעזידענט, גערעדט — איך האָב געהאַט גענוג וועגן אים צו זאָגן — האָט אינמיטן זיך אריינגעמישט אַ שוואַרץ יאָר, אַ פרעמדער פּאַרשוין, וואָס האָט מיך פּלוצלינג אראָפּגעשלעפּט פון דער פּלאַטפאָרמע און מיך ארויסגעשליידערט פון זאַל.

קורץ נאָכדעם האָב איך גערעדט פאַר באַקאַנטע אין אַ פּריוואַטע הויז. כ׳האָב פאַרגעסן איך דערציילן אז מיר האָבן א קרייז, וואָס קומט זיך צוזאַמען יעדע צוויי וואָכן און אַלעמאָל רעדט אַן אַנדער פון קרייז. דער אמת איז, אז איך בין פּעאיק אַלעמאָל אליין צו ריידן, אָבער מענטשן זיינען נישט קיין פאַר־גינערס, רייסן זיי זיך ריידן, כאָטש זיי האָבן גאָרנישט וואָס צו זאָגן.

אין דעם דערמאָנטן קרייז האָב איך באַשלאָסן צו ריידן וועגן וויסנשאַפט... דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אַזוי פיל וועגן וויסנשאַפט, ווי אַ פּויער פון פּסחדיקע קניידלעך. ווייל ווען האָב איך עס שטודירט וויסנשאַפט ? אָבער עס מאַכט נישט אויס — ווער דאַרף עס שטודירן, פאַראַן גענוג רעדנער וואָס ריידן זאַכן און ווייסן נישט וואָס זיי ריידן.

אין דעם קרייז געפינט זיך איינער, וואָס איז מיר א פּערזענלעכער בלוטי־קער שונא, פאַרגינט מיר נישט מיין אייגן וויַיב, באַשר ער האָט זי אַמאָל ליב געהאַט — און איך האָב איר. מיט מיין ריידן האָב איך זי איבערגערעדט און זי איז געוואָרן מיין ווייב. דערפאַר איז ער מיר אַן אייביקער שונא. אַ שוטה פון אַ מענטשן. ער האָט אנומלט אויף מיר געוואָרפן אַ מיאוסע באַשולדיקונג, א באַליידיקונג, אז איך בין נישט ביים קלאָרן פאַרשטאַנד, אז איך בין נישט קיין נאָרמאַלער און ווייס נישט וואָס איך רייד און מען זאָל מיך נישט לאָזן ריידן. ער האָט קלאָר פאַר אַלעמען דערקלערט אז איך בין א צודרייטער...

נו, איך פרעג אייך, האָב איך אים באַדאַרפט שווייגן ? וואָס מיינט איר האָב איך געטאָן פאַר וואַרפן אויף מיר אַזא מיאוסע באַשולדיקונג, אַזא בלבול ? איך

האָב נישט איבעריק געטראַכט און דערפאַר אים געוואָרפן אַ בענקל אין קאָפּ. צוליב דעם איז אויסגעבראָכן אַ סקאַנדאַל און ער האָט קעגן מיר פאַרפירט אַ משפּט...

אָבער פאַרלאָזט זיך אויף מיר! איך בין נישט עפּעס אַ שישקע, וואָס וועט זיך לאָזן פאַררײַדן די צײַן אָדער שפּײַען אין קאַשע. איך האָב אין געריכט דערלאַנגט אַ רעדע איז מען ממש נשתומם געוואָרן. כ'האָב דעם ריכטער מיט די אַנדערע שופטים געזאָגט, וואָס מען דאַרף זאָגן — און אַז עס קומט צו ריידן, ווייס איך וואָס צו זאָגן, פאַרלאָזט זיך אויף מיר!

וואָס מיינט איר איז געווען דער סוף? דער משפּט קעגן מיר איז אָפּגעוואָרפן געוואָרן און מײַן בלוטיקער שונא איז פאַרמשפּט געוואָרן אויף זעקס וואָכן תפיסה פאַר אויסטראַכטן אויף מיר אַזאַ בלבול.

איר ווייסט גאָרנישט ווי גוט ס'איז, אַז מען קאָן ריידן!...

וואָס יידן מאַכן אַלץ

אַ ייד מאַכט חתונה, מאַכט שבע ברכות, מאַכט אַ ברית, מאַכט אַ פּדיון־הבן, מאַכט אַ לחיים און מאַכט כלומרשט גליקן. אָבער נישט אַלעמאָל מאַכט אַ ייד גליקן — זייער אָפט מאַכט ער מיט די זייטן, אָבער ער מאַכט זיך נישט וויסנדיק.

אַז עס קומט יום־טוב מאַכט אַ ייד אַ מנין, ער מאַכט קידוש, הבדלה, מאַכט אַ סדר, מאַכט זיך פאַר אַ מלך, מאַכט אַ שנעפּסעלע און אַז עס קומט צו מאַכן אַ לעבן — מאַכט ער אמאָל קדחת. און ווען מען פרעגט אים וואָס ער מאַכט, זאָגט ער, אַז ער מאַכט גאָלדענע געשעפטן...

אַ ייד האָט ליב צו מאַכן זיך פאַר אַ מאַכער. וועלכער ייד איז דאָס נישט קיין מאַכער? ער איז אַ מאַכער אין אינסטיטוציעס, אַ מאַכער אין שוהל, אַ מאַכער אין קהילה, אַ מאַכער ביי קהל, אַ מאַכער ביים ווייב — און מיט אַלע כוחות זעט ער צו מאַכן אַנדערע פאַר אויס מאַכערס...

אַז אַ ייד מאַכט שלעכטע געשעפטן, מאַכט ער פּלענער ווי די שלעכטע צייט דורכצומאַכן. און אַז עס מאַכט זיך נישט ווי ער וויל, מאַכט ער טאַקע נישט גוט: ער מאַכט חובות, מאַכט נעבעך פּליטה און נאָך די אַלע מאַכערייען

הויבט ער ווידער אָן מאַכן נייע געשעפטן. ער מאַכט אויך אָן פרישע צרות, ער מאַכט וואַסער אויף קאַשע און לסוף מאַכט ער נעבעך ויברח...

אַ ייד מאַכט אסיפות, מאַכט פאַרטייען, מאַכט צווישנרופן, מאַכט שפּאַל־טונגען, מאַכט אַ טומל, מאַכט אַ געוואַלד, מאַכט יעלות, מאַכט אָפּמאַכן, מאַכט אַ וויץ, אַ געלעכטער, מאַכט דעם אָנשטעל, מאַכט אָן אַ היץ. און אז מען פרעגט אַ ייד וואָס ער מאַכט זאָגט ער, אז ער מאַכט גאָרנישט...

אַ ייד מאַכט שמחות, מאַכט פאַרטיעס, מאַכט זאַמלונגען, מאַכט קאַמפּיינען, מאַכט „געימס״, מאַכט אַ „ראַמי״, מאַכט „קאָקטיילס״, מאַכט רייזעס, מאַכט זיך אַמאָל צו נאַר — אָבער איז אַלעמאָל אַ מאַכער...

אַ ייד מאַכט אַ הספד, מאַכט אָן אל מלא, מאכט אַן ערוב, מאַכט אַ סוכה, מאַכט דריידלעך, גראַגערס, מאַכט זיך גרויס, מאכט זיך פאר אן אלץ וויסער, און אז מען פרעגט אַ ייד וואָס ער מאַכט, ענטפערט ער צוריק מיט אַ פראַגע: וואָס זאָל ער מאַכן?

אַ ייד מאַכט א ברכה, מאַכט א שהחיינו, מאַכט אַ בורא נפשות. מאַכט אַ שהכול, מאַכט גליקן, מאַכט אַ טעות, מאכט זיך גרויס און מאַכט יענעם צו גאָרנישט...

אַ ייד מאַכט שותפות, מאַכט געשעפטן, מאַכט קריגערייען, מאַכט קאָנ־קורענץ, מאַכט חתונה קינדער, מאַכט זיי פאַר מענטשן, מאַכט זיי פאר דאָקטוי־רים, אדוואָקאַטן — און זיי מאַכן אים דעם טויט... און אז מען פרעגט אַ ייד וואָס ער מאַכט, באַקלאָגט ער זיך, ער האָט שוין אָפּגעמאַכט...

אַ ייד מאַכט זיך פאַר אַ דעה־זאָגער, פאַרן אויבערשטן פון שטייסל, מאַכט יענעם מיט דער בלאָטע צוגלייך דערפאַר, וואָס יענער וויל אים מאַכן פאר אויס מאַכער...

אַ ייד מאַכט באַקאַנטשאַפט, מאַכט שידוכים, מאַכט לצנות, מאַכט לאַכן, מאַכט וויינען, מאַכט פלאָטקעס און פון די אַלע מאַכערייען קלאָגט ער זיך, אז ס׳איז שווער אַ לעבן צו מאַכן...

אַ נייער בירגער

צווישן אַ ריי פראַגן, פרעגט דער באַאַמטער איינעם פון די נייע אי־מיגראַנטן:

— געבוירן?

— געוויס.

— כ׳מיין ווען?

— ווער געדענקט דאָס, ס׳איז שוין אַ לאַנגע צייט.

— וויפל יאָרן האָט איר?

— איך האָב זיי נישט געציילט.

— פון וועלכן לאַנד קומט איר?

— איך קום פון קיין לאַנד נישט.

— איך מיין, פונוואַנען קומט איר?

— פון מיינע עלטערן.

— גוט, פון וואַנען קומען אייערע עלטערן?

— פון זייערע עלטערן.

דער באַאַמטער ווערט אומגעדולדיק, ווישט דעם שטערן און פרעגט ווידער:

— וווּ זיינען אייערע עלטערן געבוירן?

— גייט פרעגט זיי!

— וווּ זיינען זיי?

— אויף יענער וועלט.

דער באַאַמטער ווערט שוין שטרענגער און זאָגט:

— ביטע ענטפערט ריכטיק אויף די פראַגן! פאַרוואָס האָט איר פאַרלאָזט אייער לאַנד?

— ווייל איך האָב דאָס נישט געקאָנט מיט זיך מיטנעמען.

— וואָס איז געוועזן אייער ביזנעס?

— שלעכט.

— איך מיין נישט גוט אָדער שלעכט. איך וויל וויסן מיט וואָס איר האָט זיך באַשעפטיקט?

— מיט זוכן אַרבעט.

— האָט איר געהאַט אַ סך אַרבעט?

— יאָ, געווען באַשעפטיקט פיל צו געפינען ארבעט.
— ווייסט איר אביסל געאָגראַפיע?
— יוינציק.
— וואָס ווייסט איר?
— גאָרנישט.
— ווו געפינט זיך די הויפּט־שטאָט פון לאַנד?
— אין דרויסן.
— איך מיין די קאַפּיטאל פון לאַנד.
— ביי די רייכע לייט.
— ווער איר שווערן צו זיין אַ געטרייער בירגער?
— יאָ, כ׳וועל שווערן.
— וועט איר שטיצן די מלוכה?
— אזוי אָרעם איז זי, אז זי דאַרף מיין שטיצע?
— ניין, די מלוכה איז נישט אָרעם, אָבער אַלס בירגער וועט איר זי שטיצן?
— ווי קאָן איך? כ׳האָב אַ ווייב מיט דריי פּיצלעך קינדער!
— איך מיין צי איר וועט זיין אַ געטרייער בירגער?
— פאַרוואָס זאָל איך נישט זיין קיין געטרייער בירגער? אז איך בין אַ געטרייער מאַן, אַ געטרייער פאָטער, נו, וועל איך אויך זיין אַ געטרייער בירגער.
— וויפל שפּראַכן רעדט איר?
— קיינע.
— פאַרוואָס, אָט רעדט איר דאָך!
— יאָ, אז מען לאָזט מיך, רייד איך. אָבער זעלטן — מיין ווייב רעדט.
— מיט וואָס באַשעפטיקט זיך אייער ווייב?
— מיט דערגיין מיר די יאָרן.
— ווי אַלט איז זי?
— ווער קאָן דאָס דערגיין?
— האָט איר אַ שוויגער?
— צום גליק — נישט.
— מיט וואָס דענקט איר זיך פאַרנעמען אין לאַנד?
— איך וויל זיך נישט פאַרנעמען, איך וויל דאָ זיין!
— גוט, אָבער וואָס וועט איר טאָן?
— איך דענק דאָ צו ווערן אַ רייכער מאַן.
— וועלכע קוואַליפיקאַציעס האָט איר דערפאַר?
— קיינע קוואַליפיקאַציעס, איך בין אַ ליידיקגייער.

— דאָ וועט איר קיין לײדיקגײער נישט קאָנען זײן, דאָ וועט איר מוזן אַרבעטן!

— פֿאַרוואָס? זײנען דאָ פֿאַראַן אַזוי פֿיל לײדיקגײערס, אַז זײ וועלן מיך פֿאַרקאָנקורירן?

— נײן, קײן לײדיקגײערס זײנען נישט פֿאַראַן.

— אויב אַזוי וועט דאָך דאָס לײדיקגײערײ קײנער פֿון מיר נישט צונעמען.

— ביטע רײדן צום פּונקט. איר גלײכט דאָס לאַנד?

— װי זיך אַלײן!

— וועט איר זײן לאָיאַל?

— פֿאַרוואָס נישט. כ׳בין שוין אַלץ אין לעבן געווען, וועל איך זײן אויך לאָיאַל, אַבי צו מאַכן אַ לעבן. יאָ, וואָס פֿאַראַ פֿאַך איז דאָס?

— דאָס איז נישט קײן פֿאַך! — האָט בײז אַ מורמל געטאָן דער באַאַמטער און אַ וואָרף געטאָן די פּאַפּירן און בײז אויסגערופֿן:

— כ׳האָב מיט אײך געענדיקט, נעקסט פּליז!...

בײ אַן אויטאָבוס־סטאַציע

אַ מאַן איז געשטאַנען בײ דער אויטאָבוס־סטאַציע. לעבן אים איז געשטאַנען אַן עלטערער ייד און אויך געוואַרט אויפֿן אויטאָבוס. ס׳איז געווען נאָך פֿרי, ווען מענטשן יאָגן זיך צו דער אַרבעט. פּלוצלונג רופֿט זיך אָפּ דער עלטערער מאַן צום אַנדערן:

— מיסטער, איר האָט דאָ פֿאַרלוירן עפּעס!

— וואָס? — פֿרעגט ער.

— אַ פּעקל.

— וואָס פֿאַר אַ פּעקל?

— טוט אַ קוק, וועט איר זען.

— ס׳איז נישט מײנס. — איז געקומען אַן ענטפֿער.

— ס׳איז אײערס! — זאָגט דער עלטערער מאַן.

— איך האָב נישט געהאַט קײן פּעקל.

— איך זאָג אײך איר האָט יאָ געהאַט, ס׳איז אײערס!

— פֿון וואַנען ווײסט איר אַז ס׳איז מײנס? — האָט געפֿרעגט דער אַנדערער.

— ווײל איך שטײ דאָ אַ פֿערטל שעה פֿאַר אײך און איך האָב פֿריער קײן פּעקל נישט געזען.

— וואָס פאַלט אייך איין, אז דאָס פעקל איז מיינס ?

— ווייל איך האָב דאָס פעקל פריער נישט געזען ביז איר זייט געקומען — ס׳איז אייערס !

— אפשר איז דאָס פעקל אייערס ?

— ניין — זאָגט דער עלטערער מאַן — איך שלעפּ זיך נישט מיט פעקלעך אויף אויטאָבוסן !

— ווער, ס׳איז אויך נישט מיינס.

— איך זאָג אייך אז דאָס פעקל איז אייערס, הויבט עס אויף !

— כ׳וועל עס נישט אויפהויבן, ס׳איז נישט מיינס.

— איר זייט אַן עקשן.

— איר זייט אַ גרעסערער עקשן פון מיר און טשעפּעט זיך אָפּ. ס׳איז נישט מיין פעקל !

— און איך זאָג אייך, אז ס׳איז אייערס.

— לאָזט מיך אָפּ ! צוליב אייך האָב איך שוין פאַרשפּעטיקט דעם דריטן אויטאָבוס !

— און צוליב אייער עקשנות האָב איך דורכגעלאָזט אפשר פינף אויטאָבוסן. זייט וויסן אז איך בין נישט קיין לײדיקגייער, כ׳בין אַ פאַרנומענער מענטש !

— איר מיינט אוודאי, אז איך בין אַ לײדיקגייער ?

— טוט מיר אַ טובה און נעמט אייער פעקל. כ׳האָב פיינט ארגומענטן !

— כ׳וועל נישט נעמען, ס׳איז נישט מיינס !

— ס׳איז יאָ אייערס, פאָלגט מיך און הויבט עס אויף !

— כ׳וועל עס נישט אויפהויבן, ס׳איז נישט מיינס.

— איך זאָג אייך, ס׳איז אייערס. הויבט עס אויף. אָט קומט אַן אויטאָבוס. כ׳האָב שוין צוליב אייך פאַרלאָרן דעם זיבעטן אויטאָבוס !

— לאָזט מיך צורו, כ׳וועל זיין שפּעט צו דער ארבעט. איך האָב נאָך אַ באַן צו נעמען.

— אויב אזוי הויבט אויף אייער פעקל און גייט אייך געזונטערהייט. אָט קומט אַן אויטאָבוס.

— איך וועל נישט נעמען קיין פרעמדע פעקלעך און לאָזט מיך אָפּ !

— איך זאָג אייך, ס׳איז נישט קיין פרעמדס — ס׳איז אייערס !

— ניין, כ׳וועל נישט נעמען !

— איר זייט אַ האַרטער מענטש. נעמט דאָס פעקל, דער אויטאָבוס קומט !

— כ׳וועל נישט נעמען, ס׳איז נישט מיינס.

— ס׳איז אייער פעקל. נעמט אויף טשיקאַוועס און טוט אַ קוק.

— איך קוק נישט אין פרעמדע פעקלעך.

— גוט, וועל איך פאַר אייך אַ קוק טאָן — האָט דער עלטערער מאַן געזאָגט און אויפגעהויבן דאָס פעקל. — זעט, ס'איז אייערע סענדוויטשעס וואָס דאָס ווייב האָט אייך געגעבן!

— לאָזט מיך צורו! איך האָב נישט קיין ווייב, איך בין אַ בחור!

— גוט, זאָל זיין איר זייט אַ בחור, אָבער די סענדוויטשעס זיינען דאָך אייערע?!

— ניין, ס'איז נישט מיינע.

— איך זאָג אייך זיי זיינען אייערע. טוט אַ קוק, זיי זיינען מיט פוטער, טאָמאַטן און קעז — אייערע סענדוויטשעס!

— וואָס — האָט דער מאַן זיך צעקאָכט — איר האָט געוואָלט אַז סענדוויטשעס זאָלן זיין פון גאָלד און בריליאַנטן?

— נעמט אייערע סענדוויטשעס, זייט נישט קיין עקשן! — האָט ער הייזעריק געשריען און זיך ארויפגעכאַפּט אויף אַן אָנקומענדיקן אויטאָבוס — —

אַ פאַרשפּעטיקטער איז דער עלטערער מאַן געקומען צו דער ארבעט. דאָס האַרץ האָט אים געחלשט, ער האָט געוואָלט עפּעס עסן. ער האָט גענומען זוכן זיינע סענדוויטשעס — דאַן האָט ער זיך געכאַפּט אַז די סענדוויטשעס זיינען טאַקע געווען זיינע...

אַ פאַרמיטלער פון הייזער

מיין שכן, אַ קלוגער ייד, האָט מיר דערציילט ווי אזוי ער איז געוואָרן אַ פאַרמיטלער פון הייזער, אַן עסטייט־איידזשענט, ווי מען רופט ביי אונדז.

ער איז אַמאָל געפאָרן אין אַ צווייטער שטאָט, צו גאַסט צו זיינע אַ שוועסטער, איז ער באַגליקט געוואָרן. ווען ער איז דאָרטן ארויס באַטראַכטן די גאַסן, די געשעפטן, האָט ער געטראָפן אַ באַקאַנטן. זיי האָבן זיך שטאַרק דערפרייט. זיין באַקאַנטער האָט אים אוועקגעפירט ערגעץ אויף אַ ווינקל גאַס, אַנגעוויזן אים אויף אַ געביידע און געזאָגט, ער האָט שטאַרק חשק צו קויפן די געביידע, האָט ער אָנגעבאָטן אַ פרייז, אָבער דער באַלעבאָס פון דער געביידע וויל מער.

די מעשה איז מיין שכן געקראָכן אין איין אויער אריין און פון צווייטן ארויס. אָבער אַ ביסל שפּעטער האָט אים אַן אַנדער ייד אָפּגעשטעלט אין גאַס און געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, איר זייט אַ היגער?

— ניין, ניט קיין היגער.

— פון וואַנען קומט אַ ייד ?

— פון יאָהאַנעסבורג.

— וואָס טוט אַ ייד ?

— וואָס זאָל א ייד טאָן ?

— לויט ווי איך באַמערק, מוזט איר אוודאי זיין אַ קויפער פון הייזער ?

— וואָס, למשל, האָט איר באַמערקט ?

— איך האָב געזען ווי איר האָט מיט איינעם גערעדט און באַטראַכט מיין מויער !

— איז וואָס ?

— גאָרנישט, — האָט יענער געזאָגט, — כ׳האָב געמיינט איר זייט אַ קוי־פער פון הייזער.

— ניין, נישט געטראָפן.

— וואָס איז אייער באַשעפטיקונג ?

— צוליב וואָס דאַרף איר דאָס וויסן ? — האָב איך געפרעגט.

— לויט ווי איך האָב געזען, — האָט דער ייד געלאָסן געזאָגט, — ווען איר האָט מיטן אַנדער מאַן גערעדט און באַטראַכט מיין געביידע, האָט איר געמאַכט דעם איינדרוק צו זיין אַ פאַרמיטלער פון הייזער, אַן עסטייט־איידזשענט.

מיין שכן האָט נישט געוווסט וואָס צוענטפערן און זיך ארויסגעכאַפּט :

— יאָ, געטראָפן, אַן עסטייט־איידזשענט, אַ פאַרמיטלער פון הייזער !

— כ׳האָב דאָס גלייך באַמערקט ! — האָט דער ייד מיט פרייד אויסגערופן.

— נו, אויב אזוי האָב איך פאַר אייך אַ גוטע פראָפּאָזיציע צו מאַכן גרינגע עט־לעכע הונדערטער !

— ווי אזוי ? — איז מיין שכן געוואָרן נייגעריק.

— איר דאַרפט גאָרנישט טאָן, איר דאַרפט נאָר ווירקן אויף אייער באַקאַנטן מיט וועמען איר האָט פריער געשמועסט און באַטראַכט מיין מויער, אז ער זאָל קויפן מיין געביידע !

— ווי אזוי קען איך עס ווירקן אויף אים, — האָט מיין שכן געפרעגט, — אז ער זאָל קויפן אייער געביידע ?

— כ׳האָב אַ פּלאַן. גייט צו אים אריבער און דערקלערט אים, אז די גע־ביידע איז אַ גרויסע מציאה. זאָגט אים, אז פיל מענטשן יאָגן זיך נאָך איר, עס איז אַ ווילדער „באַרגן״, ער זאָל נישט צולאָזן אַנדערע אזא „טשאַנס״, ער זאָל זיך צואיילן. און אז ער וועט קויפן וועט איר מאַכן עטלעכע הונדערטער !

— גוט, איך וועל מיט אים ריידן. אָבער איידער איך גיי מיט אים ריידן, וויל איך איר זאָלט מיר פאַרזיכערן די צוגעזאָגט עטלעכע הונדערטער !

— איך שרייב אייך שוין אויס אַ טשעק אויף טויזנט ראַנד, צאָלבאַר ווען די טראַנזאַקציע וועט דורכגיין!

— טויזנט ראַנד איז ניט גענוג! — האָט מיין שכן געזאָגט. — אויב איר וועט מיר געבן אַ פאַרזיכערונג דורך אַ באַנק אויף צוויי טויזנט, בין איך גרייט צו טאָן וועגן דעם.

— גוט, כ׳בין איינשטימיק, אָפּגעמאַכט!

נאָכדעם ווי מיין שכן האָט זיך באַוואָרנט מיט די צוגעזאָגטע מעקלעריי, האָט ער אויפגעזוכט זיין באַקאַנטן און צו אים געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס איך בין געוואָר געוואָרן אין שטאָט? די געביידע וואָס איר האָט מיר אָנגעוויזן האָלט ביים פאַרקויפט ווערן. מען גיט מיט אַ טויזנטער מער, וויפל איר האָט געבאָטן. לויט ווי מענטשן ריידן איז דאָס נאָך אַלץ אַ גרויסע מציאה!

— אפשר וואָלט איר אויסגעפונען וויפל מען וויל צאָלן פאַר דער געביידע? אפשר וואָלט איר אַוועק צום בעל־הבית פון מויער און זאָגן אים, איר האָט חשק צו קויפן די געביידע. איר זאָלט אים אָבער זאָגן א פרייז, עס זאָל אים פינצטער ווערן אין די אויגן

— איך ווייס דאָך ניט ווער דער בעל הבית איז?...

— איך וועל אייך שוין זאָגן ווער ער איז און וווּ ער וווינט!

— גוט. וואָס וועל איך אָבער דערפון האָבן? — האָט מיין שכן געפרעגט.

— איך בין גרייט — האָט זיין באַקאַנטער געזאָגט — צו געבן אייך דער־פאַר אַ הונדערטער!

— אַ הונדערטער, דאָס אַלץ?

— גוט, כ׳וועל אייך געבן צוויי הונדערט!

— אונטער פינף הונדערט וועל איך זיך נישט נאַריש מאַכן! — האָט מיין שכן געזאָגט.

— גוט. כ׳וועל אייך געבן פינף הונדערט. גייט און רעדט מיט אים!

— גיט מיר אַ פאַרזיכערונג, שרייבט מיר אונטער אַ דאָקומענט אויף פינף הונדערט — האָט מיין שכן געזאָגט — וועל איך גיין ריידן מיט אים.

יענער האָט אונטערגעשריבן און מיין שכן איז אַוועק צום אייגנטימער פון דער געביידע און געזאָגט:

— לויט ווי מענטשן אין שטאָט ריידן, איז אייער געביידע ווערט פונקט אַ העלפט וואָס איר פאַרלאַנגט!

— וואָס איז מיט אייער באַקאַנטן?

— איך האָב מיט אים נאַרוואָס גערעדט. ער האָט מיר דערציילט, מען האָט אים אָנגעבאָטן עטלעכע גרויסע געביידעס אין צענטער שטאָט, צווישן זיי אַ גאָר שיינער בנין וואָס געפעלט אים זייער און ער האָט שטאַרק חשק צו קויפן.

— איר ווייסט וואָס, — האָט יענער געזאָגט, — איך גיב אייך נאָך אַ הונדערטער, גייט שוין אריבער צו אייער באַקאַנטן און זעט ער זאָל קויפן מיין מויער!

— פאַר נאָך אַ הונדערטער לוינט זיך מיר ניט. איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ טרחה עס איז צו ווירקן אויף אים, ווען מען לייגט אים פאַר גרעסערע מציאות פון אייערע!

— איך וועל אייך דערלייגן נאָך 200!

— ניין, עס לוינט זיך מיר ניט.

— אויב אזוי וועל איך אייך געבן גאַנצע דריי טויזנט! איר הערט, דריי טויזנט אנשטאָט צוויי טויזנט, אָפּגעמאַכט? זעט אז אייער באַקאַנטער זאָל קויפן מיין געביידע!

— גוט, שרייבט אונטער וועל איך גיין ריידן מיט אים!

דער ייד האָט אונטערגעשריבן אויף נאָך אַ טויזנטער און מיין שכן איז אַוועק צו זיין באַקאַנטן און צו אים געזאָגט:

— איר ווייסט וואָס איך האָב נאַרוואָס געהערט אין שטאָט? מען זאָגט אז די געביידע וואָס איר ווילט קויפן, איז אַ ווילדע מציאה. עס יאָגן זיך נאָך איר פיל קונים. ווען איר וואָלט מיך הערן וואַרט איר ניט קיין איבעריקע מינוט און קויפט, ס'קען זיין שפּעט אויב איר וועט וואַרטן!

* * *

— איר ווילט וויסן דעם סוף — האָט אַ צעשטראָלטער מיין שכן פאָרגע־זעצט — איך בין אהיימגעפאָרן פון מיין שוועסטער מיט דריי און אַ האַלב טויזנטער אין קעשענע. איך האָב אויפגעגעבן מיין גראָסערי־שאָפּ און געוואָרן אַן עסטייט־איידזשענט — אַ פאַרמיטלער פון הייזער...

ער זוכט אַ וווינונג

צוויי יידן האָבן זיך געטראָפן און גענומען פאַרפירן אַ שמועס. באַקלאָגט זיך איינער פון זיי:

— שוין דריי חדשים זוך איך א וווינונג און קאָן נישט געפינען!

— ביי אונדז אַ וווינונג צו געפינען איז היינט נישט פון די לייכטע זאַכן — רופט זיך אָפּ דער צווייטער. ס׳איז אומעטום פאַרנומען, פול, אפילו אין די תפיסות איז פול!

— איך זוך נישט אַ וווינונג אין תפיסה!

— כ׳ווייס. ווער זוכט דען יאָ אַ וווינונג אין תפיסה?

— פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכן יאָ.

— ווער זיינען זיי?

— שווער אויסצורעכענען, די ליסטע איז אַ גרויסע.

— רעכן טאַקע ניט. אז מיר וועלן נעמען וועגן דעם פירן א חשבון, וועט ניט זיין גוט.

— און אַזוי איז דען גוט?

— טאַקע ניט גוט, אָבער ס׳קען זיין ערגער!

— נו, געבוג! זאָג מיר, ווייסט פון אַ דירה, אַ פלעט, אַ הויז?

— אין וועלכער געגנט ווילסטו אַ וווינונג?

— קיין אונטערשייד.

— וואָס הייסט קיין אונטערשייד. וועסט דאָך נישט גיין וווינען אין די סלאָמס, און אין די רייכע געגנטן, ווו ס׳קאָסט טייער, איז דאָך נישט פאַר דיין קעשענע!

— פאַר מיין קעשענע איז אין ערגעץ נישט לייכט. איבריקנס איז נישט די פראַגע וועגן געלט, נאָר וועגן אַ וווינונג!

— היינט צו דינגען אַ וווינונג איז שווערער ווי אַמאָל קויפן אַ הויז.

— כ׳ווייס דאָס. אמאָל האָט מען צוגעצאָלט צו נעמען אַ פלעט. מען האָט געגעבן עטלעכע חדשים פריי, אָן דירה־געלט — אבי מען זאָל נאָר נעמען!

— היינט אז מען קומט צו אַ בעל־הבית פרעגן וועגן א פלעט, שמייכלט ער, קוקט אָן אַזוי מאָדנע, ווי מען וואָלט זיין ארונטער פון זינען!...

— דאָס איז נאָך נישט אַלץ! ער נעמט אויספרעגן ווער מען איז, וואָס

מען טוט, וויפל געלט האָט מען אין די בענק, וואָס פארא גאַראַנטיעס און באַ־שטעטיקונגען וועט מען אים געבן, אז מען איז אַן אָרנטלעכער מענטש, אז מען האָט קיינמאָל נישט באַנקראָטירט. ער מוז דאָס אַלץ גענוי וויסן, פונקט ווי מ׳וואָלט וועלן קויפן זיין געביידע!

— נאָך מער! זיי ווילן וויסן צי מען איז פאַרהייראַט אָדער סינגל? צי מען האָט קינדער און וואָס פאַראַ קינדער מען האָט? צי זיי זיינען שטילע אָדער טומלערס? זיי ווילן אפילו וויסן אויב מען האָט א געליבטע, צי די ווייב האָט געליבטן?

— צו וואָס דאַרפן זיי דאָס וויסן?

— אויב מען האָט אַ געליבטע, אָדער די ווייב האָט אַ געליבטן רעכענען זיי טייערער די רענט!

— און אז מען האָט נישט קיין געליבטע, רעכענען זיי ביליגער?

— פון ביליגער פאַרגעס!

— נו, ווייסטו פון אַ דירה, אַ פלעט?

— שאַ, כ׳האָב פאַר דיר אַ פלעט! מיינער אַ באַקאַנטער וויל זיך ארויס־ציען פון זיין פלעט!

—ווען ציט ער זיך ארויס?

— ווען ער וועט געפינען אַן אַנדער פלעט.

— האָט ער וועלכע אויסזיכטן?

— יאָ, אויסזיכטן האָט ער, אָבער ניט קיין פלעט.

— איז וואָס איז דיין עצה?

— מיין עצה איז, צי זיך דערווייל אריין אין מושב־זקנים!

— מאַכסט פון מיר שפּאַס, ווו קום איך אין מושב זקנים?

— כאַפּ זיך ניט אַן אזוי — אויך דאָרטן איז פול!

— איז וואָס זשע טוט מען?

— צי זיך דערווייל אריין צו דיין שוויגער!

— כ׳האָב נישט קיין שוויגער!

— וואָס, דו האָסט נישט קיין שוויגער? איז צו וואָס זוכסטו א וווינונג?

— האָט ער אים געפרעגט און איז אַוועק אַן אַ גוטן טאָג.

אַ נייער שכן

אין מיין גאַס האָט זיך אַריינגעצויגן אַ נייער שכן. אַלע שכנים האָבן געעפנט טירן און פענצטער און קעפּ האָבן אַרויסגעקוקט צום נייעם שכן.

אויך דער נייער שכן האָט געוואָרפן בליקן אויף אַלע זייטן, געקוקט אויף די טירן און פענצטער — צו אַלע מענטשן.

דער נייער שכן איז געווען אַ פּאַרהייראַטער מיט א קליין ווייבעלע מיט אַ רויטן קאָפּ האָר, וואָס האָט אויסגעזען ווי אַ שטיק פייער. ער איז געווען אַ דאַרער, אַ נידעריקער מיט אַ פּאָר פינקלדיקע שפּיציקע אויגן, וואָס האָבן געקוקט אויף אַלע זייטן.

איין טאָג באַגריסט ער מיך:

— גוט מאָרגן. — ענטפער איך.

ער פרעגט מיך:

— איר וווינט שוין דאָ לאַנג?

—אַכצן יאָר, — ענטפער איך.

— איר מיינט דאָס ערנסט?

— ערנסט צי נישט ערנסט, אַכצן יאָר וווין איך דאָ!

— פאַרוואָס וווינט איר אזוי לאַנג אין דעם הויז?

— ס׳איז אפשר א חסרון?

— איך וואָלט אזוי לאַנג נישט געוווינט אין איין הויז. אין אכצן יאָר וואָלט איך געוווינט אין אַ זעכציק אָדער מער וווינונגען.

איך האָב אים נישט געענטפערט און אוועק.

אין עטלעכע טעג אַרום טרעפט מיך ווידער דער נייער שכן:

— העלאָו! גוט וואָס איך האָב אייך געטראָפן. איך האָב געוואָלט אייך איינלאַדן צו מיר אין הויז!

— נאָכוואָס? — האָב איך געפרעגט.

— איך האָב אַ טראַדיציע איינצולאַדן שכנים צו זיך. יאָ, ווער איז דער וואָס וווינט נעקסט־דאָר צו אייך? און דער וואָס וווינט מיט אַ טיר ווייטער, און פון קעגנאיבער? מיין פרוי וויל מאַכן אַן אָוונט, וויל זי איינלאַדן די שכנים!

— איך קאָן ווייניק די שכנים.

— איר וווינט שוין דאָ אַכצן יאָר און איר קענט נישט די שכנים פון אייער גאַס?

— יאָ, איך וווין דאָ אכצן יאָר, אָבער די שכנים וווינען דאָ נישט אזוי לאַנג. זיי קומען און גייען. אָט אַ שטייגער איר, ווי לאַנג וווינט איר דאָ, און ווי לאַנג דענקט איר דאָ צו וווינען ? — האָב איך פּלוצלינג אים אַ פרעג געטאָן.

— מיר האָבן אַ טראַדיציע, אז נאָכדעם ווי מיר קאָנען שוין גוט אַלע שכנים, קלייבן מיר זיך אריבער אין אַ נייער געגנט, אין אַ נייער הויז.

— אַ גאַנץ שיינע טראַדיציע האָט איר.

— איר ווייסט דאָך, ווען מען קען זיך לאַנג מיט שכנים, ווערט דאָס אַביסל וואָכעדיק. נו, זוכן מיר זיך אויס אַ פרישע געגנט מיט נייע שכנים און מיר ברענגען אריין אַ ביסל פרישע יום־טובדיקייט אין אונדזער לעבן.

— לויט ווי איך זע, — זאָג איך צום שכן, — האָט איר דאָך גאָר אָפט פרישע יום־טובים...

— יאָ, מיר גלויבן פון אָנהאַלטן די יום־טוב־טראַדיציע.

איך האָב גאָרנישט געענטפערט און אוועק.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער האָט די נייע שכנטע גענומען זיך פריינד־לען מיט מיין פרוי. זי האָט אָנגעהויבן קומען אָפט אין אונדזער הויז — און יעדעס מאָל האָט זי עפּעס געבאָרגט.

איינמאָל האָט זי געבאָרגט אייער, צוקער, זייף, ליכט, טיי, מילך, עלעקטרי־שע לאָמפּן, שטולן, טעפּלעך, לעפל, זאַלץ, מעל. אַ צווייטן מאָל האָט זי גע־באָרגט די כלים צו ארבעטן אין גאָרטן, די גראָז־מאַשין צו שניידן איר לאָנקע און נאָך אנדערע זאַכן.

שפּעטער איז זי געקומען באָרגן אנדערע זאכן — איר האָט אויסגעפּעלט אַ טישטוך, אַ ליילעך, אַ האַנטוך און נאָך פארשיידענע זאכן.

נאָכדעם איז די שכנה געקומען באָרגן געלט: אלע מאָל האָט איר אויס־געפּעלט געלט צו צאָלן פאַר מילך, קוילן, פלייש, פאַר ברויט און פאַר אַנדערע זאַכן.

שפּעטער איז זי געקומען מיט פארשיידענע צעטלען און „ראַפלס" צו פאַר־קויפן. האָט געקליבן פאַר טויבע, פאַר שטומע, פאַר בלינדע און פאַר קרומע. זי האָט געהאַט אַלע מאָל אַנדערע ביכלעך און צעטלעך — און געריסן געלט.

טאָמער איז דאָס געווען ווייניק, איז דער שכן געקומען אָפט און געבעטן מען זאָל פאר אים געבן אונטערשריפטן אין באַנק, אין גמילות־חסד, גוט־זאָגן פאר אים אין דער גראָסערי־שאָפּ, ביים בוטשער, ביים בעקער, ביים שניידער און נאָך אַנדערע ערטער.

איך האָב געזען ,איך בין ארייגעפאַלן מיט מיין שכן. מיין ווייב האָט גע־זאָגט, אז וואָס גיכער מיר וועלן פון אים פּטור ווערן, וועט דאָס פאַר אונדז זיין געזינטער.

אָבער אונדזער שכן האָט זיך נישט געמאַכט וויסנדיק און געקומען צו אונדז זייער אָפּט.

— אַ גוטן אָוונט אייך! וואָס מאַכט איר? איר זעט, אַז איר קומט נישט צו מיר קום איך צו אייך. איך האָב אַ טראַדיציע אָנצוהאַלטן מיין גאַסטפריינד־לעכקייט און פריינדשאַפט מיט שכנים, בפרט מיט אַ גוטן שכן! איר ווייסט, היינט האָב איך געהאַט זייער אַ גוטן טאָג, אין מיין געשעפט האָב איך געלייזט געלט, וואָס אַן אַנדערער קוקט דאָס נישט אָן פאַר חדשים לאַנג. איך וואָלט נאָך מער געקאָנט לייזן, האָב איך אָבער נישט געהאַט גענוג סחורה. בין איך טאַקע געקומען צו אייך, אפשר וואָלט איר מיר אויסבאָרגן עטלעכע פונט, אַ גמילת־חסד אויף אַ קורצער צייט, אויף עטלעכע טעג?

— אנשולדיקט, איך האָב נישט קיין געלט!

— נו, אַז נישט היינט, וועט איר האָבן מאָרגן. איך וועל קומען אייך זען מאָרגן. אַ גוטע נאַכט! — און ער איז אוועק.

די שכנים האָבן געקוקט דורך די טירן און פענצטער ווען דער נייער שכן האָט זיך באַוויזן, אָדער ווען זיין ווייבל איז דורכגעגאַנגען די גאַס. אָבער קיין איינער פון זיי האָט מיט אים אָדער איר קיינמאָל נישט גערעדט. אויך זיי, די נייע שכנים, האָבן אויסגעמיטן די שכנים אין גאַס. דאָס איז מיר געווען זייער אויפפאַלנד און איין טאָג האָב איך געפרעגט אַ שכן, אויב ער קאָן די נייע שכנים.

— וואָס הייסט צי איך קען זיי! ווער קען זיי נישט, די כאַפּערס און שנאָ־רערס? אומעטום קומען זיי נעמען און כאַפּן. זיי מאַכן אַ לעבן פון יענעמס האָב און גוטס. ער איז שוין אפילו געזעסן עטלעכע יאָר פאַר פאַרכאַפּן פרעמד געלט, און זי, זיין ווייב, ווער קען זי נישט. זאָל זיין אַ סוד, מען טאָר זיך מיט זיי נישט אָנהויבן, זייט פאָרזיכטיק!...

דערהערט דאָס איז מיר געוואָרן פינצטער פאַר די אויגן און ביטער אויפן האַרצן. איך האָב דערציילט מיין פרוי, וואָס דער שכן האָט מיר געזאָגט. זאָגט מיין פרוי, אַז זי ווייסט שוין אַלץ, מען האָט איר שוין אויך געוואָרנט. די שכנים האָבן געזען אַז זיי גייען צו אונדז צו אָפט און חברן זיך מיט אונדז, האָבן זיי איר געוואָרנט!

טראַכט איך ביי זיך, איך וועל דעם נייעם שכן כאַפּן אין גאַס וועל איך אים דערלאַנגען אַ פּאָרצע און פון אים פאָדערן אַלע מיינע אונטערשריפטן און הלוואות.

אָבער שוין דעם פירטן טאָג ווי איך זע נישט מיין שכן, נישט אים און נישט איר, זיין ווייב. האָב איך געטראַכט, אַז מען זעט אים נישט אין גאַס, דאַרף מען אריינגיין צו אים, דעם פיינעם מענטש. האָב איך גענומען איין אָוונט און זיך

געלאָזט צו אים. איך קום צו צו זיין הויז: עס איז פינצטער מצרים. איך קלאַפּ אין טיר — קיינער ענטפערט ניט. קלאַפּ איך שטאַרקער, אָבער בלויז אַן עכאָ קלינגט אָפּ.

אין דער פרי בין איך אַוועק ווידער. קלאַפּ אין טיר — ווידער אַ שטיל־שווייגעניש. איך טו אַ קוק דורכן פענצטער, זע איך אַ ליידיקע הויז — קיינער איז נישטאָ.

שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז דער נייער שכן איז שטיל ביינאַכט אוועק, עוקר געווען און פאַרפאַלן געוואָרן ווי אין וואַסער אריין. די שכנים פון גאַס האָבן מיר דערקלערט, אַז אזוי פירט ער זיך זיין גאַנץ לעבן, זיי קאָנען אים גוט, דאָס איז זיין לעבן — צו כאַפּן פון אנדערע וואָס נאָר ער קאָן.

מיט אַ שטיקל צייט שפּעטער בין איך געוואָר געוואָרן, אַז ער וווינט שוין אין אַ נייער געגנט און ער טוט שוין דאָרטן דאָס זעלבע וואָס ער האָט געטאָן צו מיר און פיל אנדערע. כ׳האָב אפילו געטראַכט אים אָנצולערנען, אָנקלאָגן אין געריכט. אָבער איך האָב זיך געטראַכט — נישט כדאי מיט אזא פאַרשוין זיך אָנצוהייבן.

איינמאָל האָב איך אים פּלוצלינג געטראָפן אין גאַס. ער איז פון מיר נישט אנטלאָפן, פאַרקערט, ער איז צוגעקומען און פריינדלעך צו מיר זיך אָפּגערופן:

— איך האָב אַ טראַדיציע, אַז איך זע אַ גוטן פריינד מיינעם, מוז איך אים באַגריסן און פרעגן וואָס ער מאַכט! יאָ, האָט איר אפשר אַ סיגאַרעט?

איך האָב נישט געוווּסט וואָס צו ענטפערן, און דערווייל איז ער נעלם געוואָרן...

אין קינאָ

מאַן און ווייב זיינען אוועק אין קינאָ. אין דרויסן פאַרן קינאָ איז געשטאַנען אַ גרויסער עולם, וואָס האָט זיך געשטופּט צום אריינגאַנג. ביי דער טיר האָט אַן אשער דאָס פּאָרל געפירט איבערן האַלב טונקעלן זאַל און זיי צוגעפירט צו זייערע פּלעצער.

אויפן עקראַן האָבן זיך געוויזן פאַרשיידענע רעקלאַמעס. נאָכדעם איז אין זאַל געוואָרן פינצטער, עס איז געוויזן געוואָרן קורצע נייעס־בילדער, מאָדע־פּאַראַדן, ספּאָרט און מיניאַטור־בילדער.

נאָכדעם איז געקומען אַן הפסקה.

אין זאַל איז געוואָרן ליכטיק. אַ געדיכטער רויך פון סיגאַרעטן האָט ווי אַ

שווערער פֿאַרהאַנג געהאנגען איבער אלעמענס קעפּ. דער זאַל איז געווען גע־פּאַקט, קיין ליידיקער פּלאַץ איז נישט געווען. אַ קלעפּיקע היץ האָט געפּייניקט.

רופֿט די פֿרוי צו איר מאַן זיך אָפּ:

— פֿו, ס׳איז שרעקלעך הייס!

— יאָ, שרעקלעך הייס. — ענטפֿערט דער מאַן.

— באָריס, — זאָגט זי, — אפֿשר וועסטו ארויסגיין קויפֿן אַן אייז־קרעם?

— אויב דו ווילסט, וועל איך גיין. — האָט איר מאַן צוגעשטימט און גע־שטופּט זיך צווישן געדיכטן עולם צום ארויסגאַנג.

אין דרויסן האָט געטריפֿט אַ דין רעגנדל. באָריס האָט אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם, געכאַפּט א בליק אויף די פֿאַרבייפֿאָרנדע אויטאָס, אויף די אײַלנדע מענטשן און אויפֿן דינעם רעגן וואָס איז שטיל געפֿאַלן.

נאָכן אָפּקילן זיך אַביסל, האָט ער איינגעהאַנדלט אַן אייז־קרעם און זיך צוריק געלאָזט אין זאַל, וווּ עס איז שוין געווען אַ געדיכטע פֿינצטערניש. אויפֿן עקראַן האָט זיך שוין געוויזן דאָס בילד. נערוועז האָט באָריס אין דער פֿינצטער געזוכט זיין פּלאַץ. אַלע פּלעצער זיינען געווען באַזעצט. ענדלעך האָט ער באַ־מערקט אַ ליידיקן פּלאַץ, האָט ער זיך דורכגעשטופּט צווישן די מענטשן, אוועק־געזעצט זיך און דעם אייז־קרעם דערלאַנגט זיין פֿרוי.

דער פֿילם האָט פֿאַרגעשטעלט אַ ליבע האַנדלונג. די הויפּט־העלדן זיינען געווען צוויי שיינע יונגע פֿרויען וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אַ שיינעם שיפֿס־קאַפּיטאַן. ביידע זיינען געווען אין אים שטערבלעך פֿאַרליבט.

פּלוצלינג האָט באָריס דערפֿילט ווי זיין פֿרוי טוליעט זיך צו אים. ער האָט געטראַכט: אזאַ בילד איז אַ גוטע לערע פֿאַר פֿרויען ווי אָפּצושאַצן אַ מאַן. ער האָט זיך געפֿילט זיכערער און גליקלעכער.

ער האָט דערפֿילט זיין פֿרויס האַנט באַרירט און צערטלט זיינע, איז אים געוואָרן גוט און אַנגענעם. א גרויסן אינטערעס האָט ער דערפֿילט אין פֿילם — פּונקט ווי ער אליין וואָלט אין אים מיטגעשפּילט.

נאָכדעם ווי זיין פֿרוי האָט אויפֿגעגעסן דעם אייז־קרעם, האָט זי זיך נענ־טער צוגערוקט צו אים. ווי אַ פֿאַרליבטע פּאָר האָבן זיי זיך צוגעקוקט מיט גרויס אינטערעס צו דער ליבע האַנדלונג. זי האָט באַוווּנדערט די שיינקייט פֿון שיפֿס־קאַפּיטאַן, און ער האָט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן געקוקט אויף די צוויי שיינע פֿרויען וואָס האָבן זיך געיאָגט נאָך אים.

בינו לבינו האָט די פֿרוי אַלץ נענטער זיך געטוליעט צו אים, האָט שטאַר־קער גענומען דריקן זיין האַנט. פּלוצלונג האָט זי אים אָפּגעפּרעסט א קוש אויפֿן באַק. שטיל האָט ער צוריקגעענטפֿערט מיט אַ קוש...

קיינמאָל פֿריער איז באָריס נישט געזעסן אזוי שטיל, פֿאַרליבט מיט זיין

פרוי אין קינאָ ווי דאָס מאָל. ווי אַ יונג פאַרליבט פּאָרל האָבן זיי זיך געהאַלטן ביי די הענט, געקוקט אויפן פילם און געווען גליקלעך. — — —

נאָכדעם ווי דער פילם האָט זיך געענדיקט און אין זאַל איז געוואָרן ליכ־טיק, האָט פּלוצלונג באָריס דערפילט אַ פייערדיקן פּאַטש אין באַק... דאָס האָט אים מכבד געווען זיין פרוי פון דער הינטערשטער ריי...

אויפן ערשטן מאָמענט האָט באָריס נישט געוווּסט וואָס ארום אים קומט פאָר. ווען ער איז געקומען צו זיך האָט ער באמערקט זיין טעות: אנשטאָט זיין פלאַץ, האָט ער אין דער פינצטער זיך געזעצט לעבן אַ פרעמדער פרוי, און פון הינטער זייערע פּלייצעס האָט זיין פרוי אַלץ צוגעזען...

אויפגערעגט און באַליידיקט האָט זיך אויך דערפילט די פרעמדע פרוי, ווען זי האָט געכאַפּט אַ בליק הינטער זיך, און דערזען ווי מיט באָריסעס פרוי זיצט איר מאַן. זי האָט נישט איבעריק געטראַכט און זיך געלאָזט צו איר מיט אירע שאַרפע נעגל...

אַ שותּף...

הערמאַן קליין האָט געאַרבעט אין אַ גרויסער אונטערנעמונג, פאַרנומען דאָרטן אַ געהעריקן פּאָסטן. זיינע שכירות זיינען אָבער נישט געווען קיין גרוי־סע. דאָס האָט אים געשטערט חתונה צו האָבן מיט עלזאַן, מיט וועמען ער איז ארומגעגאַנגען אַ לענגערע צייט און איר שטאַרק ליב געהאַט.

עלזאַ, אַ סימפּאַטיש און באַחנטע מיידל מיט פייער־ברענענדיקע אויגן, איז געווען מיט עטלעכע יאָר ייִנגער פון הערמאַנען. זי האָט געוווּסט אַז הערמאַן האָט איר ליב, זי האָט מיט אומגעדולד געוואַרט אויפן גליקלעכן טאָג פון זייער חתונה. אָבער צוליב הערמאַנס קליינע פאַרדינסטן האָבן זיי געמוזט די חתונה אָפּלייגן אויף שפּעטער.

איין טאָג האָט פאַר הערמאַן קליין אַ שיין געטאָן די זון: אַ ווייטער קרוב האָט פאַר אים געלאָזן אַ גרויסע ירושה. עלזאַ און הערמאַן זיינען פונעם פּלוצ־לונגן גליק ממש פאַרכישופט געוואָרן און זייער ליבע האָט זיך שטאַרקער צע־פלאַקערט.

קורץ נאָכדעם האָט הערמאַן אויפגעגעבן זיין שטעלע און זיי האָבן חתונה געהאַט. מיט זיינע פעאיקייטן און געלט האָט ער נישט באַדאַרפט מער אַרבעטן פאַר פרעמדע. ער האָט געעפנט פאַר זיך אַ פאַבריק פון קליידער, וואָס איז אַוועק גוט און הערמאַן איז רייך געוואָרן.

די געשעפטן זיינען מיט יעדן טאָג געוואַקסן און הערמאַן איז געוואָרן אין זיי שטאַרק פאַרטאָן — טעג און נעכט געאַרבעט, געחשבונט, געזוכט פלענער ווי נאָך מער די געשעפטן צו פאַרגרעסערן. און וואָס מער ער האָט זיך אריינגעטאָן אין די געשעפטן, אלץ ווייניקער האָט ער צייט געהאַט פאַר זיין פרוי.

עלזאַ איז געווען יונג און שיין, זיך געבאָדן אין רייכטום, געקליידט זיך אין שענסטן און בעסטן. הערמאַן האָט פאַר איר קיין זאַך נישט געקאַרגט. זי איז אַלעמאָל געווען באַצירט מיט די טייערסטע צירונג, אָבער גליקלעך און צופרידן איז זי נישט געווען. הערמאַן איז געווען פאַרנומען אין געשעפט, זעלטן איר געזען, האָט זי זיך געפילט איינזאַם און אַ טיפער פאַרדרוס האָט זיך איינגעגעסן אין איר יונג האַרץ.

הערמאַן האָט דאָס נישט געמערקט. ער איז געוואָרן אלץ מער פאַרנומען מיט זיינע געשעפטן, האָט אינסטאַלירט נייע מאַשינען, צוגענומען מער מענטשן און געוואָרן אזוי שטאַרק פאַרנומען, אז ער האָט גאָר נישט באַמערקט ווי עלזאַ גייט ארום אַ פאַרענדערטע, אַן אויסגעבלייכטע און פאַרחלומטע.

אין פאַבריק ביי הערמאַנען האָט געאַרבעט אַ בוכהאַלטער, אַ סימפּאַטישער יונגערמאַן מיט טונקל ברוינע אויגן. ער האָט אָפט געזען עלזאַן קומען אין פאַבריק. דער בוכהאַלטער האָט געזען ווי זיין בעל־הבית שענקט ווייניק אויפמערקזאַמקייט זיין יונגער פרוי, צוליב זיין פאַרנומענקייט. זי פלעגט וואַרטן אויף הערמאַנען שעהן לאַנג, אָבער ער האָט דאָס נישט געמערקט.

איינמאָל אַ נאָכמיטאָג, ווען עלזאַ איז אריינגעקומען אין פאַבריק, האָט דער בוכהאַלטער פאַרפירט מיט איר אַ שמועס, צוזאַמען געטרונקען טיי. פון דעמאָלט אָן איז עלזאַ אָפטער געקומען אין פאַבריק. איר מאַן האָט דאָס אפילו ניט באַמערקט. איר האָט גענומען פייניקן דער געדאַנק, אז הערמאַן דערווייטערט זיך פון איר, ווערט איר פרעמד, דאַקעגן דער יונגער בוכהאַלטער איז איר מיט יעדן טאָג געוואָרן אַלץ נענטער.

איין טאָג האָט זי פאַרבעטן דעם בוכהאַלטער אין הויז. הערמאַן האָט דאָס גלייכגילטיק אויפגענומען, אָבער ווען יענער האָט גענומען קומען אָפטער, איז הערמאַן באַאומרואיקט געוואָרן. צוליב דער פאַרנומענקייט אין זיינע געשעפטן האָט ער אָבער אַלץ נישט געהאַט קיין איבעריקע צייט פאַר זיין פרוי, הגם ער האָט זי נישט ווינציקער ליב געהאַט ווי אַמאָל, ווען ער איז נישט געווען רייך און געאַרבעט ביי יענעם.

דער בוכהאַלטער האָט אָנגעהאַלטן קומען אין הערמאַנס הויז, ביינאַכט, ווען הערמאַן איז געווען פאַרנומען אין פאַבריק. זיי זיינען אמאָל ארויסגעגאַנגען צוזאַמען פאַר אַ שפּאַציר אָדער צו אַ פאַרוויילונג.

איין טאָג האָט הערמאַן זיך ארומגעזען אז צוליב דער פאַרנומענקייט אין

זיינע גרויסע געשעפטן, וועט רואינירט ווערן זיין היים, ער וועט חלילה פאַר־לירן עלזאַן. פאַרשיידענע געדאַנקען האָבן גענומען פּייניקן זיין מוח: דער בוכהאַלטער קומט עפּעס צו אָפט אין זיין הויז. נייך, אַזוי ווייטער קען נישט אָנגיין. ער וועט טאַקע אים אָפּזאָגן פון דער שטעלע, אָבער מיט וואָס איז ער זיכער אַז ער וועט זיך נישט טרעפן ערגעץ אין געהיים מיט זיין פרוי, און אפשר וועט ער נאָך מיט איר אוועק...

הערמאַן איז אַרומגעגאַנגען דערשלאָגן און דענערווירט. ער האָט גענו־מען וויינִיקער זיך פאַראינטערעסירן אין פאַבריק. ער איז אַרומגעגאַנגען פאַר־זאָרגט און זיך ווייניק פאַראינטערעסירט מיט דעם אַרום. עלזאַ האָט באַמערקט אַז עפּעס קומט פאָר מיט הערמאַנען. זי האָט געטראַכט: ער מוז זיין נישט געזונט און אַ פאַרזאָרגטע זיך אָפּגערופן צו אים:

— הערמאַן, איך ראַט דיר גיין זען אַ דאָקטאָר.

— אַ דאָקטאָר? — האָט הערמאַן פאַרחידושט אויסגערופן — איך דאַרף קיין דאָקטאָר, אַ שותּף דאַרף איך!

— וואָס? — האָט עלזא צעשראָקן געפרעגט.

— אַ שותּף דאַרף איך, אַ שותּף — צוליב דיר!

עלזאַ האָט זיך דערשראָקן פון הערמאַנס רייד. זי האָט געטראַכט: איר מאַן איז נישט געזונט, ער איז נישט דער זעלבער, זי מוז אַרויסרופן אַ דאָקטאָר. אָבער הערמאַן האָט זי באַרואיקט אַז ער איז געזונט, ער דאַרף קיין דאָקטאָר.

און איין טאָג, ווען ער איז פון פאַבריק געקומען, האָט ער מיט גרויס פרייד זיך אָפּגערופן צו עלזאַן:

— עלזאַ, איך האָב פאַר דיר גוטע נייעס, איך האָב אַ שותּף!

— וואָס? אַ שותּף! האָט עלזאַ געפרעגט. — הערמאַן, איך רוף שוין אַרויס דעם דאָקטאָר, דו געפעלסט מיר נישט. דו רעדסט עפּעס מאָדנע רייד, איך שרעק זיך.

— אָט טאַקע דערפאַר האָב איך צוגענומען אַ שותּף! — האָט הערמאַן געענטפערט.

— הערמאַן, דו רעדסט נישט קלאָר. דיינע רייד שרעקן מיך, לעצטנס ביסטו נישט דער זעלבער, ווי געווען. וואָס איז מיט דיר?

— קיין זאַך, עלזאַ, שרעק זיך נישט. מיר איז גאָרנישט. איך בין געזונט, נאָר איך האָב צוגענומען אַ שותּף!

— אַ שותּף? צו וואָס אַ שותּף?

— אַ שותּף אין פאַבריק.

— אַ שותּף אין פאַבריק? — האָט זיין פרוי היסטעריש אויסגעשריען.

— יאָ, אַ שותּף אין פאַבריק! — האָט ער גוטמוטיק געענטפערט.

—האָסטו כאָטש געקראָגן גוט באַצאָלט, „גודוויל״? — האָט זי געפרעגט.
— קיין געצאָלט, קיין „גודוויל״ נישט!
— וואָס, אָן געלט האָסטו אריינגענומען אַ שותף? — האָט עלזאַ זיך צעוויינט. — ניין, הערמאַן, עס איז ניט גוט מיט דיר, דו מוזט זען אַ דאָקטאָר! דו ביסט נישט געזונט!
— באַרואיק זיך, עלזאַ, איך בין געזונט, איך דאַרף נישט קיין דאָקטאָר.
עלזאַ האָט אויסגעווישט אירע טרערן און געפרעגט:
— ווער איז דער שותף?
— דער בוכהאַלטער! — האָט הערמאַן געענטפערט.
עלזאַ האָט שוין מער גאָרנישט גערעדט. זי איז גיך צו צום טעלעפאָן און מיט אַ פאַרשטיקט קול פון טרערן ארויסגערופן דעם דאָקטאָר.
ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. הערמאַן איז געזעסן רואיק אין אַ ווייכן שטול און גערויכערט אַ סיגאַר. אַנטקעגן אים איז געזעסן זיין פרוי און געוויינט:
— דאָקטאָר, מיין מאַן איז קראַנק!
הערמאַן האָט זיך אויפגעשטעלט און געזאָגט צום דאָקטאָר:
— דאָקטאָר, איך בין נישט קראַנק. איך וועל אייך אויפקלערן וועגן וואָס עס האַנדלט זיך. איך האָב אין פאַבריק צוגענומען אַ שותף, מיין בוכהאַלטער, אַ ווילער יונגערמאַן — זאָל ער אַרבעטן, זאָל ער זיין באַשעפטיקט, וועט ער אפשר צורו לאָזן מיין פרוי!
דער דאָקטאָר האָט אַ שמייכל געטאָן און איז אַוועק.

געביטן זיך מיט די ווייבער...

אַ ייד דערציילט מיר אזא געשיכטע:
הערט וואָס פאַר אַ נאַרישקייט איך האָב אָפּגעטאָן: ביי אַ גלעזל משקה מיט מיין בעסטן פריינד האָבן מיר אָפּגעמאַכט, אז מיר זאָלן זיך בייטן מיט די ווייבער — איך זאָל נעמען זיינע און ער וועט נעמען מיין שלאַק.
דער פּלאַן איז מיר גאָר געפעלן געוואָרן. איך וועל פּטור ווערן פון מיין יידענע די מרשעת און נעמען מיין פריינדס ווייבל, וואָס שוין אַ שטיקל צייט ווי זי האָט געגנומען וואָרפן אויף מיר אויגן... זי איז אַ שיינע, אַ גראַטענע, אַ לעבעדיקע מיט ברענענדיקע אויגן און שמייכלט אַלעמאָל זיס צו מיר. האָב איך נישט איבריק געטראַכט און איינגעשטימט מאַכן דעם בייט.

מיין פריינד בערל האָט דערפאַר פאַרלאַנגט 50 פונט, ער גיט מיר זיין ווייבל און ער נעמט מיינע. איך האָב אים געגעבן די פופציק פונט און דאָס געשעפט איז געמאַכט געוואָרן.

אַ וואָך איז אוועק און מיר זיינען ביידע געווען גליקלעכע מענטשן. בערל איז געווען צופרידן מיט מיין צרה און איך האָב אויפגעלעבט, זיך מחיה געווען מיט זיין ווייבל.

דאָס גליק האָט אָבער לאַנג נישט אָנגעהאַלטן. מיין פריינדס ווייבל האָט געוואָלט זיך מיר אָנהענגען און ווייניקער קוקן אויף מיר און וואַרפן אויגן אויף אַנדערע מענער. זי האָט גענומען זיך פאַרבן די באַקן, שמירן אונטער די אויגן און פאַרשווינדן אויף גאַנצע טעג און נעכט. ווען איך האָב איר געבעטן אויפהערן זיך שמירן און פאַרבן און נישט קוקן אויף אַנדערע מענער, האָט זי איראָניש געשמייכלט און געשוויגן.

פרעג איך איר וואָס האָט פּאַסירט, פאַרוואָס האָט זי אויף מיר געוואָרפן אַן אומחן. פאַרוואָס האָט זי פריער צו מיר געשמייכלט זיס און היינט איז זי צו מיר אַזוי ביטער, און וויל אפילו נישט קוקן אויף מיר. האָט זי מיר דער־קלערט: אַמאָל בין איך געווען אַ פרעמדער, דערפאַר האָט זי צו מיר גע־שמייכלט...

איך האָב זיך ארומגעזען, אז איך בין אריינגעפאַלן, ס'האָט נישט געלוינט דאָס בייטן. די שטוב — אַ פוסטע, אָן אַ בעל־הביתטע, נישטאָ ווער עס זאָל עפּעס אויסקאָכן. מיין פריינדס ווייבל איז קיינמאָל נישטאָ אין שטוב. מיר איז געוואָרן שטאַרק אומעטיק און האָב באַשלאָסן אָנקלינגען מיין פריינד און אים זאָגן: איך האָב חרטה אויפן געשעפט — זאָל ער קומען און נעמען זיין ווייב און מיר אָפּשיקן מיינע.

קלינג איך אָן צו אים, ענטפערט דעם טעלעפאָן מיין ווייב: דאָס רעדסטו, איזאַק? יאָ, זאָג איך!... הער זיך איין, שיינדל, איך וויל דו זאָלסט קומען אהיים. איך באַדויער דעם בייט, קום צוריק!

ענטפערט מיר מיינע: ניין, איך קאָן צו דיר, איזאַק, נישט קומען. מיר פעלט דאָ גאָרנישט. דיין פריינד בערל באהאנדלט מיך ווי אַ קעניגין. ער ווייסט גאָרנישט וואָס פאַר מיר צו טאָן. ער טראָגט מיך ממש אויף די הענט, גיט מיר פון שענסטן און בעסטן. ער קויפט מיר די טייערסטע קליידער, מתנות, נעמט מיך ארויס צו נאַכט־קלובן. ער האָט מיך שטאַרק ליב. אין די קאַרגע צוויי וואָכן וואָס איך בין מיט אים, האָט ער מיך מער געקושט, ווי דו פאַר די 14 יאָר פון אונדזער חתונה.

אַן אויפגערעגטער האָב איך אַ וואָרף געטאָן דאָס טעלעפאָן־טרייבל. איך האָב אָנגעשריבן א בריוו צו מיין פריינד בערלען און אים דערקלערט, אז איך

מיט זיין פרוי זיינען נישט קיין פּאַסיק פּאָר. איך וויל ער זאָל איר נעמען צוריק, און מיר אָפּשיקן מיין ווייב. ער קען האָבן די 50 פונט מיינע אַ מתנה.

דערהאַלט איך אַ בריוו פון מיין פריינד בערלען, אז ער טראַכט גאָרנישט פון נעמען צוריק זיין ווייב און מיר אָפּשיקן מיינע. ער איז גליקלעך מיט מיין ווייב: זי איז אַ גוטע, א געטרייע, א גרויסע ווירטין. זי איז שטיל ווי אַ טויב, קוים וואָס מען הערט איר און אַלע באַקאַנטע זיינען אים מקנא. ער איז גרייט מיר אָפּצושיקן די 50 פונט מיט פּראָצענט.

שרייב איך אים אָן צוריק א בריוו און לייג אים פאָר, אז די 50 פונט קען ער האָבן און איך וועל אים נאָך צוצאָלן נאָך אַ הונדערטער, און זאָל ער נעמען זיין ווייב און מיר אָפּשיקן מיינע. מיין פריינד בערל האָט זיך אויסגעלאַכט דערפון און מיר געלאָזט וויסן, אז אפילו פאַר 200 פונט וועט ער מיר נישט אומקערן מיין ווייב.

שרייב איך אים ווידער אַ בריוו בזה הלשון: דו ווייסט דאָך בערל אז קיין נגיד בין איך נישט, קיין געלט קאָנסטו פון מיר נישט ציען. נאָר אזוי ווי איך וויל צוריק מיין שיינדלען, איך בענק נאָך איר שטאַרק, גיי ממש אויס נאָך איר, וועל איך דיר געבן 300 פונט און שיק זי מיר אָפּ.

ענטפערט מיר מיין פריינד בערל, אז ער יאָגט זיך נישט נאָך מיין געלט, ער דאַרף עס נישט. ער איז צופרידן און גליקלעך מיט מיין שיינדלען, און שיינדל איז גליקלעך מיט אים און וויל גאָר נישט הערן פון קומען צוריק צו מיר.

שיק איך מענטשן צו אונטערהאַנדלען מיט מיין פריינד בערלען, ער זאָל רחמנות האָבן און אומקערן מיר מיין ווייב. מיר האָבן געמאַכט אַ שלעכט גע־שעפט אונטער איינפלוס פון משקה. מיר האָבן נישט געוווּסט וואָס מיר טוען.

האָט מיין פריינד בערל געענטפערט, אז ער האָט דאָס געשעפט געמאַכט אין אַ גאַנץ ניכטערן צושטאַנד, און ער האָט נישט קיין חרטה. נאָר אויב איך וויל, קאָן איך ריידן צו מיין שיינדלען, און אז זי וועט איינשטימען צוריק קומען צו מיר, וועט ער מיר ניט שטיין אין וועג און נישט שטערן.

האָב איך געשיקט מענטשן צו מיין ווייב שיינדלען, און זיי האָבן איר גע־בעטן זי זאָל רחמנות האָבן אויף מיר און צו מיר צוריק קומען. האָט זי זיי גע־ענטפערט אז זי גייט נישט — זי איז גליקלעך מיט מיין פריינד בערלען, ער באהאנדלט זי גוט, ער איז א דזשענטלמען.

דערווייל האָב איך געמוזט קליידן און שפייזן בערלס ווייב, און זי איז מיר דערגאַנגען די יאָרן. זי האָט פון מיר געצויגן געלט און געשמייכלט — צו אנדערע מענער...

איין טאָג בין איך אוועק צו בערלען און פאר אים ממש געוויינט ווי אַ קליין קינד, ער זאָל מיר אומקערן מיין שיינדל, איך וועל עס פשוט נישט אויסהאַלטן.

דערקלערט ער מיר, אז מיין שיינדל איז פאר אים ווערט גאָלד. זינט זי איז מיט אים, האָט זיין אייגן ווייב געגומען שמייכלען צו אים און קומט צו אים יעדן טאָג פארברענגען, וואָס דאָס האָט קיינמאָל פריער אין זייער פארהייראַט לעבן נישט פאַסירט...

צוליב אַ טעות

איין אָוונט רופט זיך פרוי בעלעק אָפּ צו איר מאַן:

— בעני, האָסט געהערט וועגן די ראשלאנדס?

— וואָס?

— האָסט גאָרנישט געהערט?

— ניין.

— האָסט נישט געהערט וואָס עס טומלט זיך מיט זיי?

— וואָס טומלט זיך?

— האָסט נישט געליינט די נייעס?

— וועלכע נייעס?

— דו לייענסט פּייפּערס און ווייסט גאָרנישט! ס'איז אַלץ געווען באַשריבן אין צייטונג.

— וואָס איז געווען באַשריבן? — האָט מר. בעלעק געפרעגט.

מרס. בעלעק האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן צי קיינער הערט נישט און שטיל געפרעגט:

— האָסט גאָרנישט געליינט וועגן די ראשלאנדס?

— ניין, נישט געליינט.

— כ'ווייס נישט וואָס דו לייענסט אין די צייטונגען? — האָט זיין פרוי זיך אָפּגערופן. — דאָס וואָס איז אינטערעסאַנט, לייענסטו נישט!

— אַ שטייגער?

— האָסט נישט געהערט אז מר. ראשלאנד פירט אַ לינקע ליבע?

— נישט געהערט?

— יעדער ווייסט דאָס, און דו האָסט גאָרנישט געהערט!

— איך הער זיך נישט צו אַזעלכע נייעס.

— אַזוי, דו הערסט זיך נישט צו. און צו וועלכע נייעס הערסטו זיך יאָ צו?

— נו, זאָג שוין, וואָס איז?

— מר. ראשלאנד פירט אַ לינקע ליבע!

— נו, איז וואָס ?

— דו רעדסט ווי אַ קאַלטער לונג־און־לעבער. הערסט, ער פירט לינקע ליבעס, און ביי דיר איז דאָס גאָרנישט !

— וויניק מענטשן פירן לינקע ליבעס !

— אפשר פירסטו אויך אַ לינקע ליבע ? — האָט מרס. בעלעק היציק אויסגעשריען.

— קיין רעכטע אויך נישט ! — האָט איר דער מאַן געענטפערט.

— ווילסט הערן וואָס עס האָט פּאַסירט ? — האָט זיין פרוי שוין אין אַ שטילערן טאָן גערעדט.

— יאָ, וואָס האָט פּאַסירט ?

— צוליב אַ באָמבע איז מר. ראשלאנד אנטלאָפן פון זיין פרוי.

— צוליב אַ באָמבע ? — האָט מר. בעלעק פארחידושט געפרעגט.

— יאָ, אַ באָמבע ! איצט האָט די באָמבע געפּלאַצט !

— ווו האָט געפּלאצט א באָמבע ? — האָט מר. בעלעק אויסגערופן מיט שרעק.

— אַי, דו ווייסט גאַנץ גוט. דו ווייסט וועגן דער באָמבע !

— איך ווייס גאָרנישט. הער אויף צו ריידן וועגן באָמבעס.

— נו, כ׳וועל דיר דערציילן. די באָמבע איז אַ קליין נפשל, אַ ממזרל...

— איך פאַרשטיי נישט. רייד קלאָרע ווערטער !

— איך מיין, דער רעזולטאַט פון דער לינקער ליבע.

— און וואָס זאָגט מר. ראשלאנד ?

— ער זאָגט גאָרנישט. ער איז אַנטלאָפן !

— לאָמיר זיך נישט מישן, ס׳איז נישט אונדזער עסק.

פלוצלינג האָט מען אָנגעקלאַפּט אין טיר. א יונגע פרוי איז אריינגעקומען, זייער אויפגערעגט, זי האָט אוועקגעלייגט אַ פּעקל וואָס זי האָט געהאלטן, און איז ארויס אָן אַ וואָרט. באַלד האָט זיך דערהערט אַ קינדס קוויטשנדיק קול.

מר. און מרס. בעלעק האָבן זיך איבערגעקוקט. דאָס קולכל פון פּעקל האָט זיך געשטאַרקט.

— דו אויך ? — האָט מרס. בעלעק זיך צעוויינט.

— איך, איך... כ׳ווייס גאָרנישט ! — האָט איר מאַן גענומען שטאַמלען.

— מר. ראשלאנד האָט אויך אזוי גערעדט ! — האָט מרס. בעלעק געשריען און געוויינט.

— טייערע, איך שווער, איך ווייס פון גאָרנישט !

— אוועק, קאַלטער מערדער! — האָט זיין פרוי געשריען. — איך האָב שוין לאַנג געמערקט אז דו נאַרסט מיך, באהאלטסט פאַר מיר, פאַרראַטסט מיך. כ׳וועל מער ניט שווייגן, כ׳וועל טומלען, איך וועל — — —

— טייערע, באַרואיק זיך. האָט איר מאַן גענומען זי צערטלען.

— ניין, ניין! איך וועל זיך נישט באַרואיקן, ניין! — האָט זי הויך געשריען — — —

ווידער האָט מען אַנגעקלאַפּט אין טיר. די זעלבע פרוי איז אריינגעקומען, האָט אַ כאַפּ געטאַן דאָס פּעקל און זיך פאַרענטפערט:

— אַנטשולדיקט. צוליב מיין צעשטרייטקייט האָב איך געמאַכט א טעות. כ׳זוך די וווינונג פון די ראַשלאַנדס.

פאַרשעמטע האָבן מאַן און ווייב זיך איבערגעקוקט, און א צופרידנקייט האָט זיך אויסגעגאָסן אויף זייערע פּנימער...

גלאַט אזוי

איך האָב אַ באַקאַנטן יידן וואָס קומט צו מיר אָפט. תמיד האָט ער פיל צו ריידן און דערציילן. ער דערציילט מיר מעשיות — אמתע און נישט געשטויגענע. ער האָט ליב א סך צו ריידן, און ווען ער רעדט איז דאָס אין אַ הויכן טאָן. ער וויל אז נישט נאָר איך זאָל אים הערן, נאָר אויך אנדערע.

אנומלט איז ער צו מיר געקומען און דערציילט פאַרשיידענע זאַכן. ער האָט גערעדט, ווי זיין טבע איז, אין אַ הויכן טאָן. זיינען זיך צוזאַמענגעקומען מיינע שכנים און געפרעגט וואָס מען קריגט זיך. איך האָב זיי דערקלערט, אז מען קריגט זיך חלילה נישט, נאָר דאָס רעדט אזוי מיין באַקאַנטער. זיי האָבן געצויגן מיט די אַקסלען און אוועקגעגאַנגען.

איינמאָל בין איך מיט מיין באַקאַנטן געזעסן אין אַ קינאָ און זיך צוגעקוקט צו א אינטערעסאַנטן פילם. און אזוי מיסתמא אלע מענטשן אין זאַל. מיין פריינד אָבער איז נישט געזעסן רואיק, זיין צונג האָט אויף אַ מינוט נישט גערוט:

— איר זעט דעם מאַן וואָס זיצט אויף דער צווייטער באַנק? — האָט ער זיך צו מיר אָפּגערופן, — דאָס איז מר. קלאַמקע. ער האָט יענעם חודש זיך געג׳גט מיט זיין פרוי ער גייט שוין ארויס מיט אַן אַנדערער — מיט א יונגע

שיינע מיידל. מען זאָגט אז זי איז זייער רייך. מען זאָגט אויך אז זי איז געװען פאַרלאָבט צו איינעם אַן אלמן, יענער האָט איר אָבער געלאָזט שטיין און זיך פארליבט אין זיין סעקרעטאַרקע — אַ קריסטלעכע פרוי. מען שמועסט אז זיי גייען בקרוב חתונה האָבן.

— אַנטשולדיקט, — רוף איך זיך אָפּ צו אים, — איר שטערט די מענטשן אין דער אָריענטאַציע פון פילם. רעדט אביסל שטילער אָדער רעדט גאָרנישט.

— פאַר װעמען זאָל איך מורא האָבן צו ריידן? — האָט ער גערעדט נאָך העכער. וואָס איז, כ׳האָב נישט באַצאָלט פאַר מיין פלאַץ? װער װעט מיר שטערן װען איך וויל ריידן? שטער איך װעמען — זאָלן זיי ריידן וויפל זיי ווילן. דאָ איז אַ פּובליק־אָרט און פריי, און מ׳קאָן ריידן וויפל מען וויל!

— אפשר זייט איר גערעכט, — האָב איך אזוי סתם געזאָגט, — אָבער מענטשן גלייכן רו, האָבן ליב שטילקייט. װען ס׳איז א טומל שטערט זיי הנאה צו האָבן פון פילם און עס שטערט זיי נאָכצופאָלגן די האַנדלונג.

— דאָס זיינען עגאָאיסטישע מענטשן! — האָט ער זיך נאָך מער צעהיצט. מען קאָן ריידן און גלייכצייטיק זיך אָריענטירן אין א פילם. אז א מענטש האָט נאָר אַ ביסל שכל, פאַרשטייט ער שוין פון אָנהויב פילם ווי דער סוף װעט זיין. און נישט נאָר מיט אַ פילם איז אזוי, אויך מיט אַ בוך איז דאָס זעלבע. אפילו מיטן מענטשנס לעבן איז דאָס אזוי!

איך האָב אים נישט געענטפערט. איך האָב געטראַכט: אויב איך װעל אים נישט ענטפערן, װעט ער זיך אפשר באַליידיקן, װעט זיך אויפהייבן און ארויסגיין פון זאַל. איך װעל קענען רואיק זיצן און זען דעם פילם און די מענטשן ארום װעלן אָפּאָטעמען לייכטער.

מיין באַקאַנטער איז אָבער נישט פון די מענטשן וואָס באַליידיקן זיך און אנטלויפן, אָדער װען מען ענטפערט זיי נישט בלייבן זיי שטיל. און ער האָט גענומען ווידער ריידן מיט א הויכן טאָן. טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט ער פּלוצלינג דערזען זיצן נאָענט צו אונדז זיינעם א באַקאַנטן און ער האָט צו אים אריבערגעשריען אין דער פינצטערניש און גראָדע אין דער גרעסטער שפּאַנונג פון פילם:

— מר. זאַלצמאַן, מר. זאַלצמאַן, גוט וואָס איר זייט דאָ — איך וויל מיט אייך עפּעס ריידן, עפּעס גאָר וויכטיקס האָב איך אייך צו דערציילן. און ער בעט מיך איך זאָל זיך זעצן אויף מר. זאַלצמאַנס פּלאַץ, און ער זאָל קומען זיצן מיט אים. איך בין גראָדע געװען צופרידן פון פאַרשלאַג. מר. זאלצמאן אָבער האָט זיך נישט גערירט פון אָרט. מיין באקאנטער האָט נישט געקאָנט איינזיצן, זיך געהויבן פון אָרט, געהאלטן אין איין רופן אים, אָבער מר. זאלצמאן האָט אים איגנאָרירט, פּונקט ווי ניט אים מיינט מען.

ווען די פאַרשטעלונג האָט זיך געענדיקט, די ליכט אין זאַל האָט זיך אָנ־געצונדן, איז מר. זאַלצמאַן צוגעקומען צו מיין באקאַנטן און אים געפרעגט וואָס ער האָט געוואָלט אים זאָגן. מיין באקאַנטער האָט אים דערקלערט, אַז קיין וויכטיקע נייעס האָט ער נישט, נאָר ער האָט געוואָלט גלאַט אַזוי מיט אים אַ ביסל ריידן. מר. זאַלצמאַנען האָט דאָס שטאַרק פאַרדראָסן און טראַכטנדיק קיין סך האָט ער אים דערלאַנגט אַ פייערדיקן פּאַטש.

— וואָס איז דאָס ?! — האָט מיין באקאַנטער אויסגערופן.

— גאָרנישט, — האָט מר. זאַלצמאַן געזאָגט, — דאָס איז גלאַט אַזוי...

מענטשן אין זאַל האָבן זיך איבערגעקוקט מיט באַהאַלטענער הנאה און איך האָב ביי זיך געטראַכט — דאָס איז דער שכר וואָס מענטשן באַקומען פאַרן פּלאַפּלען און פאַרן נודיען, גלאַט אַזוי...

ער האָט געהערט זיין בעל-הבית...

סעם גלאַנץ איז אַהיימגעקומען פון דער אַרבעט פריער ווי געוויינלעך, אַריבערגעטראָטן די שוועל מיט שוואַכע טריט און אַרויסגעשטאַמלט :

— ריבעקאַ, כ׳בין קראַנק. ס׳פיבערט מיך, כ׳האָב אַ שטאַרקן קאָפּ ווייטיק !

ריבעקאַ, אַן איבערגעשראָקענע, האָט צו איר מאַן געזאָגט :

— אוודאי אַ צוקילונג, אַ קאַלד געכאַפּט. לייג זיך אין בעט, כ׳וועל דיר מאַכן אַ גלאָז לעמאָן־טיי, וועסט נעמען אַ פּאָר אַספּערינס, וועסט זיך דורכ־שוויצן און זיין אַלרייט !

סעם האָט זיך געלייגט אין בעט. זיין ווייב האָט אים צוגעטראָגן הייסע לעמאָן־טיי מיט אַספּערינס און איז אַריין אין קיך צו איר שטוביקער אַרבעט. אַ ביסל שפּעטער איז זי אַריינגעקומען אין שלאָפצימער אַ בליק טאָן אויף איר מאַן. סעם איז געשלאָפן מיט אַ שווערן און טיפן שלאָף.

קורץ נאָכדעם האָט זיך דערטראָגן אַ מאָדנער געשריי פון שלאָפצימער. ריבעקאַ איז האַסטיק אַריינגעלאָפן אין שלאָפצימער. סעם האָט ווילד גע־שריען. זי האָט זיך איבערגעשראָקן, געפּרוווט אים באַרויקן און געפרעגט וואָס האָט פּאַסירט. סעם האָט אָבער נישט געענטפערט, ער האָט אָנגעהאַלטן דאָס ווילדע שרייען. נאָך אַ צייט שרייען איז ער אביסל שטילער געוואָרן און גענומען ריידן מאָדנע רייד : צו וואָס דאַרף איך לעבן, צו וואָס ? אויב די וועלט איז אַזאַ צאַרנדיקע, אַזאַ שלעכטע און אוממענטשלעכע וואָס טוט קיין גוטס

נישט פאַרן בידנעם מענטש, האָט קיין רחמנות, קיין איינזען פאַר יונג און אַלט. צו וואָס דאַרף איך לעבן אין אַזאַ פינצטערער און ביטערער וועלט. גענוג! איך דאַרף נישט מער, איך בין מיד פון אַלץ!

מיט טרערן אין די אויגן האָט ריבעקאַ אים געבעטן ער זאָל זיך באַרואיקן, ער זאָל זיך נישט איבערנעמען מיט דער וועלט. ער זאָל זיך אין זינען האָבן, היטן זיין געזונט צוליב די קינדער.

סעם האָט זיך אָבער נישט באַרואיקט. ער האָט אָנגעהאַלטן זיינע טענות און פּרעטענזיעס צו דער וועלט, גאַרנישט ווי זיין טבע. אַלע מאָל איז ער אַ שטילער און געלאַסענער, רעדט ווייניק און דאָ פּלוצלונג אַזעלכע רייד.

ריבעקאַ האָט נישט פאַרשטאַנען וואָס עס האָט פּלוצלונג פּאַסירט מיט איר מאַן און ניט געוווסט וואָס צו טאָן. אַן אומבאַהאָלפענע איז זי צו צום טעלע־פאָן, טעלעפאָנירן די קינדער, זאָלן זיי קומען. ס׳איז איר דורכגעלאָפן אַ פינצ־טערער געדאַנק: וואָס גיכער רופן די קינדער, אײדער עס ווערט צו שפּעט.

ווען די קינדער זיינען, צעשראָקענע, געקומען צופאָרן אין זייערע אויטאָס, האָבן זיי שוין פון וויטן געהערט דעם פאָטערס געשרייען, וואָס האָבן זיך גע־ריסן דורך די אָפענע פענצטער פון הויז. עפּעס מאָדנע רייד האָט זייער פאָטער געלאָזט הערן: אָט האָט ער הויך געשריען און אָט האָט ער שטיל גערעדט. און פּלוצלונג האָט ער זיך צעלאַכט מיט אַ ווילדן געלעכטער...

די פאַרהייראַטע קינדער — די טעכטער מיט זייערע מענער און די זין מיט זייערע פרויען — זיינען געשטאַנען צושראָקענע אונטערן פענצטער און מיט אומרו אריינגעקוקט אין שלאָפצימער ווו זייער פאָטער איז געלעגן אַ צור־פלאָמטער מיט אַ רויט פּנים און אַן אויפהער גערעדט, געשריען און געלאַכט.

דורכן פענצטער האָבן די קינדער געגעבן אַ צייכן צו דער מוטער, אַז זי זאָל ארויסקומען אין דרויסן...

אַ פאַרוויינטע איז די מוטער ארויסגעקומען און געפרעגט:

— וואָס טוט מען, קינדער, דער טאַטע איז נעבעך זייער קראַנק. ווער ווייסט וואָס אים איז?

— מאַמע, — האָבן די קינדער אויסגערופן, — וואַרט נישט, רוף שוין ארויס אַ דאָקטאָר. דו זעסט דאָך אַז דער טאַטע איז ערנסט קראַנק. ער איז נישט ביים באַוווסטזיין, געכאַפּט אוודאי אַ נערוון־דערשיטערונג, חלילה ארונ־טער פון זינען.

— וואָס? — האָט זייער מוטער אויסגעשטעלט אַ פּאָר ווילדע אויגן, — וואָס? דער טאַטע איז משוגע? — האָט זי אויסגעשריען און זיך ביטער צעוויינט.

די קינדער האָבן ארויסגערופן אַ דאָקטאָר און מיט טרערן אין די אויגן אים געבעטן ראַטעווען זיין פאָטער, וואָס איז נעבעך אַזוי ערנסט קראַנק.

דער דאָקטאָר האָט פאַרלאַנגט אַלע זאָלן ארויסגיין פון צימער און גענו־מען באַטראַכטן דעם חולה, וואָס האָט נאָך אַלץ געשריען און ווילד געלאַכט.

מיטאַמאָל האָט דער דאָקטאָר אַ רוף געטאָן:

— מרס. גלאַנץ!

נישט טויט, נישט לעבעדיק איז רעבעקאַ אריינגעלאָפן אין שלאָפצימער — נאָך איר זיינען נאָכגעלאָפן די קינדער, איידעמס און שנורן. אַלע האָבן צע־שראָקן ארויסגעשטאַמלט:

— הער דאָקטאָר!...

דער דאָקטאָר האָט געגעבן אַ צייכן צו זיין רואיק און מיט אַ שמייכל באַ־פוילן:

— שוואַרצע קאַווע, הייסע שוואַרצע קאַווע מאַכן!

אַלע זיינען געלאָפן אין קיך, ארויפגעשטעלט וואַסער צו קאָכן קאַווע און פאַרוווּנדערטע זיך איבערגעקוקט: ווייסט דער דאָקטאָר וואָס ער זאָגט?

באַלד האָט ריבעקאַ געבראַכט אַ טעפּל שוואַרצע, הייסע קאַווע און דער־לאַנגט דעם דאָקטאָר.

— ניט מיר, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — גיט דאָס אים, אייער מאַן!

ריבעקאַ האָט צוגעטראָגן די קאַווע איר מאַן. דער דאָקטאָר האָט אים באַ־פוילן טרינקען און צו ריבעקאַן געזאָגט:

— ברענגט נאָך שוואַרצע קאַווע!

נאָכן אויסטרינקען אַ דריי טעפּלעך שוואַרצע קאַווע, איז סעם גלאַנץ גע־וואָרן אַן „אַנדער מענטש" און זיך דערפילט לייכטער... ער האָט אויפגעהערט שרייען, אפילו געשעמט זיך צו ריידן. ער האָט אויפגעהערט לאַכן, זיין צו־פלאַמט פּנים איז אָפּגעלאָשן געוואָרן, ער איז געבליבן ליגן אין בעט אַ בלאַסער, ווי אַ פאַרשעמטע כלה־מיידל אין איר חופּה־נאַכט...

אַלע ארום האָבן נישט פאַרשטאַנען וואָס עס קומט פאָר. די שרעק איז אָבער נאָך אַלץ געווען גרויס. מיט טרערן אין די אויגן האָבן די קינדער געפרעגט דעם דאָקטאָר:

— הער דאָקטאָר, ביטע, זאָגט אונדז וואָס איז אונדזער ליבן פאָטער?

— ס'איז אים גאָרנישט! — האָט דער דאָקטאָר קורץ געענטפערט.

— איז ער אָלרייט, נאָרמאַל? — האָט געפרעגט ריבעקאַ מיט טרערן אין די אויגן.

— ער איז געזונט.

— וואָס זשע איז אים? — האָבן אַלע געפרעגט.

— ער איז פאַרשניאָשקעט!... — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— וואָס? — האָבן אַלע מיטאַמאָל געפרעגט.

— ווי איר האָט געהערט! — האָט דער דאָקטאָר באַשטעטיקט זיין דיאַג־נאָזע, — ער איז שיכור!...

— וואָס שפּאַסט איר און חוזקט פון מיין מאַן?! — האָט ריבעקאַ זיך אָפּגערופן.

— דאָקטאָר, איר לאַכט אָפּ פון אונדזער טאַטן! — האָבן די קינדער אויס־געריפן.

דער דאָקטאָר האָט געזאָגט, אז ער מאַכט נישט קיין טעות אין זיין דיאַגנאָ־זע. ער לאַכט פון קיינעם נישט אָפּ, און ווענדנדיק זיך צו סעמען אים געפרעגט:

— מר. גלאַנץ, זאָגט מיר, וויפל האָט איר גענומען פונעם שטאַרקן טראָפּן?

ריבעקאַ און די קינדער האָבן זיך אריינגעמישט:

— ווי וואָגט איר אזוי צו ריידן! אונדזער פאָטער טרינקט נישט. מיר האָבן אפילו נישט דעם ביטערן טראָפּן אין הויז!

— וויפל האָט איר געטרונקען, מר. גלאַנץ? — האָט דער דאָקטאָר אַלץ אָנגעהאַלטן.

סעם האָט זיך אויפגעזעצט און געזאָגט:

— איך ווייס נישט, דאָקטאָר, וויפל איך האָב געטרונקען. טוט אַ קוק אונטערן בעט, דאָרט דאַרף זיין דאָס פלעשל, וועט איר זען וויפל כ׳האָב גע־טרונקען!

דער דאָקטאָר האָט זיך ארונטערגעבויגן און פון אונטערן בעט ארויסגע־נומען אַ גרויסע, ליידיקע בראַנפן־פלאַש און צו מר. גלאַנצן געזאָגט:

— וויפל האָט איר פון דער פלאַש געטרונקען?

—איך ווייס נישט... כ׳האָב געטרונקען ביז ס׳איז נישט געווען מער וואָס צו טרינקען!...

— איז די פלאַש געווען פול?

— יאָ, פול.

דער דאָקטאָר האָט גענומען זיין רענצל און געזאָגט:

— זאָל ער היינט זיין אין בעט. גיט אים גאָרנישט צו עסן, נאָר שוואַרצע קאַווע. מאָרגן וועט ער זיין ניכטער, געזונט און פעאיק צו גיין צו דער ארבעט!...

* * *

נאָכדעם ווי דער דאָקטאָר איז אוועק, האָט ריבעקאַ מיט די קינדער סעמ׳ען געפרעגט:

— פון ווען אָן ביסטו געוואָרן אַ טרינקער?

אַ פאַרשעמטער האָט סעם געענטפערט:

— איר ווייסט אז איך טרינק קיינמאָל נישט, איך האַס דאָס. אָבער היינט ביי דער אַרבעט האָב איך פּלוצלונג דערפילט אַ שטאַרקן פיבער. דער בעל

הבית האָט מיר געזאָגט, אז צו אַ קאָלד איז די בעסטע רפואה אַ פלאַש בראָנפן און ער האָט מיר געראָטן גיין אהיים לייגן זיך אין בעט און אויסטרינקען די פלאַש בראָנפן... ווען די פלאַש וועט זיין ליידיק, האָט ער מיר פאַרזיכערט, וועט מיין פיבער און קאָלד פאַרשווינדן. נו, האָב איך אים געהערט...

וועגן דאָקטוירים

ווען מען רופט ארויס צו אַ קראַנקן אַ דאָקטאָר, יאָגט ער זיך נישט צו קומען — ער האָט צייט. ער טראַכט ביי זיך — זאָל דער פאַציענט קרענקען נאָך א ביסל... און ווען דער דאָקטאָר קומט צום קראַנקן קוקט ער מער אויף די הויז, אויפן מעבל, אויף דער פרוי, ווי אויפן חולה...

לויטן אויסקוק פון הויז, ווייסט שוין דער דאָקטאָר ווי דעם חולהס קראַנ־קייט האַלט. אויב דער חולה איז אַ רייכער, קרענקט ער א ביסעלע לענגער, ווייל מיט אזא חולה דאַרף מען זיך נישט יאָגן...

אַ קלוגער דאָקטאָר, איז חוץ וואָס ער איז אַ דאָקטאָר, איז ער אויך א שטיקל ביזנעס־מענטש. ער האַנדלט אויסגערעכנט און פאַרזיכטיק. ווען ער קומט צו אַ קראַנקן און געפינט אויס ער איז אַן אָרעמאַן, טראַכט ער נישט איבעריק, פאַרשרייבט אים א רפואה — גוט אָדער שלעכט — און אַ סוף, אַן עק — אָפּגעפּאָרן.

ער וועט דאָך נישט פּטרן זיין טייערע צייט, אָפּגעבן זיין דאָקטאָר־קאַריע־רע און ענערגיע פאַרן בענעפיט פון אַן אָרעמען קראַנקן — זאָגט ער אים ס'איז אים גאָרנישט. אָדער ער זאָגט, ער קאָן גאָרנישט טאָן פאַר אים. אין פיל אזעלכע פאַלן טוט דער דאָקטאָר גיך א פאַרשרייב א רפואה און זאָגט דעם קראַנקן, אז מאָרגן קען ער שוין גיין צו דער ארבעט.

אויב דער קראַנקער איז אַן אָרעמאַן איז דאָך נישט קיין עסק פאַרן דאָקטאָר ער זאָל הייסן ליגן אין בעט — אַ שאָד די צייט. זאָל ער בעסער גיין אַרבעטן און מאכן געזונט צו באַצאָלן פארן זיין וויזיט.

אנדערש איז ווען דער דאָקטאָר קומט צו אַ רייכן חולה — דאָ פילט זיך דער דאָקטאָר ווי ביי זיך אין דער היים. און אז דער דאָקטאָר איז נישט קיין יאָלד, יאָגט ער זיך נישט אזוי גיך פּטור צו ווערן פון זיין רייכן פאַציענט — און ווי ווייל, אזוי לאַנג קרענקט יענער...

אַ דאָקטאָר באהאנדלט אַ גביר אנדערש ווי אַן אָרעמאַן. אים וועט ער נישט ראָטן נעמען ריצנאייל מיט ביטער־זאלץ און הייסן גיך זיך אויפהייבן און

גייִן צו זײַן באַשעפּטיקונג. אַ רײַכן חולה פֿאַרשרײַבט דער דאָקטאָר טײַערע רפֿואות, גיט אים אײַנשפּריצונגען און זאָגט אים אָן צו זײַן פֿאָרזיכטיק...

אָפּט אומגעבעטן קומט דער דאָקטאָר צום רײַכן חולה, טאַפּט אים דעם דופק, מאַכט אַן ערנסטע מינע, קוקט אים אין די אויגן און זיפֿצט נעבעך... אים געפֿעלט עפּעס נישט, און ער עצה׳ט נעמען אַ קאַרדיאָגראַף פֿון האַרץ — דאָס האַרץ שלאָגט נישט נאָרמאַל...

נאָכדעם ווי דער חולה ווערט אָפּגעשוואַכט פֿון ליגן אין בעט, רופֿט דער דאָקטאָר אָפּ אָן אַ זײַט די משפּחה און זאָגט: ער קאָן נישט שטעלן אויף זיך, ער וויל מען זאָל ארויסרופֿן נאָך אַ דאָקטאָר — הערן אויך יענעמס מיינונג.

און דער דאָקטאָר לייגט פֿאָר ארויסרופֿן דעם און דעם ספּעציאַליסט (אוודאי אַ קרובֿ אָדער קאָלעגע). ער דערציילט דעם ספּעציאַליסט וועגן חולה אַלץ, זאָגט אים שטיל, אַז אַ חוץ וואָס דער פּאַציענט איז אַ גבֿיר, איז מיט אים גאָרנישט . . .

ביידע דאָקטוירים האַלטן אָפּ אַ קאָנסוליום וועגן קראַנקן, באַראַטן זיך וואָס מען זאָל טאָן — צי זיי זאָלן אים שיקן פֿאַר אַן אָפּעראַציע, אָדער האַלטן אין בעט. ביידע דאָקטוירים געפֿינען זיך אין אַ באַזונדערן צימער און ריידן ארום די לאַגע פֿון חולה.

און ווען דער חולה איז טאַקע אַ גרויסער גבֿיר, רופֿט מען ארויס נאָך אַ דאָקטאָר — אין דרייען איז שטאַרקער. פֿאַרמאַכן זיך די דריי דאָקטוירים אין אַ חדר מיוחד, זיצן דאָרט און באַראַטן זיך וועגן קראַנקן. די מענטשן אין הויז גייען ארום פֿאַרזאָרגט: ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ דיאַגנאָזע די דריי דאָקטוירים וועלן ארויסטראָגן. כאַפּט עמעצער אויף טשיקאַוועס אַ קוק דורכן שלעסל־לאָך פֿון טיר, זעט ווי די דאָקטוירים באַראַטן זיך. זעט ער ווי די דאָקטוירים זיצן ביי אַ טיש און — שפּילן אַ קערטל...

נישט אַלע דאָקטוירים זײַנען זיך אזוי נוהג בעת אַ קאָנסוליום. אַנדערע וואָס האָבן זייערע „נוירסינג־האָומס" באַשטימען, אַז דער קראַנקער מוז קומען אין זייערע „נוירסינג־האָמס": ס׳איז פֿאַר זיי באַקוועמער און געזינטער, אַז דער קראַנקער זאָל קרענקען ביי זיי אין די „האָומס".

און אַז מען געפֿינט אויס אַז דעם חולה איז גאָרנישט, פּאַסט דאָך נישט האַלטן יענעמס סתם אין דער וועלט ארײַן. טראָגט אַ קלוגער דאָקטאָר ארויס אַ דיאַגנאָזע, אַז דער חולה האָט גאַל־שטיינער, אַן אלסער אין מאָגן, אָדער בלינד־דע קישקע: מען מוז גלייך אָפּערירן, מען טאָר נישט וואַרטן, עס קאָן חלילה זיך מאַכן, כ׳וויים וואָס...

דערשרעקט זיך דער קראַנקער און אויך די משפּחה ארום אים, און זיי שטימען איין: זאָל זײַן אַן אָפּעראַציע, אַבי צום לעבן. געלט איז דאָך נישט

קיין אָפּהאַלט. נעמט מען דעם חולה און מען שלעפּערט אים איין און מען שניידט. ער איז דאָך רייך, קאָן מען אים שניידן, נישקשה ער וועט באַצאָלן...

עס האָט געטראָפן אמאָל — איינער האָט געליטן פון אַ בייסעניש, רחמנא־ליצלן. ער איז ארומגעגאַנגען פון איין דאָקטאָר צום צווייטן, אָבער קיינער האָט אים נישט געהאָלפן. מען האָט אים אָנגעוויזן אויף אַ גרויסן דאָקטאָר, וואָס האָט באַלד אויסגעפונען, אז... דער חולה איז אַ רייכער. ער האָט אים געגעבן פארשיידענע שמירעכץ מיט פילן און אים פאַראָרדנט ספּעציעלע עלעקטרישע באַהאַנדלונג — אַזעלכע וויאָלעט־שטראַלן, וואָס נאָר אַ גביר קאָן זיי זיך דערלויבן...

בעת די עלעקטרישע באהאנדלונגען האָט דער דאָקטאָר אָנגעשטעלט א גרויסן עלעקטרישן לאָמפּ. אַ שיינע בלאָנדע שיקסע האָט צוגעהאָלפן דעם דאָקטאָר פארבינדן דעם קראַנקן די אויגן און אים געהאַלטן צען מינוט, אמאָל מער, אונטער די וויאָלעט־שטראַלן — אזוי פאַר חדשים לאַנג.

איינמאָל איז דער קראַנקער, וואָס די בייסעניש האָט אים נישט אָפּגעלאָזט אויף אַ האָר, געוואָרן מיד פון זיצן מיט פאַרבונדענע אויגן. ווען ס׳איז אריבער מער פון פופצן מינוט האָט ער פארלאָרן זיין געדולד און ארונטערגעריסן דאָס טיכל פון זיינע אויגן. אים איז פינצטער געוואָרן פאַר די אויגן פונעם בילד וואָס ער האָט געזען:

די נוירס, די בלאָנדע שיקסע, איז געזעסן אויפן דאָקטאָרס קני, און זיי האָבן זיך אמוזירט...

אַ דאָקטאָר האָב איך...

פאַר פיל יאָרן האָב איך אַ דאָקטאָר, איז ער א ווױלער מענטש, דערצו אויך אַ גוטער דאָקטאָר. די איינציקע צרה מיט אים: ער איז אַ שוואַכער און קראַנקער מענטש, נעבעך.

ווען איך ווער ניט געזונט, פונקט דעמאָלט ליגט מיין דאָקטאָר אויך קראַנק. מוז איך צוואַרטן ביז ער ווערט בעסער.

ווען איך ליג אין בעט אין גרויסע יסורים און מען קלינגט אָן מיין דאָקטאָר, ענטפערט ער מיט אַ קרעכץ:

— אַך, כ׳וועל קומען מאָרגן!

האָבן מיר מיטלייד מיט אים און מיר וואַרטן אויף מאָרגן. אָבער אויך מאָרגן זעט מען אים נישט. קלינגט מען אים אָן ווידער, ענטפערט ער מיט אַ קרעכץ:

— איך וועל קומען מאָרגן!

— סטייטש, דאָקטאָר, — זאָגט מיין פרוי, — איר האָט דאָך געזאָגט נעכטן, אז איר וועט קומען היינט, איצט זאָגט איר ווידער מאָרגן. מיין מאַן איז קראַנק, ער ליידט פיל. קומט היינט, באַלד!

— גוט, כ׳וועל קומען שפּעטער.

מיט עטלעכע שעה שפּעטער קומט דער דאָקטאָר אַ פּאַרסאָפּעטער, אַ שווייס רינט אים פון פּנים. אַ מידער שטעלט ער אַוועק דאָס רענצל מיט די דאָקטאָר־שע מכשירים, זעצט זיך צו אויפן ראַנד פון בעט און בעט מיין פרוי אים געבן אַ גלאָז וואַסער.

מיין פרוי ברענגט אַ גלאָז וואַסער מיט אַ לעפל. דער דאָקטאָר נעמט ארויס דאָס לעפל פון גלאָז און פרעגט:

— אפשר האָט איר צוויי אַספּרינס?

מיין פרוי גיט אים אספּרינס. ער נעמט זיי אין מויל און פאַרטרינקט מיטן וואַסער.

עס גייט אַריבער עטלעכע מינוט פרעג איך דעם דאָקטאָר:

— וואָס איז אייך?

— עט, ניט געזונט. ס׳שטעכט דער רוקן, דער קאָפּ טוט וויי.

— דאָקטאָר, — זאָג איך, — אפשר דאַרפט איר זען אַ דאָקטאָר?

— ווער האָט צייט און כוח צו דאָקטוירים! — ענטפערט ער.

— אפשר וואָלט איר אריינגעגאַנגען אין אַ שפּיטאָל, אַ נוירסינג־האָום?! — עצה איך אים.

— שוין געווען קאַרגע צוויי וואָכן אין שפּיטאָל און ס׳האָט נישט געהאָלפן.

— ווי לאַנג איז — פרעג איך אים, — אז איר האָט געהאַט אַ האָלידיי?

— שוין זייער לאַנג.

—איז אפשר וואָלט איר געפאָרן ערגעץ זיך אָפּרוען?

— דאָס איז נישט אזוי לייכט.

— אויב ניט אַ האָלידיי, ראָט איך אייך, איר זייט דאָך אַ דאָקטאָר, נעמט אַ גוטן טאָניק. איר מוזט זיך אויפפּאַסן!

דער דאָקטאָר איז געבליבן זיצן שטיל און גאָרנישט געענטפערט. מיר האָבן זיך דערשראָקן פון זיין שווייגן און אים געפרעגט:

— דאָקטאָר, וואָס איז אייך? פאַרוואָס שווייגט איר?

— גאָרנישט. אָט, זיך פאַרטראַכט.

באַלד האָט ער זיך אויפגעשטעלט, אויפגעעפנט דאָס רענצל, ארויסגענומען זיינע מכשירים און גענומען אונטערזוכן מיך: געטאַפּט, געקוועטשט, געהאָרכט, פאַרשריבן אַ רפואה און איז אוועק.

ווען דער דאָקטאָר איז אוועק האָב איך דערפילט א ביסל בעסער. איך האָב זיך ארומגעזען אז מיין דאָקטאָר איז מער קראַנק פון מיר...

מיט אַ צייט שפּעטער בין איך ווידער ניט געזונט געוואָרן און געלעגן אין בעט. מיין פרוי האָט אַנגעקלונגען דעם דאָקטאָר, האָט ער געענטפערט אז ער איז נישט געזונט און קאָן נישט קומען. ניט נאָר ער אליין איז ניט געזונט, נאָר זיין אויטאָ איז אויך קראַנק, טויג נישט מער — ער האָט נישט מיט וואָס צו פאָרן און זיינע פיס דינען אים נישט מער צו גיין. ער האָט פאָרגעלייגט מען זאָל אים קומען נעמען.

איז מען אוועק מיט אַ קאַר און מען האָט געבראַכט דעם דאָקטאָר. ווי נאָר ער איז אריין אין שטוב, האָב איך זיך ערנסט דערשראָקן. זיין פּנים איז געווען בלייך ווי אַ שבתדיקער טישטוך. ער איז קוים געגאַנגען מיט דער הילף פון אַ שטעקן.

— דאָקטאָר, וואָס איז אייך, געהאַט אוודאי אַן עקסידענט? — האָבן מיר דערשראָקן געפרעגט.

— ניין, נישט קיין עקסידענט. רומאַטיזם, לאַמבערגיי, אַלטערייטיס האָב איך. עס מאַטערט מיך אין גאַנצן אויס!

— דאָקטאָר, — האָב איך זיך אָפּגערופן, — כ׳האָב פאַר אייך זייער א גוטן זאַלב. רייבט דערמיט זיך איין דריי מאָל אַ טאָג, איר וועט זען, ס׳וועט אייך בעסער ווערן.

— אַ דאַנק. שוין פּרובירט אַלע רפואות, ס׳העלפט נישט! — האָט דער דאָקטאָר געקרעכצט.

— אפשר דאַרפט איר האָבן עלעקטרישע מאַסאַזשן?

— אויך דאָס שוין געהאַט.

— און אַן עקס־רעי האָט איר געהאַט, דאָקטאָר?

— יאָ, געהאַט.

— נו, וואָס ווייזט די עקס־רעי? — האָב איך אים געפרעגט.

— די עקס־רעי ווייזט אז מיין רוקן האָט זיך אַ ביסל אויסגעבויגן.

— איז וואָס זשע טוט איר דערצו, דאָקטאָר?

— נישטאָ קיין רפואה.

דערווייל האָט מיין פרוי אריינגעבראַכט טיי מיט צובייסן פאַרן דאָקטאָר. ער האָט זיך דערמיט פּשוט מחיה געווען. זיינע בלייכע באַקן האָבן זיך פאַר־רויטלט, ווי ביי אַ שעמעוודיקער יונגער מיידל בעת איר ערשטער באַגעגעניש מיט אַ בחור.

נאָכדעם ווי ער האָט אויסגעטרונקען די טיי, פּאַרטיק געוואָרן מיטן צובייסן און זיך אָפּגערוט, האָט ער גענומען מיך באַטראַכטן. ער האָט דאָס דאָקטאָרישע

טרייבל מיט ציטערדיקע הענט צוגעלייגט צו מיין האַרץ, צו די לונגען, גע־האַרכט, געהייסן מיך אָטעמען, אַיינהאַלטן דעם אָטעם, ארויסלאָזן דעם אָטעם און געזאָגט:

— הלוואי וואָלט מיר זיין דאָס, וואָס ס'איז אייך. איך זע חלילה גאָרנישט קיין שלעכטס. איר זייט נאָר אַ ביסל אויסגעמאַטערט און אייערע נערוון זיינען אָנגעשטרענגט. ווייטער איז אייך גאָרנישט. איר זייט געזונט ווי אַ נוס. הלוואי אויף מיר געזאָגט געוואָרן אַזאַ פּולס ווי איר האָט. הלוואי האָב איך אַזאַ האַרץ ווי אייערס, אַזאַ גוטן בלוט־דרוק ווי ס'איז אייערער. הלוואי, הלוואי...

פּלוצלונג איז ער בלייך געוואָרן און שטיל זיך אַראָפּגעלאָזט אויף מיין בעט... מיר האָבן זיך שטאַרק דערשראָקן און מיר האָבן אויפן קול גענומען רופן:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, וואָס איז אייך, וואָס איז אייך?

פון אונדזערע געשרייען האָט ער זיך אויפגעכאַפּט, אומבאהאָלפן זיך ארומ־געקוקט ווו ער איז, און שטיל, פאַרשעמט געזאָגט:

— פירט מיך אהיים.

מען האָט אים אהיים געפירט און ארויסגערופן צו אים א דאָקטאָר. פאַר עטלעכע וואָכן האָב איך יעדן טאָג געקלונגען און זיך נאָכגעפרעגט וואָס ער מאַכט. איך בין געוואָרן מער אומרואיק וועגן מיין דאָקטאָרס געזונט, ווי מיין אייגענעם.

אַ שלעכטער חולה...

נאָכן איבערלייענען אַ ביסל מעדיצינישע אָפּהאַנדלונגען, האָט מיך אָנ־גערעגט אָנצושרייבן אָט דעם פעליעטאָן. ווייל נאָכן איבערלייענען די אָנווייַ־זונגען פון דאָקטוירים וועגן פאַרשיידענע קראַנקייטן — בין איך קראַנק געוואָרן. ווען איך בין געלעגן אין בעט און מען האָט ארויסגערופן צו מיר אַ דאָקטאָר, האָב איך זיך ערשט איבערצייגט אז אַלע מעדיצינישע אָפּהאַנדלונגען וואָס איך האָב געלייענט, האָט גאָר ווייניק צו טאָן מיט די באַהאַנדלונגען פון דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר איז געווען שטרענג און האָט צו מיר געזאָגט:

— מיינט נישט אז איר זייט אַ חולה, זייט איר אַ יחסן. איר דאַרפט זיך צוהערן צו מיינע רייד, צו מיינע אָנווייזונגען און טאָן וואָס איך הייס אייך!

— ווער האָט עס כוח צו דעם — האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט.

— איר מוזט האָבן כוח. אויב נישט וועט מיט אייך זיין ניט גוט! — האָט דער דאָקטאָר צו מיר געזאָגט.

— ווו נעמט מען כוח? — האָב איך געפרעגט דעם דאָקטאָר.

— איר רעדט נאַרישקייטן! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט און גענומען מיך אַריינקוקן אין די אויגן, ווי אין אַ גזלן.

נאָך אַ קורצע צייט קוקן אויף מיר, האָט ער געזאָגט:

— אויב איר ווילט זיין געזונט וועט איר מוזן מיט מיר קאָאָפּערירן. נאָכן אָפּזאָגן דאָס איז ער אוועק.

אויפן צווייטן טאָג קומט ער אומגעריכט צו מיר.

— נו, וואָס מאַכט איר היינט? — האָט ער מיר געפרעגט.

— אַן ענדערונג. — האָב איך געענטפערט.

— איר דאַרפט זיין צופרידן.

— פון וואָס?

— וואָס איר זייט אַן ענדערונג. עס האָט געקאָנט זיין ערגער! — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט.

— פאַרוואָס ערגער? — האָב איך געפרעגט.

— אויב ס'איז נישט בעסער, קאָן דאָך זיין ערגער.

דער דאָקטאָר האָט געהייסן מיר ווייזן אים די צונג, ער האָט געדריקט און געטאַפּט מיר דעם האַלדז, ביי די אויערן, דעם בויך, די זייטן און מיך געפרעגט:

— איר ווילט זיין געזונט?

— אוודאי וויל איך זיין געזונט! — האָב איך געענטפערט.

— איר וועט מוזן אויף עטלעכע טעג אַריינגיין אין אַ נוירסינג־האָום.

— צו וואָס אין אַ נוירסינג־האָום? — האָב איך געפרעגט.

— אויף אָבסערוואַציע.

— און דאָ, אין מיין היים, טויג נישט? — האָב איך געפרעגט.

— ניין. איר וועט מוזן זיין אין אַ נוירסינג־האָום פאַר עטלעכע טעג.

— ס'וועט דאָך מיר אַריינטרייבן אין גרויסע הוצאות!

— וועגן דעם זאָרג איך נישט. — האָט דער דאָקטאָר געענטפערט.

— איך פאַרשטיי, ה' דאָקטאָר, אַז איר זאָרגט נישט. די הוצאות וועל איך דאָך האָבן און נישט איר. איך וועל דאַרפן צאָלן.

— געוויס וועט איר דאַרפן צאָלן. וואָס האָט איר געוואָלט, איך זאָל פאַר אייך צאָלן?

— ניין, איך האָב דאָס נישט געמיינט. אָבער איר ווייסט דאָך, איך בין נאָר אַן אַרבעטער.

— איך האָב אייך שוין פריער געזאָגט, אויב איר ווילט זיין געזונט מוזט איר זיך צוהערן צו מיינע פאַראָרדענונגען און אָנווייזונגען! — האָט דער דאָקטאָר שטרענגער גערעדט.

איך האָב שוין גאָרנישט געהאַט וואָס צו זאָגן. דער דאָקטאָר האָט אַרויס־גערופן אַן אַמבולאַנס און מען האָט מיך אָפּגעפירט אין אַ נוירסינג־האָום. קאַר־גע דריי וואָכן בין איך דאָרטן געלעגן. צוויי מאָל אַ טאָג איז דער דאָקטאָר צו מיר געקומען. ער האָט אויף מיר אויספּרובירט אַלע זיינע דאָקטאָרשע מכשירים און מיר געזאָגט, איך וועל זיין אָלרייט.

מיט יעדן טאָג וואָס איך בין געלעגן אין דער נוירסינג־האָום, בין איך אַלץ שוואַכער געוואָרן, און מיט יעדן טאָג איז אַלץ מערער געשטיגן די הוצאות פאַר דער נוירסינג־האָום און פאַר די וויזיטן פון מיין דאָקטאָר. איין טאָג רוף איך זיך אָפּ צום דאָקטאָר:

— לאָזט מיך גיין אהיים, איך וועל דאָ אויסגיין.

— איר רעדט נאַרישקייטן, — זאָגט צו מיר דער דאָקטאָר, — איר טאָרט אזוי נישט טראַכטן, אויב איר ווילט לעבן.

דער דאָקטאָר האָט מיר געראַטן נישט צו דאגהן, כ׳זאָל זיך צופּאַסן צו זיי־נע פאַראָרדענונגען, וועט מיר זיין גוט און איך וועל זיין געזונט.

בלית ברירה האָב איך צוגעשטימט צום דאָקטאָרס פאַראָרדענונגען, נישט קעגן געשטעלט זיך ווען מען האָט מיר גענומען בלוט־טעסטן, געמאַכט איינ־שפּריצונגען און ווען מען האָט מיר געגעבן שלינגען פּילן ווי אייער די גרויס. איך האָב אויך גאָרנישט געזאָגט, ווען מען האָט מיך געטראָגן אין אָפּעראַציע־זאַל און מען האָט אויף מיר אויספּרובירט פאַרשיידענע מעדיצינישע דערפינדונגען — איך האָב געשוויגן, איך בין געווען אָן מוט און אָן כוח צו פּראָטעסטירן, אַנטקעגן צו שטעלן זיך.

נאָכדעם ווען מיין דאָקטאָר איז מיד געוואָרן פון מיר, האָט ער גערופן אנדערע דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן. ער האָט מיך איבערגעגעבן אין זייע־רע הענט און ווידער האָט זיך איבערגעחזרט די זעלבע פּראָצעדור: מען האָט מיך ווידער מיט רענטגען־שטראַלן דורכגענומען, געשטערט, געזוכט, געצאַפּט בלוט, געמאַכט איינשפּריצונגען, געגעבן פאַרשיידענע סאָרטן פּילן און מעדיצין.

הפּנים אז אויך די אַנדערע דאָקטוירים און ספּעציאַליסטן איז נמאס געוואָרן דאָס באַהאַנדלען מיך און איין טאָג האָבן זיי געזאָגט צו מיין דאָקטאָר, אז איך קען שוין גיין אַ היים... זיי האָבן גאָרנישט געפונען ביי מיר...

* * *

די דאָקטוירים האָבן אויסגעפונען, אז קיין גביר בין איך נישט, קיין געלט אין באַנק האָב איך אויך נישט — טויג איך נישט פאַר זיי. אזא פּאַציענט דאַרפן זיי נישט — האָבן זיי מיך געשיקט אַ היים...

אַ שלעכטער חולה, אַ שלעכטער פּאַציענט בין איך פאַר זיי געווען...

געקומענע פֿרעגן אַן עצה בײַם דאָקטאָר

קומט אַרײַן אַ מאַן צום דאָקטאָר און באַקלאָגט זיך:

— דאָקטאָר, האָט איר אפשר אַ מיטל צו שרעקלעכע װײטיקן אין אָרעם?

— װאָס פֿאַר אַ װײטיקן?

— װײטיקן װאָס טוען װײ!

— װי לאַנג לײַדט איר? — פֿרעגט דער דאָקטאָר.

— אַ לענגערע צײַט שױן. — ענטפֿערט דער מאַן.

— איר מוזט מיר זאָגן גענױ, װי לאַנג עס טוט אײַך װײ דער אָרעם.

— אומגעפֿער א 6—8 װאָכן. — ענטפֿערט דער מאַן.

— אויב אַזוי איז עס שוין אַ כראָנישע קראַנקײט, װאָס פֿאָדערט א גענױע באַהאַנדלונג. — האָט דער דאָקטאָר דערקלערט.

— איך פֿאַרלאָז זיך אינגאַנצן אויף אײַך! — האָט דער מאַן געענטפֿערט.

— האָט איר געזען אַ דאָקטאָר װעגן אײַער קראַנקן אָרעם?

— נײן, נישט געזען. איך האָב עס נישט גענומען ערנסט. — האָט דער מאַן געענטפֿערט.

— איר האָט נישט גענומען ערנסט, — האָט דער דאָקטאָר זיך אָפּגערופֿן, — װײסט איר צו װעלכע קאָמפּליקאַציעס אַזא קראַנקער אָרעם װי אײַערער קאָן ברענגען?

— איך האַלט, אַז עס איז רעװמאַטיזם. — האָט דער מאַן געענטפֿערט.

—איז װאָס האָט איר געטאָן? — האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

— אײַנגעריבן מיט אַ זאַלב. — האָט דער מאַן געענטפֿערט.

— האָט דאָס געהאָלפֿן?

— נײן, דאָקטאָר. דערפֿאַר בין איך געקומען צו אײַך.

— טוט זיך אויס, װעלן מיר אַ קוק טאָן.

— גוט, כ׳װעל זיך אויסטאָן.

— איז אײַער אָרעם געשװאָלן, אָדער פֿעט? — האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

— איך װײס נישט. איר זײַט דאָך אַ דאָקטאָר, דאַרפֿט איר װיסן.

— איך בין טאַקע אַ דאָקטאָר אָבער נישט קײן נביא, — האָט דער דאָקטאָר בײז געזאָגט. — ביטע ענטפֿערט גענױ אויף מײַנע פֿראַגעס: טוט אײַך װײ?

— געוויס טוט וויי.

— זאָגט מיר, זייט איר נישט געוואָרן איבערגעפאָרן פון אַ לאַסט־אויטאָ?

— האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— אַ לאַסט־אויטאָ? איך געדענק נישט אז א לאַסט־אויטאָ זאָל מיך האָבן איבערגעפאָרן!

— אפשר אַן אויטאָ? — האָט דער דאָקטאָר געפרעגט.

— ניין, אויך נישט קיין אויטאָ.

— אפשר אַ מאָטאָרציקל?

— ניין.

— אפשר א קינדער־וועגעלע האָט אייך איבערגעפאָרן?

— קיין קינדער־וועגעלע אויך נישט.

— הערט זיך איין! — האָט דער דאָקטאָר שוין אומגעדולדיק גערעדט, — ווי איך זע וועל איך אייך נישט קאָנען פיל העלפן — איר ווילט נישט קאָאָ־פערירן מיט מיר.

— לויט ווי איך זע, דאָקטאָר, — האָט דער מאַן זיך אָפּגערופן, — ווילט איר דורכאויס אז איך זאָל האָבן דורכגעמאַכט אַן אויטאָ־אומגליק!

— איר מוזט דאָך אָבער מיר העלפן, — האָט דער דאָקטאָר געזאָגט, — כדי איך זאָל קענען אייך העלפן! גוט, זאָל זיין אז נישט קיין לאַסט־אויטאָ איז אויף אייך ארויף. אפשר גאָר איז א געביידע אויף אייך ארויפגעפאַלן?

— דאָקטאָר, וואָס רעדט איר אַזעלכע נאַרישקייטן, ווי קומט עס אַ געביידע זאָל אויף מיר ארויפפאַלן?

— יאָ, ווען אַ געביידע וואָלט אויף אייך ארויפגעפאַלן, וואָלט עס שוין נישט געווען קיין נאַרישקייטן.

— געוויס נישט!

— מיינט דאָס אז אַ געביידע איז יאָ ארויפגעפאַלן אויף אייער אָרעם?

— ווער זאָגט עס, דאָקטאָר? איך האָב אזוי נישט געזאָגט. קיין געביידע איז אויף מיר נישט געפאַלן.

— גוט, זאָל זיין נישט קיין געביידע. אפשר א הויז? — האָט דער דאָק־טאָר מילדער געפרעגט.

— ניין, קיין הויז אויך נישט.

— אפשר אַ וואַנט?

— ניין!

— מיר דאַכט זיך אז איר ליידט נישט אויפן אָרעם, נאָר אויפן קאָפּ! — האָט דער דאָקטאָר בייז געזאָגט.

— וואָס פֿאַלט אייַך אײַן, דאָקטאָר?

— לויט ווי איר דערט און געדענקט גאָרנישט, איז א סימן, אז ס׳איז עפּעס נישט אין אָרדענונג מיט אייער קאָפּ. איך לייג אײַך פֿאָר מאַכן אַן עקס־רעי אויפֿן קאָפּ.

— צו וואָס אַן עקס־רעי אויפֿן קאָפּ? — האָט דער מאַן געפֿרעגט.

— ווייל איר האָט מיר נישט געענטפֿערט צו דער זאַך. איך האָב גע־פֿרעגט צי אַ לאַסט־אויטאָ איז אייך איבערגעפֿאָרן, איז וואָס האָט איר מיר געענטפֿערט?

— איך געדענק נישט. — האָט דער מאַן געזאָגט.

— האָט אייך אַן אויטאָ איבערגעפֿאָרן? — האָט דער דאָקטאָר געפֿרעגט.

— איך געדענק נישט.

— אַ מאָטאָרציקל?

— איך געדענק נישט, דאָקטאָר.

— איז אַ געביידע אויף אייך געפֿאַלן?

— איך הויב נישט אָן צו געדענקען.

— איז אַ הויז, אַ וואנט אויף אייך געפֿאַלן?

— איך קאָן זיך נישט דערמאָנען.

— לויט ווי איך זע, — האָט דער דאָקטאָר אומגעדולדיק אויסגערופֿן, — געדענקט איר קיין זאַך נישט. דאָס איז אַ באַווייז אז איר ליידט נישט פֿון אייער אָרעם, נאָר פֿון אייער קאָפּ. יאָ, אייער קאָפּ איז קראַנק, איר מוזט אומבאַדינגט האָבן אַן עקס־רעי אויפֿן קאָפּ!

— גוט דאָקטאָר, כ׳וועל דאָס זאָגן מיין פֿרוי, זי איז די קראַנקע, וואָס האָט רעוומאַטיזם. זי ליידט אויף איר אָרעם! — האָט דער מאַן געזאָגט און איז אַוועק.

אַ פֿינגער האָט מיר ווי געטאָן

איך האָב זיך אַמאָל ארויסגערעדט פאַר מיינעם אַ באַקאַנטן, אז מיר טוט ווי דער גראָבער פינגער פון לינקן פוס. נו, האָב איך זיך גוט איינגעהאנדלט מפטיר. מיין באַקאַנטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן און געפרעגט:

— ווי לאַנג שוין טוט אייך ווי דער גראָבער פינגער פון לינקן פוס?

— עטלעכע חדשים שוין. — האָב איך געענטפערט.

— און אַ דאָקטאָר האָט איר געזען? — האָט ער מיט אַ מאָדנעם חשד אויף מיר געקוקט.

— ניין, נישט געזען.

— וואָס וואַרט איר? אויף משיחן וואַרט איר מיט אייער פינגער? פאָלגט מיך, — האָט ער שטרענג צו מיר געזאָגט, — און גייט גלייך זען א דאָקטאָר. נישט נאָר אַ דאָקטאָר, נאָר טאַקע אַ ספעציאַליסט זאָלט איר זען. איר ווייסט גאָרנישט וואָס פון אַ פינגער קאָן זיך אַלץ מאַכן, בפרט נאָך פון אַ גראָבן פינגער און פון לינקן פוס נאָך!

— וואָס איז דער אונטערשייד פון אַ לינקן פוס און אַ רעכטן פוס, פון א גראָבן פינגער און אַן אַנדער פינגער? — האָב איך געפרעגט.

— ווי איך זע, זייט איר גאָר אַ גרינער אין די זאַכן. גראָד בין איך גוט באַקאַנט אין דעם. ווי זאָגט מען, פרעגט נישט דעם דאָקטאָר, נאָר דעם חולה.

— איר האָט אויך געליטן אויף אַ פינגער פון לינקן פוס? — האָב איך אים געפרעגט.

— נאָך דאָס פעלט מיר אויס — ליידן פון אַ פינגער פון לינקן פוס. ס'איז גענוג מיין שוואָגער האָט דערפון געהאַט צו זינגען און צו זאָגן. ער איז נאָך געווען גליקלעך, וואָס מען האָט דאָס פארכאַפּט אין צייט. מען האָט אים אראָפּ־גענומען דעם גראָבן פינגער און ער איז אַלרייט. איך ווייס איינעם וואָס האָט אויך געליטן פון אַ גראָבן פינגער פון לינקן פוס. נו, האָט ער געוואָלט זיין קלוג, נישט געגאַנגען צו קיין דאָקטאָר, נישט געמאַכט זיך ווילסנדיק, האָט מען אים נעבעך, טויזנט מאָל נישט פאַר אייך געדאַכט, געמוזט אראָפּנעמען דעם פוס! איך ווייס נאָך פאַלן פון אַנדערע, נאָך ערגערע פאַלן. פון דער זעלבער חולאת מיט אַ פינגער זיינען זיי נעבעך יונג געגאַנגען פון דער וועלט.

— און ווי איז דער פאַל מיט אַ גראָבן פינגער פון רעכטן פוס? — האָב איך צעטומלט געפרעגט.

— זעט איר, אַ פינגער פון רעכטן פוס איז גאָר אַן אַנדער ענין — דאָ איז די קרענק פיל לייכטער ווי פון אַ לינקן פוס. איר ווייסט דאָך אוודאי, אז אַלץ וואָס האָט צו טאָן מיט לינקס טויג נישט, איז ביטער. אזוי למשל, אז איינער כאַפּט אַן אַנצינדונג אין דער לינקער זייט, איז נישט גוט. דאָס זעלבע איז מיט דער לינקער לונג. כאַפּט מען א ווייטיק אין הארצן, קומט דאָס פון דער לינקער זייט, און די רעזולטאַטן דערפון דאַרף איך אייך נישט זאָגן! דע־ריבער פאָלגט מיך און גייט שוין זען אַ דאָקטאָר, אַ ספּעציאַליסט — דעם בעסטן! זייט נישט קאַרג און שפּילט זיך נישט מיט די אָ זאַכן. אויבנאויפיק דאַכט זיך ס׳איז אַ קלייניקייט, אַ פינגער. איר דאַרפט אָבער וויסן, אז פון אַ פינגער קאָנען זיך מאַכן די ערגסטע קאָמפּליקאַציעס: עס הויבט זיך אָן מיט אַ פינגער און עס ענדיקט זיך ווער ווייס מיט וואָס. ס׳איז ווי מיט א פאַרגיפטי־קונג. אַ קלייניקייט דאַכט זיך, און פון דער אָ קלייניקייט ווערט זייער גיך אַ גרויסע זאַך. איר זאָלט דערפון נישט ווייסן. פאָלגט מיך, נעמט דאָס נישט פאַר גרינג, וואַרט נישט און לייגט נישט אָפּ, נאָר גייט זען שוין אַ דאָקטאָר, דעם ריכטיקן דאָקטאָר. אויב איר וועט וואַרטן, קאָן נאָך ווערן צו שפּעט. איר דאַרפט וויסן, אז די חולאת פון גראָבן פינגער קאָן זיך אויך אריבערכאַפּן אין די אַנ־דערע פינגער, נאָכדעם צום פוס און שפּעטער נאָך העכער. אז די קרענק הויבט אָן גיין, האָט זי אַ טבע צו צושפּרייטן זיך אין דער לענג און אין דער ברייט פונעם מענטשנס קערפּער, קריכט אין די געדערים און אין די קישקעס און נעמט אָן רחמנות פרעסן דעם גאַנצן קערפּער מיטן מענטשלעכן מעכאַניזם. ווי אַ גוטער פריינד איז מיין עצה, איר זאָלט זיך נישט שפּילן דערמיט. אזוי לאַנג ווי די קרענק ליגט נאָך אין גראָבן פינגער האָט איר נאָך אַ שטיקל האָפע־נונג און קאָנטראָל איבער איר און די סכנה איז נאָך נישט אזוי געפערלעך. פאַרנאַכלעסיקט אָבער נישט, האָט רחמנות אויף זיך און וואַרט נישט. גייט שוין זען א רופא, דעם ריכטיקן דאָקטאָר־ספּעציאַליסט, איידער די קרענק איי־ערע צושפּרייט זיך, איידער זי נעמט גיין פון גראָבן פינגער העכער. אז עס נעמט גיין העכער טויג נישט — עס גייט אריין אין מאָגן, אין די קישקעס, צום האַרצן און אפילו צום קאָפּ... איר זייט דאָך אַ פאַרשטענדיקער מענטש, דאַרפט איר זיך אָנשטויסן און פאַרשטיין וואָס פאַרא ביטערע און פינצטערע רעזולטאַטן דערפון קומען. פאָלגט מיך און — — —

איך ווייס נישט ווי לאַנג מיין באַקאַנטער האָט גערעדט. מיר איז שלעכט געוואָרן, און איך האָב געחלשט...

ער האָט אַ דאָקטאָר

מיינער אַ שכן האָט פּלוצלינג גענומען ארומגיין צו די שכנים, נאָכגעפרעגט וואָס זיי מאַכן, ווי זייער געזונט איז. מ׳האָט זיך געחידושט: שטענדיק איז ער געווען פאַרקרימט, קיינעם נישט באַגריסט, אפילו נישט געענטפערט אויף אַ גוט־מאָרגן — און פּלוצלינג פרעגט ער יעדן וואָס מען מאַכט.

די שכנים האָבן געצויגן מיט די אַקסלען און גערעדט צווישן זיך: ס׳איז אריין אין אים אַ דיבוק, אוודאי ארונטער פון זינען!

ער איז אָבער געווען נאָרמאַל און קיין דיבוק איז אין אים אויך נישט אריין. און טאָמער איז געווען ווייניק וואָס ער האָט זיך נאָכגעפרעגט אויפן געזונט פון די שכנים, האָט ער גאַנצע טעג גענומען טעלעפאָנירן צו באַקאַנטע, צו לאַנדס־לייט און געפרעגט וואָס זיי מאַכן. און קוים האָט עמעצער געמאַכט אַ קרומע מינע, ארויסגערעדט זיך אז ער איז נישט מיט אַלעמען, האָט ער באַלד געפרעגט:

— וואָס פילט איר, וואָס טוט אייך וויי?

שטעלט ער אָפּ זיינס אַ שכן אין גאַס און פרעגט אים:

— איר זעט עפּעס אויס צו זיין נישט מיט אלעמען. וואָס איז דער מער?

— דער לעבער! — האָט יענער געענטפערט.

— אַי, מיטן לעבער דאַרף מען זיין געהיטן, אַ לעבער איז דאָס וויכטיקס־טע אינעם מענטשלעכן אָרגאַניזם! — האָט מיין שכן געענטפערט, ווי ער וואָלט זיין אַ דאָקטאָר.

— וואָס איז אייער עצה? — האָט יענער געפרעגט.

— מיין עצה איז, איר זאָלט גיין זען אַ דאָקטאָר. איך האָב פאַר אייך אַ גוטן דאָקטאָר — גוט און ביליק!

— ווער האָט געלט און כּוח צו דאָקטוירים?!

— פאָלגט מיך, גייט זען דעם דאָקטאָר!

— ווער איז דער דאָקטאָר? — האָט יענער געפרעגט.

— דער דאָקטאָר, — האָט מיין שכן זיך אונטערגעזונגען, — איז מיין זון!...

— פון ווען אָן האָט איר אַ זון אַ דאָקטאָר? — האָט יענער געפרעגט.

— וואָס, איר האָט נישט געהערט פון מיין זון? שוין צוויי חדשים ווי ער איז אַ דאָקטאָר!

אויב ער האָט ערשט געענדיקט דאָקטאָר, איז וואָס ווייסט ער וועגן אַ לעבער?

— די יונגע דאָקטוירים וויסן היינט מער פון די אַלטע!

— אפשר זייט איר גערעכט — האָט יענער געצויגן מיט די אַקסלען, — ווו איז זיין קאַבינעט?

— אין צענטער שטאָט, אין א שיינער געביידע.

— ווי אזוי קומט מען צו אים. — מיינע פיס טראָגן מיך קוים און אליין האָב איך אויך נישט קיין כוח!

— זאָרגט נישט, איר דאַרפט נישט גיין צו אים. קלינגט אָן, וועט ער קו־מען צו אייך.

— וועט דאָס קאָסטן טייער? ווי איר ווייסט ארבעט איך לעצטנס נישט!

— נישט געזאָרגט! איך וועל אים זאָגן ער זאָל אייך נישט רעכענען טייער. איך שיק אים באַלד צו אייך!

אַ ביסל שפּעטער קלינגט מיין שכן צו אַ צווייטן באקאנטן:

— העלאָו, ווער רעדט?

— העלאָו, העלאָו, דאָס רעדט מר. קלאָטשע!

— ווער? קלאָטשע דער סטאָלער? וואָס עפּעס פלוצלינג?

— עט, גאָרנישט. געוואָלט הערן וואָס איר מאַכט?!

— איז צוליב דעם קלינגט איר מיר?

— יאָ. לאַנג נישט געזען אייך — וויל איך וויסן וואָס איר מאַכט.

— זייער שיין פון אייך, מר. קלאָטשע. ס׳וועט מיסתמא שוין זיין א גוט יאָר, אז איר פרעגט זיך נאָך אויף מיין געזונט. וועל איך אייך דערציילן, אז לעצטנס איז מיר נישט אזוי פויגלדיק — איך לייד אויף גאַל־שטיינער, און מיין האַרץ איז אויך נישט אַיי, אַיי, אַיי!

— איז וואָס זשע שוויגט איר? כ׳האָב פאַר אייך א גוטן דאָקטאָר!

— ווער איז דער דאָקטאָר?

— מיין זון.

— אייער זון? פון ווען איז אייער זון אַ דאָקטאָר?

— שוין איבער צוויי חדשים ווי ער פּראַקטיצירט! ער איז זייער באַ־שעפטיקט — מ׳קען גאָרנישט צוקומען צו אים!

— טאַקע. אפשר קען איך אים זען?

— ס׳איז נישט אזוי לייכט. ער איז זייער פארנומען, און אָן א רעקאָמענ־דאַציע איז נישט אזוי לייכט צוצוקומען צו אים. אָט איז זיין אַדרעס, און זאָגט אים אז איך האָב אייך רעקאָמענדירט!

— גוט. א דאַנק אייך, מר. קלאָטשע!

טרעפט מיין שכן אַ לאַנדסמאַן אין גאַס און ער פרעגט אים:
— וואָס קוקסטו אויס אַזוי אומעטיק?
— איך קום איצט פון דאָקטאָר.
— וואָס איז מיט דיר?
— נישט פאַר דיר געדאַכט, כ'האָב אַ געשוויר אין מאָגן! — האָט דער לאַנדסמאַן זיך באַקלאָגט און געהאַלטן זיך ביים בויך.
— שוין לאַנג?
— קאַרגע זעקס חדשים.
— און דו טראָגסט זיך דערמיט אַרום די גאַנצע צייט? — האָט מיין שכן געפרעגט.
— וואָס דען? זאָל איך דאָס איבערלאָזן אין שטוב, האַלטן אין באַנק? — האָט דער לאַנדסמאַן אויפגערעגט געענטפערט.
— זאָרג נישט! איך האָב פאַר דיר אַ דאָקטאָר, וועסטו באַלד געהאָלפן ווערן!
— ווי קומסטו צו דאָקטוירים?
— פרעג ניט קיין קשיות. איך האָב פאַר דיר אַ גוטן דאָקטאָר, וואָס וועט דיך ראַטעווען. ער וועט דיר באַפרייען פון דיינע יסורים. פאָלג מיך און גיי אים זען!
— ווי הייסט דער דאָקטאָר?
— ער איז מיין זון.
— דיין זון? פון ווען אָן האָסטו אַ זון אַ דאָקטאָר?
— דעם דריטן חודש שוין.
— איז ער אַ גוטער דאָקטאָר?
—אַ מלאך איז ער, נישט קיין דאָקטאָר. ער האָט שוין פיל מענטשן געראַטעוועט. ער איז אַ צאַרטער, גוטער, איידעלער מענטש. ער מיינט נישט געלט, ער וויל נאָר געזונט מאַכן מענטשן!
— וויפל נעמט ער פאַר אַ וויזיט?
— ער נעמט נישט פיל, און וויפל ער נעמט איז עס אומזיסט. פאָלג מיך און גיי אים זען — ער וועט דיך ראַטעווען!
א ביסל שפּעטער טרעפט מיין שכן ווידער איינעם און פרעגט אים:
— וואָס מאַכט איר? איר קוקט מיר אויס שלעכט!
באַקלאָגט זיך יענער אַז ער ליידט פון רעוומאַטיזם, נערוון, האָט שלאָפלאָזע נעכט.
— האָט איר געזען אַ דאָקטאָר? — פרעגט ער אים.
— נישט איינעם, נאָר דריי!

— וואָס זאָגן זיי?

— זיי זאָגן, אז איך דאַרף א סך רוען, נישט זאָרגן, וועט מיר ווערן בעסער.

— נאַרישקייטן! מען דאַרף געבן א רפואה, נישט אזעלכע עצות. פאָלגט מיך, גייט זען מיין דאָקטאָר!

— ווער איז אייער דאָקטאָר?

— מיין זון.

— וואָס? איר האָט אַ זון אַ דאָקטאָר?

— איר האָט נישט געהערט וועגן מיין זון דעם דאָקטאָר? ער פּראַקטי־צירט שוין באַלד אַ האַלבן יאָר. ער האָט שוין פיל מענטשן געראַטעוועט. אז ער טוט נאָר אַ קוק אויפן קראַנקן, ווייסט ער שוין וואָס אים איז.

— אויב אזוי, גיי איך טאַקע זען אייער זון, דעם דאָקטאָר! — האָט יע־נער געזאָגט.

ווען ער איז געקומען צום דאָקטאָר האָט ער דאָרטן געטראָפן פיל פון זיינע באַקאַנטע, לאַנדסלייט און שכנים. דורכשמועסנדיק זיך מיט זיי איז ער געוואָר געוואָרן, אז מר. קלאָטשע האָט זיי אלע אַהער געשיקט — צו זיין זון דעם דאָקטאָר...

מ'איז נעקומען מיך מבקר חולה זיין

נישט לאַנג צוריק בין איך ערנסט קראַנק געווען, געלעגן אין בעט אין גרויסע יסורים. דאָקטוירים האָבן געזאָגט, אז איך מוז האָבן רו און נעמען רע־גולער די רפואות. אז איך וועל אויספאָלגן זייערע פאַראָרדענונגען, וועל איך ווערן געזונט. אַ לענגערע צייט בין איך אַן אָפּגעשוואַכטער געלעגן אין בעט. מיינע לאַנדסלייט און באַקאַנטע זיינען געקומען מיך באַזוכן. זיי האָבן זיך ארומגעזעצט ביי מיין בעט און געמאַטערט מיך מיט זייערע רייד:

— דאַרפסט זיך נישט זאָרגן, הערשל — האָט זיך אָפּגערופן מיינע אַ לאַנדסמאַניכע מיט אַ באַוועגלעכן גוידער — וועסט זען, וועסט געזונט ווערן. קראַנקערע פון דיר זיינען געזונט געוואָרן, וועסטו אויך ווערן געזונט!

— מאַכט אים נישט שווער זיין שוואַך האַרץ! — האָט אַ לאַנדסמאַן זיך אָפּ־גערופן. — אָט איז מיין אָנקל אויך געלעגן מיט דער זעלבער קראַנקייט. אפשר 4 חדשים איז ער געווען קראַנק, פונדעסטוועגן האָט ער זיך דורכגעדרייט. ווען נישט די אָפּעראַציע, וואָס איז נישט געווען קיין געלונגענע, וואָלט ער געווען געזונט ווי אַ נוס!

— רעדט נישט וועגן אָפּעראַציעס! — האָט זיך אָפּגערופן אַן אַנדער לאַנדסמאַן. ביים בעט פון אַ קראַנקן רעדט מען נישט פון אָפּעראַציעס — בפרט נאָך ווען דער קראַנקער אַליין דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע, הערט אויף!

— איך האָב גאָרנישט אַנגעהויבן און האָב נישט וואָס אויפצוהערן — האָט דער לאַנדסמאַן זיך אָפּגערופן. — מיין מיינונג איז אז מען קומט צו אַ קראַנקן מבקר חולה זיין, דאַרף מען נישט שטיין שטום ווי אַ גולם. און ווען מען ווייסט נאָך אז דער קראַנקער דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע, דאַרף מען אים טאַקע וועגן דעם אויפקלערן און וואָרענען!

הערט אויף! — האָט זיך ארייַנגעמישט די לאַנדסמאַניכע מיטן גוידער — רעדט נישט וועגן אָפּעראַציעס! ער ווייסט דאָך גאָרנישט אז ער דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע. ער איז געבעך אַזוי שוואַך, ער טאָר גאָר נישט וויסן פון דעם — האָט זי געזאָגט שטיל, ווי זי וואָלט וועלן פאַרטרויען אַ סוד...

דער שמועס איז אָפּגעהאַקט געוואָרן. ס'איז געוואָרן אביסל שטילער. די באַזוכער מיינע האָבן זיך איבערגעקוקט און איך האָב זיך געפילט שוואַכער און ערגער.

עמעצער האָט זיך ארויסגעכאַפּט:

— עס איז דאָ געוואָרן אַזוי שטיל, פונקט ווי אויף אַ בית־עולם אָדער ווי ביי אַ לוויה!...

— הערט אויף צו ריידן וועגן לוויות און בית־עולמס. עס איז נישט גוט פאַרן קראַנקן צו הערן אַזעלכע רייד!

— און וועגן אָפּעראַציעס איז יאָ געזונט פאַרן קראַנקן צו הערן? — האָט אַן אַנדערער געפרעגט.

— לאָזט אָפּ מיט אייערע רייד! — האָט די לאַנדסמאַניכע מיטן גוידער זיך ארייַנגעמישט. — עס פעלט אייך אויס וועגן וואָס צו ריידן? רעדט וועגן אייערע געשעפטן, וועגן דער פּאָליטישער לאַגע. רעדט וועגן וואָס איר ווילט, אָבער לאָזט אָפּ מיט אייערע רייד, וואָס ווירקן שלעכט אויפן חולה!

איך האָב געפילט ווי אַ קאַלטער שווייס האָט מיך באַדעקט און אין מוח האָט מיר ווי אַ באַראַבאַן געגומען קלאַפּן. פאַר מיינע אויגן האָבן אין אַ ווילדן געיעג זיך געדרייט אַן אַ שיעור רעדער. מיין פרוי האָט באַמערקט די ענדערונג, האָט זי געווישט מיין שווייס און געפרעגט מיך צי איך וויל עפּעס.

— פרוי שישלער — האָט אַ לאַנדסמאַן פּלוצלונג זיך אָפּגערופן, — איר קוקט צופיל אויף אייער מאַן. מען דאַרף זיך נישט אָפּגעבן אַזוי פיל מיט אַ קראַנקן, בפרט מיט אַן אייגענעם מאַן!

— וואָס איז דאָ דער שפּאַס? — האָט די לאַנדסמאַניכע מיטן גוידער זיך

אָפּגערופן — איר האָט נישט וועגן וואָס אַנדערש צו שפּאַסן? איז זעט אַ מענטש איז קראַנק, און איר שפּאַסט גאָר!

— ביי אייך איז אַלץ אַ שפּאַס, אָדער אַלץ איז ערנסט! — האָט דער לאַנדס־מאַן איר אריינגעזאָגט.

— איך וואָלט אייך עפּעס געזאָגט — האָט אַן אויפגערעגטע די לאַנדסמאַ־ניכע זיך אָפּגערופן — אָבער נישט דאָ, ביים בעט פון קראַנקן. דאָ איז נישט דאָס אָרט!

— נו, אפשר ווילט איר, וועל איך מיט אייך גיין אין אָפּעראַ־הויז — האָט מיט איראָניע דער לאַנדסמאַן איר געפרעגט — איר וועט קענען דאָרט מיר זאָגן?

— נישט איך וויל גיין מיט אייך און נישט איך האָב אייך וואָס צו זאָגן. אויך מיר אַ מענטש, מישטיינס געזאָגט, ווען עס איז דאָ וואָס צו זאָגן! ער מיינט אוודאי ער איז ביי די קאָרטן, וו ער עפנט זיין גאַרישן מויל!

עמעצער האָט אָפּגעהאַלטן דעם לאַנדסמאַן צו ענטפערן, ווייל דער מאַן אירער האָט זיך אויפגעהויבן פון אָרט, און דאָס האָט געמיינט אַז אַ סקאַנדאַל קען לייכט אויסברעכן. דער לאַנדסמאַן איז איר געבליבן שולדיק אַן ענטפער. ער האָט זיך געזעגנט מיט מיר, געווונטשן מיר אַ גיכע רפואה און איז אוועק.

ווען דער לאַנדסמאַן איז ארויס האָבן די אַנדערע לאַנדסלייט גענומען אים אין מויל אריין:

— אַ גאַנצער קנאַקער געוואָרן. ווער קען עס נישט דעם לאַטוטניק פון דער היים!

— יאָ, אַז מען ווערט רייך, קריגט מען גלייך אַ גוואַלדיקע העזה!

— מיר זאָל דאָס צוקומען, וויפל אים פעלט צו זיין רייך! — האָט אַן אַנ־דער לאַנדסמאַן געזאָגט — ווען נישט די באַנקראָטן, וואָס ער האָט געמאַכט, וואָלט ער דאָך נישט געהאַט אָפּצועסן!

— שאַ! זעט נאָר, דער קראַנקער איז צו בלאַס געוואָרן! — האָט די לאַנדסמאַניכע מיטן גוידער אויסגעשריען מיט אַ קוויטש — מען דאַרף רופן דעם דאָקטאָר, ער איז דאָך פאַרביי. געוואַלד, וואָס שוויגט איר, פאַרוואָס טוט איר גאָרנישט, ראַטעוועט אים!

* * *

ווען דער דאָקטאָר איז געקומען האָט ער אַלעמען גלייך ארויסגעשיקט פון צימער. נאָכן אָפּמינטערן מיך האָט ער שטרענג פאַרזאָגט מיין פרוי, קיינעם נישט לאָזן מיך באַזוכן — איך מוז האָבן פולקאָמע רו. ער האָט געזאָגט, אַז ווען ער וואָלט געקומען מיט עטלעכע מינוט שפּעטער, וואָלט ער שוין נישט געהאַט צו וועמען צו קומען...

אַ זון אַ דאָקטאָר

— איר ווייסט דאָך, — האָט צו מיר זיך אָפּגערופן מיינער אַ באַקאַנטער, — אַז דאָס גאַנצע לעבן האָב איך אוועקגעגעבן, אַז מיין זון זאָל ווערן אַ דאָקטאָר. אַ קלייניקייט, חיים לייבטשעס זון — אַ דאָקטאָר! אַן אייגענער דאָקטאָר אין שטוב!

איך האָב אויסגעקוקט דעם טאָג, דעם מאָמענט, ווען מיין זון זאָל ווערן אַ דאָקטאָר און ברענגען דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם אין שטוב אריין. איך האָב געטראַכט: אַן אייגענער דאָקטאָר, בפרט אַ זון, וועט זאָרגן און אָפּהיטן אונדז פון אַלע צרות און קראנקייטן.

ווי נאָר מיין זון איז אהיימגעקומען מיטן דאָקטאָר־דיפּלאָם, האָט ער טאַקע באַלד גענומען זאָרגן וועגן מיין און זיין מאַמעס געזונט. ער האָט אונדז געקוקט אין פּנים, אין די אויגן, אין האַלדז — אַן אויג נישט אראָפּגעלאָזט פון אונדז. ער האָט אונדז געגעבן עצות ווי זיך צו פירן, ווי צו היטן דאָס געזונט. ארויסגעגעבן באפעלן וואָס צו עסן, ווי אזוי צו שלאָפן און בכלל ווי זיך אויפפירן כדי צו פארהיטן דאָס געזונט.

איך האָב זיך גענומען פילן ווי אַ קליין און אומבאַהאָלפן קינד. דער זון מיינער, דער דאָקטאָר, האָט אָנגעהאלטן מיט זיינע אָנווייזונגען. ווען איך האָב געוואָלט טועם זיין פון די שבתדיקע געפילטע פיש, האָט ער מיך אָפּגעהאלטן און געזאָגט:

— טאַטע, עס דאָס נישט, ס'איז סם! קיין ביסן געפילטע פיש נישט!

דאָס זעלבע איז געווען ווען איך האָב גענומען אַ שטיקל קישקע, האָט ער מיך אָנגעכאַפּט ביי דער האַנט, ווי מען כאַפּט א גנב, צוגענומען די קישקע און מיך געוואָרנט:

— טאַטע, וועסט דאָס נישט עסן! ווילסט זיך באגראָבן לעבעדיקערהייט?

מיין זון, דער דאָקטאָר, האָט מיך געהיט אויף שריט און טריט — ספּעציעל ביים טיש, איך זאָל נישט כאַפּן אַן איבעריקן ביסן און צו מיר כסדר געטענהט:

— אז דו וועסט ווייניקער עסן, וועסטו לענגער לעבן!

ער האָט גענומען געבן פאַראָרדענונגען צו דער ווייב מיינער, זיין מאַמען, אַז זי זאָל וואָס ווייניקער קאָכן, פאַרבאָטן קאָכן פעטע מאכלים און געזאָגט:

— קיין נאַשערייען, קיכלעך, טאָרט, פלאָדן, לעקעך. קיין צימעס, פאַר־שפּייז און נאָכשפּייז, קיין יויך, קניידלעך, לאָקשן, פאַרפל, רייז, קאַרטאָפל, צו־קער, ברויט, חלה און קוגל!

ווער קען עס אויסרעכענען וואָס מיין זון דער דאָקטאָר האָט פאַרבאָטן צו עסן. אפילו גיין אויף שמחות האָט ער אונדז פאַרבאָטן. און אַז מיר זיינען געגאַנגען, האָט ער אונדז שטרענג אָנגעזאָגט גאָרנישט טועם זיין!

טאָמער איז דאָס נאָך ווייניק, האָט מיין זון מיר גענומען יעדן טאָג אונ־טערזוכן. וויקלט מיך ארום מיט רצועות, קוועטשט און זוכט: אים געפעלט נישט מיין בלוט־דרוק — איך מוז ווערן דינער, אַרונטערוואַרפן אַ 20—25 קי־לאָ, אַנדערש בין איך אין געפאַר. ער שלעפּט מיך אויף דער וואָג, פונקט ווי איך וואָלט געווען אַ בהמה. קוקט מיר אין די אויגן, אין האַלדז, דריקט מיר אונטערן האַרץ, קוועטשט מיר די זייטן, קלאַפּט מיר אין רוקן און ער ציט מיט די אַקסלען — קיין זאַך געפעלט אים נישט. כאַטש נעם און בייט זיך אויס אויף אַן אַנדערן — גיב אים אַן אַנדער טאַטן!

צו דעם אַלעם האָט ער אויסגעפונען, אַז איך האָב צוקער.

טענה איך צו אים:

— וואָס אַרט דיך, זון מיינער, אַז איך האָב צוקער. וואָס האָסטו געוואָלט, איך זאָל האָבן ביטערניש?

קורץ, מיר איז פאַרביטערט געוואָרן דאָס לעבן. איך בין מער נישט דאָס, וואָס איך בין געווען. זינט דער זון מיינער איז געוואָרן דאָקטאָר, איז ער דער גאַנצער בעל־הבית איבער מיר און עס איז מיר נישט מקנא צו זיין.

אַנומלט האָט ער מיך אַריינגעלייגט אין בעט און אָנגעזאָגט צו ליגן רואיק. האָט דאָס מיר שוין שטאַרק פאַרדראָסן. רוף איך זיך אָפּ צו אים:

— ביסט חלילה אַרונטער פון זינען, וואָס עפּעס אין אַ מיטן מיטוואָך ליגן אין בעט?

ווייסט איר וואָס מיין זון, דער דאָקטאָר, האָט מיר געענטפערט:

— טאַטע, אויב דו וועסט נישט ליגן, וועט איך דיר, אַז דו וועסט גיין!

הכלל, עס איז מיר נישט גוט. וואָלט דער דאָקטאָר נישט געווען מיין זון, וואָלט איך אים אָנגענומען ביים קאָלנער און אים משלח געווען. איז דאָך דאָס אָבער אַן אייגן קינד, לייד איך און שווייג...

ער איז אויף אַ דיעטע

זאָגט צו מיר אַמאָל אַ ייד:

— דאָס וואָס איך האָב אַ גראָבן בויך, זאָל אייך נישט אַרן. ערשטנס איז דער בויך מיין, צווייטנס איז ער גאָרנישט אזוי גראָב ווי אייך דוכט זיך אויס. פאַראַן גרעבערע בייכער פון מיין. און דריטנס, אויב איר זייט מיך מקנא, בין איך גרייט אָפּצושרייבן אייך מיין בויך בחינם! אזאַ מענטש בין איך — איך בין קיינעם נישט מקנא. למשל, איינער האָט אַ ווייב אַן ארורה, בין איך אים נישט מקנא — זאָל ער זיך האַלטן מיט איר אויף לאַנגע יאָרן! האָט איינער אַ הויקער, פאַרגין איך אים. איז איינער הויך ווי אַ טעלעגראַפן־סלופּ, אַרט דאָס מיך נישט. זאָל ער זיין הויך — אפילו נאָך העכער. איך בין, ווי איר זעט, אַ מענטש וואָס קיינעם בין איך נישט מקנא. איך פאַרגין יענעם אַפילו דעם גן־עדן.

אַנומלט האָט איינער מיך שטאַרק באַליידיקט. ער האָט מיר געזאָגט, איך זע אויס ווי אַ צעפּעלין און מיין בויך איז ווי פון אַ שוואַנגערנדיקע פרוי מיט אַ פינפטלינג. זעט איר, דאָס האָט מיר שטאַרק פאַרדראָסן: ווי קומט עס אַ ווילד פרעמדער מענטש מיך צו באַליידיקן? האָב איך צו אים געזאָגט: איר זייט מיך מקנא מיט מיין בויך? נעמט אייך אים אַן גודוויל, בחינם. האָט ער, דער פּאַסקודניאַק, מיר געענטפערט: ער איז מיר מוחל דעם בויך. איך קען זיך האַלטן מיט אים ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר. ער ווינטשט זיך נאָר צו פאַרמאָגן, וואָס דער בויך מיינער האָט אָפּגעקאָסט.

אזא חוצפּה, אַזאַ באַליידיקונג האָט מיך שוין פאַרדראָסן. האָב איך גלייך באַשלאָסן: מען דאַרף פּטור ווערן פון בויך. איך בין אַוועק צו אַ דאָקטאָר און געפרעגט אַן עצה. דער דאָקטאָר האָט מיך אָנגעקוקט — נישט אזוי מיך, ווי מיין בויך — און געזאָגט: אַ דיעטע. איר מוזט גיין אויף אַ דיעטע!

דאָס וואָרט דיעטע האָט געקלונגען פאַר מיר מאָדנע, האָב איך דעם דאָקטאָר געפרעגט: מיט וואָס עסט מען דאָס? האָט דער דאָקטאָר מיר דערקלערט, אַז אַ דיעטע עסט מען נישט. אַ דיעטע איז נישט צום עסן, און ער האָט מיר אויסגעשריבן אַ גאַנצן צעטל, וואָס איך מעג יאָ, און וואָס איך טאָר נישט עסן.

לויטן דאָקטאָרס צעטל האָב איך געזען, אַז איך בין אויף גרויסע צרות. דאָס וואָס ער האָט מיר דערלויבט עסן, איז גענוג געווען פאַר אַ קימפּעט־קינד.

איך האָב דעם דאָקטאָר געבעטן אַ ביסל מער שפּייז, האָט ער באַוויליגט און צוגעשריבן נאָך עטלעכע אָנצעס. בין איך אָנגעגאַנגען מיטן עסן לויט די אָנ־ווייזונגען פון דאָקטאָר. נאָך עטלעכע טעג האָב איך זיך דערפילט זייער שוואַך. טראַכט איך ביי זיך: דער דאָקטאָר מיט זיין דיעטע איז נישט פאַר מיר. אז איך וועל אים פאָלגן, וועל איך גאָר בקרוב גיין אַ גאַנג. בין איך אַוועק זען אן אַנ־דער דאָקטאָר. דער אַנדער דאָקטאָר איז געווען א סימפּאַטישער מענטש. ווען איך האָב אים דערציילט ווי הונעריק איך בין פון דער דיעטע, וואָס מיין פריער־דיקער דאָקטאָר האָט מיר געגעבן, איז ער אריין אין מיין לאַגע און מיר אויס־געשריבן א דיעטע מיט אַ דריי מאכלים, וואָס דערפריערדיקער דאָקטאָר האָט זיי אפילו נישט דערמאָנט. נאָך עטלעכע טעג האָב איך פון דער נייער דיעטע זיך געפילט אַ ביסל שטאַרקער, אָבער נישט אינגאַנצן ווי עס דאַרף זיין. האָב איך באַשלאָסן גיין זען נאָך אַ דאָקטאָר. כ'האָב זיך נישט געוואָלט פארלאָזן אויף די צוויי דאָקטוירים מיינע, טראַכטנדיק אז אין דרייען איז שטאַרקער.

וכך היה. איך בין אוועק צו אַ דריטן דאָקטאָר און דערציילט דעם אמת, אז איך בין שוין געווען צו צוויי דאָקטוירים, וואָס האָבן מיר געגעבן צוויי באַזונ־דערע דיעטעס פון וועלכע איך בין נישט צופרידן... ערשטנס, ווער איך אויף אַ האָר נישט דינער פון זיי, און צווייטנס, גיי איך כסדר ארום א הונגעריקער. דער דאָקטאָר האָט ארייַנגעקוקט אין די דיעטעס און געזאָגט אז זיי זיינען נישט קיין שלעכטע, נאָר אַזוי ווי איך באַקלאָג זיך, וועט ער מיר פאַרשרייבן אַן אַנדער דיעטע — אינגאַנצן אַנדערש פון די פריערדיקע.

איצט האָב איך שוין דריי דיעטעס. דריי, טראַכט איך, איז נישט איינע. איך האָב זיך גענומען פילן אַ ביסל שטאַרקער, אָבער נאָך אַלץ נישט אינגאַנצן. טראַכט איך ביי זיך: אפשר איז אַ פּלאַן צו זען נאָך אַ דאָקטאָר, נישט פאַרלאָזן זיך מיטן געזונט, מיט לייב און לעבן אויף דריי דאָקטוירים — וועט קאָסטן נאָך אַ ביסל. און איך בין אוועק זען נאָך אַ דאָקטאָר.

דער פערטער דאָקטאָר האָט מיך געוויגן און געמאָסטן, פּונקט ווי איך וואָלט זיין גאָלד, אָדער ווי איך וואָלט שטיין צום פריזיוו. נאָכן וועגן און מעסטן האָט ער מיך מאָדנע באַקוקט און געפרעגט ווי אַלט איך בין. האָב איך אים געזאָגט מיין עלטער. איז ער נאָך אַלץ נישט געווען צופרידן און מיך געפרעגט צי איך לייד אויפן האַרץ, נירן, גאַלשטיינער, מאַגן, לעבער. נאָכדעם האָט ער מיך געפרעגט ווי מיין טאַטע ע״ה איז געווען, אַ גראָבער צי אַ דאַרער? ווי מיין מאַמע ע״ה איז געווען — דין אָדער פעט? — און מיט וואָס פאַר אַ טויט זיינען מיינע עלטערן געשטאָרבן. דעם דאָקטאָרס פראַגעס האָבן מיך מאָדנע גע־שראָקן: וואָס איז זיין עסק ווי מיין טאַטע־מאַמע זיינען געווען — ער גייט טאָן מיט מיר אַ שידוך, וואָס ער דאַרף וויסן מיין יחוס?

דער דאָקטאָר האָט מיר פאַרזיכערט, אז מיר איז גאָרנישט, איך דאַרף נאָר טאָן אביסל ספאָרט, מאַכן לאַנגע שפּאַצירן, און ער האָט דערביי מיר פאַר־שריבן אַ פרישע דיעטע — אינגאַנצן אַן אנדערע ווי די פריערדיקע דיעטעס פון מיינע דריי דאָקטוירים.

די נייע דיעטע האָט קיין גרויס וווּנדער נישט באַוויזן. אָבער אויך די פריערדיקע דיעטעס פון מיינע דאָקטוירים זיינען נישט געווען בעסער. האָב איך געטראַכט, איך וועל גיין זען נאָך א דאָקטאָר. ס'האָט מיך שוין אזוי פיל געקאָסט, וועט מיר קאָסטן נאָך אַ ביסל. איך בין אוועק צו א פינפטן דאָקטאָר, וואָס מיינער א שכן האָט מיר רעקאָמענדירט. ניט סתם א דאָקטאָר, נאָר א ספּע־ציאַליסט, א גרויסער מומחה אויף גראָבע בייכער. אָבער אויך ער האָט אָנגע־ווענדט די זעלבע פּראָצעדור ווי די פריערדיקע פיר דאָקטוירים און ער האָט מיך געראַטן אָנגיין מיט זיין דיעטע, וואָס ער האָט מיר פאַרשריבן.

פונקט ווי אַלע מיינע פריערדיקע פיר דאָקטוירים, איז אויך דער פינפטער נישט געווען בעסער. אויך זיין דיעטע האָט אויף א האָר מיר נישט געהאָלפן. איך האָב אָפּגעהיט די פינף דיעטעס פון מיינע פינף דאָקטוירים. איך האָב נישט גענומען קיין איבעריקן ביסן, נאָר לויט די אָנווייזונגען פון די פינף דיעטעס — און אַלע פינף דיעטעס צוזאַמענגענומען מיט די פינף דאָקטוירים האָבן גאָרניט געהאָלפן. איך בין אויף אַן אָנץ נישט דינער געוואָרן, — פאַרקערט, איך בין נאָך גרעבער געוואָרן.

איך וואָלט אפשר געגאַנגען זען אַ זעקסטן דאָקטאָר, האָב איך אָבער מורא פאַר אַ זעקסטער דיעטע...

כ׳בין שוין געזונט...

ווען איך בין אַנומלט געווען קראַנק האָבן מיינע בני־בית באַשטימט צו נעמען פאַר מיר אַ „נוירס״, אַ קראַנקן־שוועסטער צו באַדינען און אויפּפּאַסן מיך, ספּעציעל אין די שלאָפלאָזע נעכט, ווען איך האָב נישט געקאָנט צומאַכן מיט אַן אויג.

די „נוירס״, אַ מיטל־יאָריקע פרוי, אַ גרויסע בארעדעווודיקע, האָט כסדר גערעדט און דערציילט פון איר צעהוליעטער יוגנט, פון אירע ליבעס מיט יונ־געלייט און דאָקטוירים. אָבער פון אַלע געפירטע ליבעס אירע, האָט זיך גאָר־נישט אויסגעלאָזט און זי איז פאַרבליבן נישט פאַרהייראַט און לעבט אַן איינ־זאַמען לעבן.

די קראַנקן־שוועסטער איז צו מיר געקומען יעדן פאַרנאַכט און מיך באַדינט אין די נעכט. ווען מיין קראַנקייט איז געוואָרן ערגער און אלע אין שטוב זיי־נען געלעגן מידע אין די בעטן, איז די „נוירס״ געווען נאָענט צו מיין בעט, געהאַלטן אַן אויג אויף מיר און דערביי נישט אויפגעהערט ריידן, וואָס נישט איינמאָל האָב איך פון איר ריידן זיך געפילט שוואַכער און ערגער.

צום ערגסטן איז געווען, ווען די קראַנקן־שוועסטער פלעגט אַ זאָג טאָן:

— איר זייט פּונקט ווי אַ בייבי!

פאַרשטייט זיך, אז איך האָב געשוויגן און נישט געענטפערט. מיין שווייגן האָט אפנים פאַרדראָסן דער „נוירס״, און אין אזא מאָמענט פלעגט זי זיך צוריידן:

— איר דאַרפט וויסן, אז איך בין אַ קראַנקן־שוועסטער מיט דערפאַרונג, איך האָב אַ לאַנג־יאָריקע דערפאַרונג אין מיין ארבעט!

— יאָ, יאָ, איך וויס דאָס! — האָב איך שוואַך געענטפערט.

אין די שפּעטע נעכט ווען אַלע האָבן שוין געשלאָפן, פלעגט די קראַנקן־שוועסטער זיך צוזעצן נאָענט צו מיין בעט. אירע הענט זיינען געווען פאַרנומען מיט שטריקן. דאָס קליינע בלאָע ליכט אין צימער האָט שוואַך באַלויכטן דעם ארום און דאָס געזיכט פון דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט אויף מיר אַכטונג געגעבן.

— איר שלאָפט? — האָט זי פּלוצלונג מיך געפרעגט.

— ניין, איך קאָן נישט שלאָפן! — האָב איך קורץ געענטפערט.

— איך וועל אייך געבן וואָס צום שלאָפן — האָט זי געזאָגט, און באלד מיר צוגעטראָגן א ביסל וואַסער מיט אַ פּיל. — נעמט דאָס, איר וועט באלד איינשלאָפן! — האָט זי געזאָגט.

איך האָב גענומען דעם פּיל, אָבער נישט איינגעשלאָפן. איך בין געלעגן מיט אָפענע אויגן, געקוקט אינעם טונקעלן חלל און פאַרשיידענע טרויעריקע געדאַנקען האָבן זיך געפּלאָנטערט אין קאָפּ.

— פאַרוואָס שלאָפט איר נישט?

—איך קאָן נישט.

— איר דערמאָנט מיך אין פיל פון מיינע קראַנקע וועלכע איך האָב באדינט. א סך פון זיי זיינען אויך געווען שוואַכע שלאָפערס ווי איר. אנדערע קראַנקע פלעגן זיך צו מיר טשעפּען. ווי שוואַך און ערנסט קראַנק זיי זיינען געווען, דאָך איז זיי אין זינען געלעגן נאַרישקייטן, גאָרנישט ווי ביי קראַנקע!

— וואָס האָט איר אין אזעלכע פאַלן געטאָן? — האָב איך נייגעריק גע־פרעגט.

— גאָרנישט — האָט זי געענטפערט — איך האָב זיך פון זיי דערווייטערט און זיי גענומען דערציילן פאַרשיידענע געשיכטעס.

— דערציילט אויך מיר, דערציילט עפּעס. אפשר וועט דאָס ווירקן, איך זאָל קענען איינשלאָפן.

— גוט — האָט זי געזאָגט — כ׳וועל אייך דערציילן. דאָ נישט לאַנג צו־ריק איז מיר אויסגעקומען צו באהאנדלען אַן עלטערע פרוי. זי האָט מיך פשוט משוגע געמאַכט. זי איז געווען ערנסט קראַנק, אָבער זי האָט מיך נאָך מער קראַנק געמאַכט. אלע ווײַלע האָט זי מיך געמאַטערט איך זאָל איר זאָגן ווי זי קוקט אויס, ווי איר דופק קלאַפּט, צי אירע באַקן זיינען בלאַס. און אויב זיי זיינען בלאַס, זאָל איך זיי איינשמירן מיט רוזש. און ווען איך וועל אָנשמירן אירע באַקן מיט רוזש, זאָל איך פאַר איין וועגס אויך אָנשמירן אירע ליפּן און איך זאָל אביסל אויסצופּן אירע ברעמען און איינשמירן זיי מיט שוואַרצן שטיפט. איך זאָל איר פאַרבן די נעגל, און דערביי אויך איינשמירן אירע אויגן מיט גרינע פאַרב. זי וויל נישט אז מענטשן וואָס קומען צו איר, זאָלן זען אז זעט אויס שלעכט.

אַן אויפהער האָט זי געבעטן ווייזן איר דעם שפּיגל — זי וויל זען ווי זי זעט אויס. איך האָב געמוזט קאַמען איר די האָר, איינשמירן מיט פּאַמאַדע און שפּריצן איר מיט פּערפום. ווען זי שטאַרבט נישט וואָלט איך געווען געצוווּנגען זי צו פאַרלאָזן.

— און ווי איז דאָס מיט די מענער־פּאַציענטן? — האָט זיך ביי מיר ארויס־געריסן די פראַגע.

— ס׳איז אַ חילוק ווי פון טאָג ביז נאַכט — האָט זי שעלמיש געזאָגט. — איך בין מער צופרידן צו באַדינען מענער ווי פרויען! איר דאַרפט וויסן, אַז מענער, ווי קראַנק זיי זאָלן נישט זיין, זיינען אַנדערש. זיי זיינען שטיל און מאַכן נישט משוגע, ווי פרויען. צו אַ קראַנקן מאַן טו איך אַ שמייכל, גיב אים אַ גלעט, און ער איז צופרידן, און אָפט פאַרגעסט ער גאָר אַז ער איז קראַנק!...

— יאָ, דאָס איז ווען דער מאַן איז נישט געפערלעך קראַנק — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— און אַז יאָ געפערלעך קראַנק, איז אויך נישט געפערלעך! — האָט די קראַנקן־שוועסטער געזאָגט. — אָט האָב איך מיט עטלעכע וואָכן צוריק באַ־האַנדלט אַ קראַנקן מאַן. ער איז געווען ערנסט קראַנק. פונדעסטוועגן האָב איך פון אים נישט געליטן, ווי איך פאַל מיט פרויען. ער איז שטיל געלעגן און גע־רעדט און איז שטיל אויסגעגאַנגען אין מיינע הענט!

— וואָס? — האָב איך צעשראָקן אויסגעשריען — ער איז געשטאָרבן אין אייערע הענט?

— וואָס חידושט איר זיך אַזוי? — האָט די „נוירס" מיט אַ קרומען שמייכל צו מיר געזאָגט — ער איז נישט געווען דער ערשטער און נישט דער איינצי־קער וואָס איז אין מיינע הענט אויסגעגאַנגען. הלוואי וואָלט איך געהאַט אַזוי פיל טויזנטער וויפל קראַנקע זיינען אין מיינע הענט געשטאָרבן, וואָלט איך מער נישט געדאַרפט אַרבעטן!...

איך האָב שוין מער אירע ווערטער נישט געהערט. דער קרומער שמייכל אירער האָט זיך נאָך מער אין מיינע אויגן אויסגעקרימט. איך האָב געזען אין אירע אויגן, די אויגן פון מלאך המות... דאָס בלאָע ליכט פון לעמפל האָט פלוצלונג געענדערט דעם קאָליר — געוואָרן רויט ווי בלוט, וואָס האָט גענו־מען פאַרפלייצן דאָס צימער, איינגעטונקט עס אין בלוט צוזאַמען מיט מיר, מיטן בעט און דעם בעט־צייג און איך האָב גענומען פילן ווי איך וואָלט שווימען אין אַ ים פון בלוט...

דער ארויסגערופענער דאָקטאָר האָט מיך באַטראַכט און געפרעגט:

— וואָס מאַכט איר, ווי פילט איר זיך. וואָס האָט פּאַסירט?

— איך פיל זיך פיין, פיין! קיין זאַך האָט נישט פּאַסירט! שיקט נאָר אַוועק די קראַנקן־שוועסטער — האָב איך געשטאַמלט — כ׳בין שוין געזונט!...

אַ מיטל צו איינזאַמקייט...

בערל איז אַן איינזאַמער און אומגליקלעכער מענטש. ער האָט נישט קיין ווייב, קיין קינדער, אפילו קיין געליבטע האָט ער נישט מיט וועמען אויסצוריידן אַ וואָרט, פאַרברענגען און קריגן אַ ביסל צערטלעכקייט.

בערל האָט שטאַרק געבענקט נאָך פריינדשאַפט, נאָך ליבע און נאָך מער נאָך אַ ביסל צערטלעכקייט, אָבער ער האָט דאָס נישט געהאַט. וויפל מאָל ער האָט פרובירט שליסן באַקאַנטשאַפט מיט פרויען — איז אים נישט געלונגען.

האָט בערל צוגעטראַכט אַ פּלאַן: ער וועט קראַנק ווערן. דער דאָקטאָר וועט קומען צו אים, אונטערזוכן און האָבן מיט געפיל צו אים און ער וועט נישט פילן אַזוי דעם עלנט.

דער דאָקטאָר האָט בערלען אונטערזוכט, נישט געמאַכט קיין באַזונדער וועזן פון אים, פאַרשריבן אַ רפואה און פאַרטיק.

בערלען איז נישט געפעלן געוואָרן די קאַלטע באַציאונג פון דאָקטאָר, איז ער אוועק צו אַ צווייטן דאָקטאָר. אפשר וועט דער אַנדער דאָקטאָר זיין בעסער, נעמען מער אינטערעס און ארויסווייזן צו אים מיטגעפיל און פריינד־שאַפט.

אָבער אויך דער צווייטער דאָקטאָר האָט קאַלט און גיך, אַן אינטערעס אים אָפּגעפּטרט.

האָט דאָס בערלען געקרענקט און ער האָט באַשלאָסן גיין צו אַן אנדער דאָקטאָר. אָבער אויך דער איז נישט געווען אַנדערש פון די פריערדיקע. אַזוי איז ער געגאַנגען יעדן טאָג צו אַנדערע דאָקטוירים — אפשר וועלן זיי ארויס־ווייזן צו אים אינטערעס, פריינדשאַפט.

אָבער אַזוי ווי די דאָקטוירים האָבן ביי בערלען ניט געפונען קיין ערנסטע שוואַכקייטן, האָבן זיי אים באַהאנדלט מיט קליינעם אינטערעס. דערפון האָט בערל זיך געפילט מער צעבראָכן און נאָך מער עלנטער.

האָט ער באַשלאָסן צו גיין אין שפיטאָל. אַ שפיטאָל איז אנדערש ווי פריי־וואַטע דאָקטוירים. דאָרט איז מען מער ערנסט און איבערגעגעבן צו מענטשן און מען ווייזט צו זיי ארויס מער פריינדשאַפט און אינטערעס. אַ שפיטאָל האָט דאָך אַ סך דאָקטוירים, כירורגן, ספעציאַליסט און קראַנקן־שוועסטערס, וועלן זיי געוויס געפינען ביי אים אַ קרענק. חוץ דעם וועלן אפשר די קראַנקן־שוועס־

טערס ארויסוויַיזן אים א ביסל צערטלעכקייט און אפשר אויך א ביסל ליבע — און ער וועט וויַיניקער זיך פילן עלנט.

אָבער אויך אין שפּיטאָל האָט מען גלייך געזען, אז בערלען איז גאָרניט. עס פעלט אים קיין זאַך. בערל האָט אָבער פאַרלאַנגט מען זאָל אים ריכטיק אונטערזוכן, מאַכן עקס־רעיס און טעסטן, דאַן וועלן זיי אויסגעפינען וואָס אים פעלט און פון וואָס ער ליידט.

די דאָקטוירים האָבן געצויגן מיט די אַקסלען, זיך אָנגעקוקט איינע די אַנ־דערע. בערל האָט זיך אָבער איינגעשפּאַרט מען זאָל אים ווידער אונטערזוכן. די דאָקטוירים האָבן נאָכגעגעבן און באַשטימט אים מאַכן אַן עקס־רעי. אָבער די עקס־רעיס האָבן גאָרנישט געוויזן. דאָס האָט בערלען פאַרשאַפט גרויס צער. ער איז געווען זיכער ביי זיך אז די דאָקטוירים האַסן אים, האָבן קיין ברעקל סימ־פּאַטיע נישט און ווילן נישט וויסן פון זיין עלנטקייט.

בערל האָט זיך געבעטן רחמים מען זאָל אים מאַכן אַן אָפּעראַציע... נישט וויכטיק וואָס פאַר אַן אָפּעראַציע, אַבי מען זאָל אים שניידן. מען זאָל אים האַלטן אין שפּיטאָל, ער זאָל קאָנען זיין נאָענט צו מענטשן, צו די קראַנקן־שוועסטערס, וואָס וועלן אים באַהאַנדלען. זיי וועלן אים טרייסטן, צערטלען, ריידן צו אים מילדע רייד און ארויסוויַיזן א ביסל מענטשלעכע ליבע, וועט אים לייכטער ווערן און ער וועט נישט פילן די איינזאַמקייט.

די דאָקטוירים האָבן אויף בערלען רחמנות געהאַט און אים געלאָזן בלייבן אין שפּיטאָל. ער איז געווען גליקלעך, ער האָט זיך געלאָזט שניידן פון כירורגן און ער האָט דערפילט ווי אין אים פליסט אַן אָנגענעמער שטראָם פון זיין אייגן צעוואַרעמט בלוט. צום ערשטן מאָל האָט ער דערשפּירט דעם טעם פון מענטש־לעכע ליבע און אַ טרייסט צו זיין עלנטקייט.

ליגט זיך בערל אין שפּיטאָל. די דאָקטוירים מיט די נוירסעס האָבן אים ליב — זיי האָבן אויף וועמען דורכצופירן פאַרשיידענע עקספּערימענטן. מען פירט אים אָפּט אין די עקסרעי־קעמערלעך און אויפן אָפּעראַציע־טיש. מען שניידט און מען פאַרנייט. די קראַנקן שוועסטערס זיינען באַשעפטיקט מיטן בינדן באַנדאַזשן, מאַכן איינשפּריצונגען, געבן אים בלוט־טראַנספוזיעס. בערל ליגט אַ צופרידענער אין בעט. ער איז דאַנקבאַר די דאָקטוירים און שוועסטערס וואָס וויַיזן ארויס צו אים אַן אינטערעס. זיי האָבן אריינגעבראַכט אַן ענדערונג אין זיין לעבן און געלינדערט זיין איינזאַמקייט...

נאָר נישט באַקלאָגן זיך...

אַ קלוגער ייד האָט מיר געעצהט:

אויב איר ווילט זיין גליקלעך, זאָלט איר זיך נישט באַקלאָגן, נישט קרעכצן, נישט מאַכן קיין קרומע מינע, נישט זשאַלעווען זיך, נאָר אלעמאָל זאָלט איר זיין צופרידן און מיט אַ שמייכל ריידן צו אלעמען.

ס'איז נישט גוט, מען קוילעט זיך אליין אוועק, ווען מען האָט א רחמנותדיק פנים מיט אַ זויערע מינע. קיינער וויל דאָס נישט זען — אפילו אייגענע נישט!

מען טאָר זיך קיינמאָל נישט באַקלאָגן, אז עס גייט נישט, אז די געשעפטן טויגן נישט. אפילו ווען מען שטיקט און מען ווערגט זיך פון חובות און מען האָט פודן צרות, דארף מען אָנשטעלן אַ צופרידן און פריילעך פנים.

אפילו דער אייגענער ווייב טאָר מען נישט דערציילן, אז די געשעפטן זיי־נען שלעכט, ווען מען האַלט, חלילה, ערב באנקראָט. זי טאָר דאָס נישט וויסן, אויב מען וויל האָבן פון איר אַ ביסעלע רעספעקט.

דאָס זעלבע איז מיט פריינד, אפילו די בעסטע, טאָרן זיי נישט וויסן ווי שלעכט איך איז, ווי ביטער אייער לעבן איז און ווי איר זייט דערדריקט פון אייערע געשעפטן. ס'איז געוואונטשן אָנצושטעלן אַ צופרידן און שמייכלענדיקן פנים און ריידן מעשה גביר.

אויך אייגענע קינדער, אויב מען וויל אז זיי זאָלן האָבן דרך ארץ, זאָלן רעספעקטירן דעם טאַטן, טאָר מען פאַר קיין פאַל זיך נישט באַקלאָגן פאַר זיי, נישט קרעכצן. אפילו דעמאָלט ווען עס איז אייך ביטער און אייערע געשעפטן ליגן טיף אין דער אדמה, דאַרף מען פאַר זיי מאַכן דעם אָנשטעל, אז אלץ איז אַלרייט און זאָגן אז די געשעפטן וואַקסן ווי אויף הייוון.

אמת, נישט אלעמאָל לוינט פאַר קינדער אזוי צו זאָגן, ווייל מאַנכע קינדער ווען זיי דערהערן דער טאַטע מאַכט גוטע געשעפטן, הויבן זיי אָן טראַכטן און אין דער שטיל בעטן זיי וואָס גיכער צו קריגן דעם טאַטנס ירושה...

אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן איז בעסער בישטע נישט צו באַקלאָגן זיך, נישט וועגן געזונט און נישט וועגן ביזנעס. דאָס קלאָגן ברענגט קיין נוצן נישט — דעם גרעסטן טייל ברענגט עס נאָר שאָדן. ווי מען הערט נאָר אז איר מאַכט שלעכטע געשעפטן, אָדער איר זייט אַ חולה, הערט מען אויף אויף אייך קוקן.

און אויב מען קוקט שוין יאָ, קוקט מען אויף אייך ווי אויף אַן אָרעמאַן, אָדער ווי אויף איינעם וואָס שטייט שוין מיט אַ פוס אויף יענער וועלט...

ווען אַ מענטש גייט ארום אַ פאַרזאָרגטער און קלאָגט זיך אויף זיינע געשעפטן, האָט ער קיין שאַנס נישט צו ווערן אַ טשערמאַן, אַ פּרעזידענט, אַ גבאי, אַ טרעזשורער — אפילו נישט קיין פאַרוואַלטונגס־מיטגליד.

מען טאָר נישט פאַר קיינעם זיך באַקלאָגן, נישט אין גאַס, נישט אין געזעלשאַפט, נישט אויף שמחות, נישט ביי לוויות — אומעטום דאַרף מען אָנשטעלן א פריילעך פּנים, צו אלעמען שמייכלען און בלאָפן, אז מען מאַכט גאָלדענע געשעפטן.

פונקט ווי מען טאָר זיך נישט באַקלאָגן אויף די שלעכטע געשעפטן, אזוי טאָר מען זיך אויך נישט באַקלאָגן אויפן געזונט, אפילו ווען מען איז אַ גרויסער חולה, אַ צעבראָכענער שאַרבן — מען מוז אָנשטעלן א צופרידן פּנים. עס איז געוווּנטשן צו זאָגן, אז מען איז אָלרייט, מען פילט זיך פּערפעקט, אין בעסטן געזונט־צושטאַנד.

אפילו ווען מען איז ערנסט קראַנק דאַרף מען פאַר ווייב און קינדער אָנשטעלן אַ פּנים פון אַ גיבור. ווען מען האָט די גרעסטע ווייטאָקן, דאַרף מען מאַכן דעם אָנשטעל פון אַ ריז און זאָגן אז מען פילט זיך פריש און געזונט ווי אַ יונגערמאַנטשיק... דאָס איז אַ סגולה אז אייגענע, די קינדער, זאָלן אויפגעבן די האָפענונג, אז אָט גייט איר אַ גאַנג...

מיין עצה איז, איר זאָלט שטענדיק שמייכלען, ס׳וועט אייך פיל גוטס טאָן!

פּלוצלונג איז דער ייד שטיל געבליבן. נאָך אַביסל שוויגן האָט זיך פון אים ארויסגעריסן אַ שווערער קרעכץ.

האָב איך אים געפרעגט: וואָס איז דער מער? וואָס האָט פּאַסירט?

— אָך, ס׳איז ביטער, שווער צו לעבן. מען טאָר אפילו קיין קרעכץ נישט טאָן. עס ווילט זיך אראָפּריידן פון האַרצן, עס דריקט שטאַרק. כ׳בין א צעבראָכענער מענטש, דאַרף האָבן אַן אָפּעראַציע. נישט איין אָפּעראַציע נאָר צוויי — אויף די נירן און גאַל־שטיינער. ס׳איז דאָך אָבער נישט מיין טבע צו קלאָגן, וועל איך שוויגן!...

אין מיוזנבערג

זיצן צוויי יידן אין מיוזנבערגביים ים און שמועסן. זאָגט איין ייד:

— אַ שיינער טאָג היינט!

— פּרעכטיק! — זאָגט דער צווייטער ייד.

— איר קומט דאָ אָפט?

— יעדעס יאָר כמעט.

— וואָס זאָגט איר אויף מיין מיוזנבערג?

— אייער מיוזנבערג? ס'איז אזוי אייערס, ווי מיין! — האָט פאַרדראָסיק זיך אָפּגערופן דער ערשטער ייד.

— ווי לאַנג קומט איר דאָ, וויפל יאָרן שוין?

— כ'האָב נישט געציילט די יאָרן.

— איר דערמאָנט מיך אין די אַלטע מיידן, זיי ציילן אויך נישט די יאָרן!...

— איך זע, איר זייט אַ וויצלער, ווי יענער באַגרעבער.

— כ'בעט אייך, רעדט נישט וועגן באַגרעבער, מ'איז דאָך אין מיוזנבערג, ווי קאָן מען אזוי ריידן?

— וואָס, מען טאָר שוין אַ וואָרט נישט אויסריידן?

— קוקט בעסער אויפן שיינעם בלויען הימל. וו זעט מען אזא ליכטיקן און ברייטן הימל, ווי דאָ?

— מנע, ס'איז דער זעלבער הימל אומעטום.

— און דער ים איז ביי אייך אַ ממזר? וו האָט איר נאָך אין דער וועלט אזא ים ווי דאָ?

— וואָס איז שלעכט דער ים אין דורבאַן, פּאָרט־עליזאַבעט, אָדער אין איסט־לאָנדאָן?

— אויך מיר אַ ים! ווי קומט דאָס צו דעם ים?

— אַ ים איז אַ ים.

— איך בין שוין אויסגעוועזן אַ וועלט און געזען ימען, ווי קומט דאָס אָבער צו דעם ים? איך האָב זיך געבאָדן אין מיאַמי ביטש, נו, מעג דער מיאַמי ביטש קומען זיך וואַשן די פיס אינעם מיוזנבערגער ים!

— איר טרייבט איבער.

— איך טרייב איבער? זעט, ווו האָט איר אזא שטילקייט, אַזאַ גלאַטקייט, אזא רואיקייט ווי ס'איז דער ים דאָ?

— נו, אז ס'איז שטיל און גלאַט, איז וואָס?

— ס'איז אין ים אזוי גלאַט ווי אַ טיש!

— נו, זעצט זיך דאָרט אַוועק און פּראַוועט אַ סעודה!

— און ווי געפעלן אייך דאָ די בערג?

— ווייס איך וואָס. די שווייץ האָט מער בערג!

— יענע בערג זיינען דאָך קאַלטע.

— און די בערג זיינען דען הייסע?

— די בערג זיינען דאָך אָנגעזאַפּט מיט פיל, פיל סודות.

— איז וואָס איז דער יחוס מיט זיי?

— די בערג שטייען דאָ נאָך פון ששת ימי בראשית. מענטשן זאָגן, אז זיי שטייען נאָך פון אַ סך פריער!

— נו, שוין געבוג מיט די בערג.

— און ווי געפעלט אייך דער קלימאַט?

— נישט שלעכט.

— וואָס זאָגט איר, נישט שלעכט! אָפּגערעדט זיך! אדרבא, ווייזט מיר ווו אין דער וועלט האָט איר נאָך אַזאַ קלימאַט ווי דאָ?

— מן הסתם זיינען נאָך דאָ פּלעצער אין דער וועלט מיט אזא קלימאַט! — האָט דער צווייטער ייד געענטפערט.

— למשל, ווו?

— אין קאַליפאָרניע.

— איר זייט געווען אין קאַליפאָרניע?

— ניין.

— איז פון וואַנען ווייסט איר, וואָס פאַר אַ קלימאַט דאָרטן איז?

— איך האָב דאָרטן אַ פעטער.

— האָט איר באַזוכט אייער פעטער אין קאַליפאָרניע?

— ניין, איך דערהאַלט פון אים בריוו.

דער ערשטער ייד האָט זיך הויך צעלאַכט.

— פון בריוו ווייסט איר וואָס פאַראַ קלימאַט דאָרט איז?

— יאָ. מיין פעטער שרייבט מיר דאָס.

— און איר גלויבט אים?

— אַ ברירה האָב איך.

— זאָגט מיר, איר האָט אַ נאָז?

— וואָס איז דאָס פאַר אַ פראַגע? אוודאי האָב איך אַ נאָז!

— זייט מיר מוחל, טוט אַ צי, אַ שמעק. נו, איר פילט עפּעס?

— גאָרנישט.

— איר פילט גאָרנישט? אויב אזוי, איז נישט אין אָרדענונג מיט אייער נאָז. מײַן עצה איז, אז איר זאָלט גיין זען אַ דאָקטאָר! אַ ייד זיצט אין מיוזנבערג און פילט גאָרנישט מיט דער נאָז. עס איז אַ שלעכטער סימן!

— זאָגט מיר, וואָס פילט איר מיט אייער נאָז? — האָט דער צווייטער ייד געפרעגט.

— וואָס איך פיל? פרעגט בעסער וואָס פיל איך נישט? איך פיל, איך כאַפּ אָפּ דעם אָטעם. איך פיל ווי איך צי אריין אין זיך דעם גאַנצן ים, דעם לויטערן קלימאַט, דעם גאַנצן ארום מיט די פרישע לופט. איך פיל ווי איך זאַפּ זיך אָן מיט פרישע קרעפטן.

— אנטשולדיקט, איר זייט אַזאַ קליין און דאַר מענטשל, ווו האָט איר דאָס אזוי פיל אָרט ארייַנצוזאַפּן אין זיך דעם גאַנצן ים מיטן קלימאַט און פרישע לופט?

— גערעכט. איך באוונדער זיך טאַקע אליין. אָט דאָס איז דאָס וווּנדער פון מיוזנבערג!

— זעט איר, די פיש דאָ געפעלן מיר. זיי זייַנען אַלעמאָל פריש.

— וואָס דען, דאָ וועט איר עסן נישט פרישע פיש?

— און וואָס טוט מען מיט די נישט פרישע פיש?

— די נישט פרישע פיש שיקט מען קיין יאָהאַנעסבורג.

— איר זייט אַ יאָהאַנעסבורגער?

— נאָך דאָס פעלט מיר!

— פון וואַנען קומט אַ ייד?

— איך קום פון גרינסייד.

— פון גרינסייד! — האָט זיך צעלאַכט דער צווייטער ייד. — גרינסייד איז דאָך יאָהאַנעסבורג!

— זאָל זיין אַז גרינסייד איז יאָהאַנעסבורג. איז וואָס איז דאָס אומגליק?

— דאָס אומגליק איז, — זאָגט דער צווייטער ייד, — נישט פאַר אייך געדאַכט האָב איך אַמאָל געכאַפּט אַ האַרץ־אַטאַק אין יאָהאַנעסבורג, האָט דער דאָקטאָר מיך געראַטן צו פאַרלאָזן די שטאָט. אויב איר ווילט לעבן, — זאָגט ער צו מיר, — אנטלויפט פון דער שטאָט. זייט דעמאָלט געפין איך זיך דאָ.

— נו, זייט איר דאָ געקומען פאַרלאַטען אייער געזונט?

— יאָ.

— און ווו איז אייער פרוי?

— אין האָטעל. זי איז נעבעך קראַנק!

— וואָס זאָגט דער דאָקטאָר ?

— ער זאָגט, איך זאָל אים באַצאָלן דעם חוב. אנטשולדיקט, איך האָב זיך פאַררעדט. איך מוז שוין גיין, דאַכט זיך שוין צייט צו עסן מיטאָג.

— יאָ, שוין צייט.

די צוויי יידן האָבן זיך געזעגנט און זיינען אוועק צו זייערע האָטעלן.

אַלמנות אויף האָלידיי...

ערגעץ ביים ים אויף האָלידיי זיינען געזעסן אַ גרופּע פּרויען, אַלמנות, און האָבן געשמועסט. וועגן וואָס שמועסן אַלמנות ? — וועגן זייערע פאַרשטאָר־בענע מענער, און וועגן מענער וואָס יאָגן זיך נאָך זיי נאָך און וועגן מענער, נאָך וועמען זיי יאָגן זיך...

רופט זיך אָפּ איינע, אַ קליינע ווייבעלע מיט אַ רויט געקרויזלטן קאָפּ האָר און מיט אויגן וואָס האָבן נישט גערוט, געשפּרונגען אויף אַלע זייטן :

— איך האָב געהאַט אזוי פיל שאַנסעס. האָב געקענט חופה האָבן נאָך מיט יאָרן צוריק, בין איך אָבער נישט פון די וואָס יאָגן זיך. איך האָב פיינט די גע־כאַפּטע שידוכים אויף האָלידייס. ביי מיר האָט אַ האָלידיי־שידוך די ווערט פון אַ ציבעלע, אַ שישקע — גאָרנישט. איך האָב שוין געזען די גליקן פון אַנדערע אַלמנות, וואָס האָבן כאַפּ־לאַפּ געשטעלט אַ חופה און עס האָט זיך דערפון אויס־געלאָזט אַ בוידעם !

— נו, נישט אַלע שידוכים זיינען גלייך ! — האָט זיך אָפּגערופן אַ ברייטע יידענע, וואָס האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ שטן פון אַ יאַטקע־קלאָץ. — מען דאַרף נישט אוועקמאַכן מיטן האַנט אַלע שידוכים וואָס ווערן געשלאָסן אויף האָלידייס. איך ווייס פון אַלמנות וואָס אַ דאַנק זייער באַקאַנטשאַפט מיט מע־נער אויף האָלידייס, האָבן חתונה געהאַט און גוט געטראָפן.

— עס זיינען פאַראַן אויסנאַמען ! — האָט אַן אַנדער אַלמנה צוגעשטימט.

— נישטאָ קיין אויסנאַמען, איך האַלט זיך ביי מיינס — האָט זיך אָפּגע־רופן די אַלמנה מיטן רויט־געקרויזלטן קאָפּ האָר. — איך רייד פון עקספּיריענס. איר דאַרפט ווּיסן זיין, אז איך פאָר אויף האָלידייס פונעם טאָג ווען מיין זעלי־קער מאַן, ער זאָל זיך מיען פאַר מיר, האָט מיך געלאָזן אליין אַן עלנטע, אַן איינזאַמע, אָן קינדער — ווי אַ שטיין. חוץ וואָס ער האָט מיר איבערגעלאָזט דאָס הויז מיטן מעבל מיט אַ ביסל געלט אין באַנק. איר ווייסט דאָך, מיין מאַן

איז קיינמאָל נישט געווען קיין גביר, ער האָט זיך נישט געיאָגט נאָך רייכטום. ער איז געווען א שניידער — אַ מענער־שניידער. ער האָט לייכט געקאָנט ווערן אַ מאַנופעקטשורער ווי אַנדערע און האָבן א פאַבריק, איז ער אָבער נישט גע־ווען דער מענטש וואָס זאָל זיך יאָגן נאָך געלט. ער איז געווען צופרידן מיט דעם וואָס ער האָט געהאַט. מיר זיינען געווען גליקלעך און מענטשן זיינען אונדז מקנא געווען. אייביק אָבער האַלט דאָס גליק נישט אָן און מיין מאַן איז נעבעך אַוועק צו פרי פון דער וועלט. זינט יענעם פינצטערן טאָג קאָן איך זיך קיין אָרט נישט געפינען, ס׳האָט מיך גענומען יאָגן און טרייבן פון הויז. מיינע באַקאַנטע האָבן גענומען צו מיר טענהן, איך זאָל אוועקפאָרן אַ ביסל — צו־כאַפּן זיך אין דערבן, מיוזנבערג אָדער ערגעץ אנדערשוווּ, דאָס וועט מיר פיל גוטס טאָן, כ׳וועל פאַרגעסן מיין צער און ווייטיק. נו, האָב איך זיי געפאָלגט און כ׳בין געפאָרן. ווי נאָר איך בין אָנגעקומען אין האָטעל אין מיוזנבערג — איך ווייס נישט פון וואַנען מען האָט זיך דערוווּסט אז איך בין אַן אלמנה — האָבן אַלטע און מיטליאָריקע מענער גענומען מיר נאָכקוקן, אנדערע האָבן גע־נומען ריידן צו מיר, זיך חנדלען און שדכנען און דערקלערן, אז זיי זיינען אין מיר פאַרליבט!

— נו, נו, דערציילט ווייטער — האָבן אלע אויסגעשטעלט פאַרווונדער־טע אויגן.

— איר ווילט וויסן וואָס ס׳איז געוואָרן, — האָט זי שטיל געזאָגט, — ס׳איז גאָרנישט געוואָרן! ווי זיי זיינען געוואָר געוואָרן, אז איך בין אַן אָרעמע אלמ־נה, אַ פרוי פון א שניידער וואָס האָט ניט געהאַט קיין פאַבריק און פיל געלט מיר נישט איבערגעלאָזט, האָבן זיי זיך אָפּגעטראָגן!

— נו, זייט איר טאַקע אַ בהמה פון אַ יידענע! — האָט איינע פון די אלמנות זיך אָפּגערופן. — ווער זאָגט דאָס אויס אז מ׳האָט נישט קיין געלט, צו וואָס דערציילן, אז דער מאַן אייערער איז געווען א געוויינלעכער שניידער, וואָס האָט נישט געהאַט קיין פאַבריק און אייך ניט איבערגעלאָזן קיין געלט!

— אָט ווייס איך פון איינע, — האָט די אלמנה פון שניידער זיך אָפּגערופן, — זייער א רייכע אלמנה. איר מאַן איז געווען זייער א רייכער בוי־אונטער־נער, א קאָנטראַקטאָר. ער האָט איר איבערגעלאָזט הייזער, גרויסע אינשורנס־פּאָליסיס און פיל געלט אין באַנק. דאַכט זיך גוט, האַ, אַ רייכע אלמנה? האָט עס נישט געטויגט. ווי אַ מגפה האָבן זיך אראָפּגעלאָזט שידוכים, מענער האָבן זיך געיאָגט נאָך איר, מ׳האָט זי ממש צעריסן! נאָכדעם האָט זיך ארויסגעוויזן, אז די מענער האָבן גאָרנישט געמיינט איר, נאָר דאָס געלט אירע. זי האָט אין אַ קורצער צייט פאַרלוירן אי דאָס געלט, אי די מענער!

— וואָס, זיי זיינען געשטאָרבן? — האָבן אלע מיט באַדויערן געפרעגט.

— נישט געשטאָרבן, זיך אָפּגעטראָגן. ווי נאָר זיי האָבן צעטרענצלט דאָס געלט זיינען זיי פאַרשווונדן ווי אין וואַסער אריין!

— אָט דאָס זיינען די רעזולטאַטן פון די כאַפּ־לאַפּ שידוכים אויף האַלי־דייס! — האָט די רויט־האָריקע אלמנה זיך אָפּגערופן. — ווען איך וואָלט נישט געווען פאַרזיכטיק, וואָלט איך חתונה געהאַט נאָך מיט צען יאָר צוריק, כ׳האָב געהאַט פיל שאַנסעס. אָבער אזוי ווי איך בין נישט ווי אַנדערע אלמנות וואָס יאָגן זיך און האָבן נישט קיין עקספּיריענס, כאַפּ איך נישט. כ׳האָב שוין איינ־מאָל שיעור, שיעור חתונה געהאַט! כמעט צוויי־דריטל באַלד חתונה געהאַט; געווען שוין אַלץ צוגעגרייט, באַשטימט א זמן חתונה. ער איז געווען א מיטל־יאָריקער מאַן, אַ גאַנץ ווילער, האָט ניט געזוכט קיין געלט ווי אַנדערע. פאַר־קערט, ער איז געווען גרייט צו אַרבעטן און מיך אויסהאַלטן. דאַכט זיך אַלץ גוט. נו, האָב איך זיך ארומגעזען, אז עס טויג נישט!

— פאַרוואָס? — האָבן די אלמנות געפרעגט מיט גרויס פאַרוואונדערונג.

— ווייל, — האָט זי טרויעריק געענטפערט, — ווען אלץ איז שוין געווען אַראַנזשירט און איך בין געשטאַנען אונטער דער חופה, דער מסדר־קידושין איז שוין אויך געווען. אלע מיינע קרובים האָבן געוואַרט. נו, וואָס דענקט איר האָט פּאַסירט? דער פאַרדאָרבענער פאַרשוין איז נישט געקומען!...

— מיינע א שכנה, אויך אַן אַלמנה, האָט גראדע געטאָן א גוטן שידוך — האָט געזאָגט איינע פון די גרופּע אלמנות. — זי האָט ערגעץ אויף אַ האָלידיי אין אַ האָטעל זיך באַקענט מיט אַ מאַן, דאַכט זיך אין דערבן איז דאָס געווען. זי איז שטאַרק פאַרליבט אין דערבן, זי טוט שוין דעם פירטן שידוך פון יענער שטאָט. מיטן פירטן שידוך האָט זי אָבער נישט אזוי גוט געטראָפן. דאָך באַ־רימט זי זיך, אז אַזאַ מאַן ווי זי האָט דאָרטן דעם לעצטן מאָל געטראָפן, איז גאָרנישט צו געפינען. מען זאָל אויסזוכן די גאַנצע וועלט וועט מען אזא מאַן ניט געפינען. דאָס האָט זיך טאַקע ארויסגעוויזן פאַר אמת: ס׳איז טאַקע שווער אים צו געפינען... זי זוכט אים און אויך די פּאָליציי זוכט אים און מען קאָן אים נישט געפינען!...

— אז איר דערמאָנט שוין פּאָליציי, — רופט זיך אָפּ די רויט־האָריקע אלמנה, — מוז איך אייך דערציילן, אז אויך איך בין געפאַלן אַ קרבן פון אזא מאַן, אַ זשוליק. נישט אין דערבן, נאָר אין פּאָרט־עליזאַבעט איז דאָס געווען. איך האָב אים דאָרטן ערגעץ אין אַ האָטעל געטראָפן. אויפן ערשטן בליק האָט ער זיך אין מיר פאַרליבט. אינטערעסאַנט, אַלע הולטייעס פאַרליבן זיך אויפן ערשטן בליק! אָבער אזוי ווי איך בין א פאַרזיכטיקע, זאָג איך צו אים:

— יונגערמאַן, ווערמען בלאָפט איר. וואָס האָקט איר מיר אַ טשייניק מיט ליבע־שמיבע! איך קאָן זיך אויף די זאַכן, איר האָט נישט געטראָפן דעם אָרט!

האָט ער זיך גענומען בעטן: ער מיינט עס ערנסט. האָב איך אים געזאָגט, אז ער מיינט אוודאי אז איך בין א רייכע אלמנה און האָב געלט. זאָגט ער אז ער מיינט נישט מיך געלט, נאָר מיך — ער איז פארליבט אין מיר, אין מיינע אויגן, אין מיינע האָר, אין מיין פיגור, אין מיין אַרט ריידן. ער זוכט נישט קיין געלט, ער וויל מיך!

— איז דאָך גוט! — האָבן אַלע ווייבלעך אויסגעשריען, — דערציילט ווייטער, — האָבן זיי געבעטן. און די רויט־האָריקע אלמנה האָט פאָרגעזעצט:

— איין טאָג האָט ער מיך געבעטן גיין מיט אים אין קינאָ. אין קינאָ האָט ער געוואָלט ארויסווייזן זיין גרויסע ליבע צו מיר, האָב איך אים אָפּגעהאַלטן. ער האָט אָבער נישט געקאָנט זיצן רואיק, כסדר באוועגט מיט זיינע הענט און זיך אַלץ נענטער צו מיר צוגערוקט... פלוצלינג האָב איך אין דער פינצטער דערפילט זיינע הענט, און ווייסט איר ווו ער איז געקראָכן? — צו מיין האַנט־בייטל. ער האָט ארויסגעצויגן מיין בייטעלע געלט און אין דער שטיל גענומען זיך אָפּרוקן. איך האָב אויפגעהייבן אַ גוואַלד. באַלד האָט זיך אָנגעצונדן די עלעקטרישע ליכט אין זאַל. דער פאַרשוין האָט געזוכט אַ וועג צו אנטלויפן, אָבער אַ שטאַרקער און פלינקער מאַן האָט אים אָנגעכאַפּט פאַרן גאַרגל. באַלד איז אויפן אָרט אויסגעוואַקסן אַ פּאָליציימאַן, האָט אים אָנגעטאָן קייטלעך אויף די הענט און אים ארויסגעפירט פון זאַל. פון דאַן אָן גלויב איך נישט מער אין די האָלידיי־שידוכים!...

מיוזנבערגער דאַטשע

עס איז ששון ושמחה אין מיוזנבערג. יידן פון אלע עקן לאנד פון מדינת אפריקע זיינען דאָ געקומען, האָבן פארכאַפּט דאָס שטעטל, די האָטעלן, די הייזער, פלעטס און גאַסן ממש. מען זעט דאָ מער יידן אין די גאַסן, ווי אין די האָטעלן. מען האָט עס מיר דערקלערט: ס'איז דערפאַר ווייל אין די האָטעלן און אין די הייזער איז מען געפּאַקט ווי הערינג אין פעסער — שווער דאָרטן צו אָטעמען. דערפאַר איז מען אין דרויסן, ווו עס איז לופטיקער, גרוימער, פרישער און באַקוועמער.

מען זעט טאַקע ווי די שמאָלע און אויסגעקרומטע געסלעך פון מיוזנבערג זיינען ענג מיט מענטשן, ווייבער, מענער — יונג און אַלט. און קומט מען ארויף אויף דער פלאַזשע, איז קוים צו געפינען אַן אָרט. מען זיצט דאָ אזוי צונויפגעפּרעסט, אַ פּלייצע צו אַ פּלייצע. דער טומל איז דאָ גרויס נישט נאָר אין די

האָטעלן, נאָר אויך ביים ים, אז עס איז פשוט שווער צו הערן דעם רויש פון ים...

אָבער ווער עס האָט אַ גוט אויער, קאָן דאָ הערן א סך. מען הערט דאָ אזעלכע מעשיות, וואָס מען האָט זיי אמאָל געלייענט אין דער אלטער היים אין מעשה־ביכלעך. מען הערט דאָ פיל רכילות און בארימערייען. יידן קבצנים באַרימען זיך אז זיי פאַרמאָגן קורח׳ס אוצרות, און דווקא די רייכע יידן הערט מען ווי זיי קלאָגן דאָ, כאָטש לאָזט זיך ארויס איבערן שטעטל מיט אַ רויטער פאַטשיילע פאר זיי קלייבן...

דאָס שטעטל, וואָס אַ גאַנצן יאָר ליגט איינגעדרימלט אין אַ לעטארגישן שלאָף, וואַכט אויף מיט אמאָל, ווען די פרעמדע יידן, די וויזיטאָרס לאָזן זיך אַהער אראָפּ. און נישט נאָר דאָס שטעטל וואַכט אויף, אויך אירע איינוווינער וואַכן פלוצלונג אויף, האָבן אָפענע אויגן מיט גרויסע פאַרלאַנגען — זיי פאַר־לאַנגען וואָס מער און מער פון די אריינגעפאָרענע יידן אין שטעטל, וואָס האָט דאָס גליק צו האָבן א שטילן ים, א שיינע נאַטור־לאַנדשאַפט מיט בערג, וואָס שטייען און היטן דאָס שטעטל, אז קיינער זאָל עס נישט אוועקגנבענען. די פלאַזשע דאָ איז א זיכערע מיט איר ים־ברעג, ווו די שטילע שוימענדיקע כוואַ־ליעס קומען ארויס און גלעטן די נאַקעטע קערפּערס.

פאַר קיין וואַל־פיש און שאַרקס שרעקט מען זיך נישט אין מיוזנבערג. אויב מען שרעקט זיך דאָ, איז דאָס פאר אנדערע עקסידענטן: פארן איבערעסן זיך אָדער פארן רייסן הויכע פרייזן אין די האָטעלן. אָבער די באַלעבאַטים פון די האָטעלן האַלטן, אז וויפל זיי רעכענען, איז אַלץ נישט גענוג. זייער חשבון איז אזא: פאר די 2—3 וואָכן וואָס אַ מענטש שטייט ביי זיי, דארפן זיי דאָך לעבן דערפון אַ גאַנצן יאָר...

אין איין האָטעל האָט צווישן צוויי וויזיטאָרס אויסגעבראָכן אַ קריג: זיי האָבן „געשערט" איין צימער, האָט איינער פאַרלאַנגט אז די פענצטער זאָלן זיין אָפן, ווייל ס׳איז אים הייס. האָט דער אַנדער וויזיטאָר נישט געלאָזט עפענען דעם פענצטער, מחמת ער איז צוגעקילט. איז געקומען צו אַ מלחמה. דער בעל־הבית האָט זיך אריינגעמישט און זיי באַרואיקט. נישטאָ וועגן וואָס זיך ארומצוקריגן, האָט ער געזאָגט, די פענצטער האָבן סיי ווי נישט קיין שויבן...

איינער א ייד האָט זיך באקלאָגט פארן אייגנטימער פון האָטעל, ווו ער איז איינגעשטאַנען, אז אינדערפרי איז אוממעגלעך צו נעמען אַ באָד, ווייל דאָס באָדע־צימער איז פול מיט פליגן. האָט אים דער אייגנטימער גע׳עצה׳ט צו נעמען אַ באָד מיטאָג־צייט, ווען די פליגן זיינען אין זאַל ווו מען עסט...

פאראן דאָ פיל כשרע האָטעלן, אָבער מען שמועסט אז די פרייזן זיינען נישט אזוי כשר. אין פיל האָטעלן „דאַונט" מען, דאָ איז זייער לייכט צו קריגן אַ מנין — צו קאָרטן. זעט מען טאָקע ווי יידן קאָרגן נישט קיין צייט און אויך

נישט קיין געלט און שפילן. מען שפילט טעג און נעכט. אויב יידן קאָנען זיך דערלויבן צו שפילן אהיים, איז דאָס פאר זיי אויף האָלידיי נאָך מער באקוועמער און ליבער.

יידן זיינען צופרידן מיט מיוזנבערג און ווינטשן זיך נאָך פאר אַ סך, א סך יאָרן דאָ קומען און געניסן פון דער געזאַלצענער ים־לופט און פון די געזאַלצענע און געפעפערטע מאכלים און האָבן כוח צו צאָלן די פאַרלאַנגטע געזאַלצענע פרייזן...

האָלידיי־גליקן...

זיצנדיק אויף דער פלאַזשע און באַוואונדערנדיק דעם ים מיט דער ארומי־קער שיינער פּאַנאָראַמע, האָט איך פלוצלונג דערהערט ווי עמעצער רופט מיך:

— האַלאָ! דאַכט זיך אַ באַקאַנטער ייד.

איך האָב דערזען פאַר זיך אַ קורץ געוואַקסענעם ייד מיט אַ פּנים פון אַ היימישן גלח. איך האָב אים קורץ געענטפערט:

— אַ היימישער? מעגלעך!

דער ייד האָט זיך צוגעזעצט לעבן מיר און געפרעגט:

— דאַכט זיך, איר זייט פון פאָרט־עליזאַבעט?

— נישט געטראָפן.

— פון איסט־לאָנדאָן?

— אויך נישט.

— פון דער קייפּ?

— נישט פון דער קייפּ.

— פון דורבאַן?

— אויך נישט.

— פון וואַנען זייט איר?

— פון יאָהאַנעסבורג.

— טאַקע, אַ יאָהאַנעסבורגער? איך קאָן יאָהאַנעסבורג ווי מיינע צען פינ־גער. קאַרגע דריי יאָר געוווינט אין יאָהאַנעסבורג. זאָגט מיר דעם אמת, איר גלייכט יאָהאַנעסבורג? — איך נישט. ס׳איז אַ ווילדע שטאָט, נישט אזוי די שטאָט ווי די מענטשן. מען יאָגט, מען פליט — אַ ווילדער געיעג. איך האָב געהאַט אַ קוזין אין יאָהאַנעסבורג איז ער פון דער יאָגעניש און לויפעניש צו 38 יאָר געשטאָרבן... א שוועסטער מיינע האָט דאָרטן געוווינט קאַרגע 3 יאָר.

אַ גליק וואָס זי איז ארויס, ווען נישט וואָלט זי דאָרטן אויך געפּטרט איר לעבן!...

דער ייד האָט גערעדט האַסטיק, אָן אָטעם, און ווען איך האָב צו אים קיין גרויס אינטערעס נישט ארויסגעוויזן, איז ער אוועק.

מיטאָג־צייט דערזעט ער מיך אין האָטעל, און קומט באַלד צו מיין טישל:

— נו, ווי גייט עס. איך זע איר בייסט צו — עסט געזונטערהייט. אז מען קומט אויף האָלידיי דאַרף מען עסן. די לופט און דער ים שאַפט א גוטן אַפּעטיט. פאָלגט מיך, עסט פיל גרינוואַרג, פרוכט — ס'איז געזונט פאַרן קערפּער, פאַרן מאָגן, פאַר די נערוון. טרינקט אַ סך וואַסער, עס איז א היילונג פאַרן מענטשן. איך האָב אַן איידעם אַ דאָקטאָר, עצהט ער טרינקען אַ סך וואַסער!

איך האָב זיך אויפגעהויבן, איבערגעלאָזט דאָס עסן און אוועק. איך האָב זיך אויסגעהיט נישט צו טרעפן אים מער. אָבער אויף מאָרגן, ארויסקומענדיק פון ים — ער איז ווידער דאָ:

— אַ גוטן מאָרגן! וואָס מאכט מען, אָפּגעבאָדן זיך? איר האָט טאַקע גוט געטאָן, ווייל באָדן זיך איז זייער געזונט — גוט פאַרן קערפּער, פאַר די נערוון, מאכט אפּעטיט. דאָס באָדן איז אַ היילונג פאַרן גוף, פאַר דער נשמה, פאַר אַלע אברים. כ'האָב געלייענט ערגעץ אין א דאָקטאָרישן בוך, ווו עס ווערט געזאָגט, אז מענטשן וואָס באָדן זיך פילן זיך יינגער, געזינטער, מונטערער און לעבן לאַנג!

צו אָוונט־ברויט איז ער ווידער צו מיר צוגעקומען:

— גוט אָוונט! איך זע, איר עסט שוין ווידער. זייט פאָרזיכטיק, ס'איז נישט קיין געזונטע געוווינהייט דאָס עסן. די וואָס עסן א סך זיינען קראַנק, ליידן פיל. פאָלגט מיך עסט נישט די זופּ, ס'איז נישט געזונט. זעט, אייער שכן עסט אויך נישט קיין זופּ. איר האָט באַשטעלט פיש? ווייסט איר נישט אז פיש איז שעדלעך פאַרן מאָגן, פיש פאַרמאָגט אין זיך גיפטיקע באַצילן פון ים. פאָלגט מיך און לאָזט אויס די פיש. עסט אויך נישט קיין סאַלאַט, פארזוכט עס נישט אפילו! איך זע מען טראָגט פליייש — רירט דאָס נישט אָן. אין די היצן איז פליייש סם! איר האָט דאָך אוודאי געלייענט אין די צייטונגען וועגן די גיפטיקע באַצילן אין די בהמות?

איך האָב פאַרלוירן דעם אפּעטיט. כ'האָב גענומען אַ גלאָז וואַסער צו טרינקען, האָט ער מיך אָפּגעהאַלטן און געזאָגט:

— טרינקט נישט קיין וואַסער. אַלע אומגליקן קומען פון וואַסער, בפרט פאַר דיקע מענטשן ווי איר. פון וואַסער קריגט מען שמאַלץ, פון שמאַלץ קריגט מען פעטץ, און פון פעטץ ווייסט איר דאָך שוין וואָס מען קריגט!...

איך האָב אלץ געלאָזט שטיין און אוועק פון טיש. איך בין דעם יידן געוואָרן אַ שונא, און זיך געפרעגט: וואָס האָט ער זיך אָנגעלייגט אויף מיר?

עטלעכע טעג בין איך געזעסן אין מיין צימער. די זון האָט געברענט אין דרויסן און אין צימער איז געווען הייס און דושנע. איך האָב אָבער מורא געהאַט ארויסצוגיין, טאָמער טרעף איך ווידער דעם נודניק. אויפן פערטן טאָג בין איך אוועק צום ים און זיך צוגעלייגט אויפן זאַמד. די פּלאַזשע איז געווען געפּאַקט מיט מענטשן, יונג און אַלט — זיי זיינען געלעגן און זיך געברענט פון דער זון. פון צווישן עולם דערזע איך, ווי דער ייד שטופּט זיך און דערנענטערט זיך צו מיר:

— כ׳האָב אייך געזוכט אין האָטעל! — האָט ער געזעדט אין איין אָטעם, — כ׳האָב פארשטאַנען אז איר זייט דאָ. העי, וואָס טוט איר, ווי ליגט מען עס אונטער א ברענענדיקער זון?! איר וועט דאָך פארשרפט ווערן! ווייסט איר דען נישט ווי שעדלעך עס איז די זון פאַרן קערפּער, פאַר די נערוון?!

איך האָב זיך אויפגעהויבן, פארשטעלט די אויערן און בין אנטלאָפן.

עטלעכע טעג האָב איך אים נישט געזען. געמיינט האָב איך ער איז אוועק־געפאָרן, פּטור געוואָרן פון אים. אָבער איינמאָל אין דערפרי, איך קום ארויס פון וואַסער — ער איז דאָ:

— גוט מאָרגן! — רופט ער הויך אויס — איר האָט זיך אויסגעבאָדן? נו, זאָל אייך זיין צו רפואה! ווען איר פאָלגט מיך, באָדט איר זיך נישט — אַ מציאה דאָס באָדן. ס׳איז נישט וויכטיק און ס׳איז אויך נישט געזונט. איר ווייסט גאָרנישט מיט וויפל געפאָרן מען איז אויסגעשטעלט. אָט איז יענעם טאָג איי־נער ארויסגעקומען פון ים מיט א געשוואָלענעם פּוס, געשוואָלן ווי אַ קלאָץ. ער איז געגאַנגען צו די גרעסטע דאָקטוירים, און דער סוף איז געווען מען האָט אים ארונטערגענומען דעם פּוס! — — —

עטלעכע טעג האָב איך געהאַט רו. כ׳האָב דעם ייד נישט געזען. איך בין געווען זיכער אז ער איז אהיימגעפאָרן. שפּעטער האָב איך זיך דערוווּסט, אז ער ליגט אין צימער, אין בעט. ער האָט קדחת מיט היץ, וואָס איז אים געקומען פון צופיל זיך איבערעסן און פון ברענען זיך אויף דער זון...

כשרע האָטעלן...

אויף האָלידיי ביים ים זיינען געזעסן אַ גרופּע מענטשן און געשמועסט. און וועגן וואָס רעדט מען אויף האָלידיי? — וועגן האָטעלן, וועגן אכילה און אַזוי ווייטער.

באַקלאָגט זיך אַ פרוי:

— אין מיין האָטעל הערט מען נישט אויף שטאָפּן אָן אויפהער און אָן אַ סוף מיט פיש. פיש צו פרישטיק, צו מיטאָג און אָוונט־ברויט. געהאַקטע, גע־מאָלענע, געקאָכטע, געפּרעגלטע, געבראָטענע און געבאַקטע פיש. זיסע, זויע־רע, הייסע און קאַלטע, געזאַלצענע און געפּעפּערטע — פיש און פיש, אַז עס קריכט שוין פון האַלדז!

רופט זיך אָפּ אַ ייד:

פיש איז גאָר נישט אַזאַ שלעכט מאכל! דאָקטוירים זאָגן, אַז ס'איז געזונט צו עסן פיש — געזינטער ווי עסן אָקסענע לעבער, וואָס איז האַרט ווי לעדער, וואָס אין אונדזער האָטעל סערווירט מען עס צו יעדן מאָלצייט. פריער גיט מען אייך געקאָכטע לעבער, דערנאָך געבראָטענע און געבאַקענע לעבער. נאָך דעם ווערט פון דעם לעבער אַ ביפשטיק. און אַז עס בלייבט איבער, מאַכט מען דערפון געהאַקטע און געמאָלענע לעבער. מען שטאָפּט אייך אָן מיט לע־בער, ביז עס נעמט דריקן און שטיקן אונטערן האַרצן און עס פאַרקלעמט אייך אונטער דעם לעבער!...

רופט זיך אָפּ אַ צווייטע פרוי:

— לויט ווי מיר איז באַקאַנט איז לעבער גראָד געזונט צו עסן. דאָקטוירים ווייזן אָן, אַז לעבער גיט דעם מענטש קרעפטן און בלוט. איך ווייס פון קראַנ־קע און שוואַכע מענטשן, וואָס דאָקטוירים קורירן זיי מיט לעבער.

— לאָזט אָפּ מיט אייער פילאָסאָפיע, — מישט זיך אריין אין געשפּרעך אַ רויט־האָריקער ייד. — אַ נייע דערפינדונג אַנטדעקט — קורירן מיט לעבער! וואָס אַ יידענע רעדט! זייט וויסן, איך בין געווען אַ קצב און ווייס וואָס לעבער איז: פאַרקויפט מען אייך לעבער, זאָגט מען אייך, אַז ס'איז שעפּסענע לעבער, קעלבערנע לעבער אָדער גאָר הינערשע, און אין דער אמתן רוקט מען אייך אונטער אַ שטיק לונגן־לעבער, וואָס איז מער לונג ווי לעבער. אָפּט איז דאָס פאַרהאַרטעוועטע אָקסענע אָדערן!...

— נו, און אז איר זייט געווען אַמאָל אַ קצב, — רייסט אים איבער די פריערדיקע פרוי, — זייט איר שוין אַזאַ גרויסער מבין אויף לעבער? ס׳איז נישטאָ ווער עס זאָל לאַכן!

— נישטאָ וואָס צו לאַכן, — רופט זיך אָפּ דער רויט־האָריקער ייד. — איר געדענקט יענעם טאָג האָט איר זיך באַקלאָגט, אז ס׳האָט אייך פאַרשאַדט דער צימעס?! נו, פון וואָס אַ שטייגער מיינט איר מאַכן זיי דעם צימעס? טאַקע פון אָט די פאַרהאַרטעוועטע אָקסענע אָדערן. זיי צעמאָלן און צערייבן עס, פאַרבראָקן מיט שאר־ירקות, פאַרשלייערן עס מיט זיס און זויערס. איר כאַפּט זיך צו צו דעם — און שפּעטער קרענקט איר!

— נו, איז וואָס דען איז דאָ צו עסן אין די האָטעלן? — פרעגט אַן אַנדער ייד. — פיש טויג נישט, לעבער אוודאי נישט, צימעס אויך נישט — איז וואָס זשע עסט מען?

— כ׳ווייס, — רופט זיך אָפּ אַן אַנדער פרוי, — מען עסט אַ שטיקל פליישׁ, אַן איי, אַ שטיקל הון. עס פעלט דען וואָס צו עסן? ס׳זאָל נאָר זיין געזונט און כוח צו עסן, ווי ס׳איז דאָ וואָס צו עסן!

— אָט דאָס איז דאָך די צרה, — זאָגט דער רויט־האָריקער ייד, — פון וואָ־נען מיינט איר פאַרלירט מען די כוחות און געזונט? אָט טאַקע פון עסן די אַלע חזירייען וואָס איר רעכנט דאָ אויס! דאָס פליישׁ איז קיין פליישׁ ניט, נבלה איז דאָס; הון איז קיין הון ניט. הינער וועט מען אייך געבן? — ווילדע פייגל סער־ווירט מען אייך! און פון די אייער וואָס מען גיט אייך פּילט מען דעם גערוך אויף דער צוועלפטער גאַס!...

— לויט אייערע רייד, — רופט זיך אָפּ די פריערדיקע פרוי, — קומט אויס צו שלינגען לופט. איר מאַכט אַלץ צו גאָרנישט. קיין זאַך איז ניט גוט פאַרן געזונט!

— ניין, איך זאָג דאָס נישט! — האָט זיך אָפּגערופן דער רויט־האָריקער ייד, — ס׳איז ניט די שולד פון דאָס עסן, נאָר פון די וואָס קאָכן עס. מען דאַרף וויסן וואָס צו קאָכן און ווי צו קאָכן כדי עס זאָל נישט פאַרשאַדן. אַ מאָגן איז נישט געמאַכט פון שטאָל און אייזן און קאָן ניט פאַרדייען קלאָטשע מיט שפּע־נער! אין מיין האָטעל ווו איך שטיי איין האָט מיר נאָך קיינמאָל ניט פאַרשאַדט דאָס עסן. איך האָב דאַרט נאָך ניט פאַרדאָרבן דעם מאָגן אָדער קראַנק גע־וואָרן. מען דאַרף וויסן ווו צו איינשטיין, אין וואָס פאַר אַ האָטעל. און דער עיקר — מען דאַרף וויסן וואָס צו עסן!

— אין וואָס פאַר אַ האָטעל שטייט איר איין? — האָבן אַלע געפרעגט. — וואָס א שטייגער גיט מען אין אייער האָטעל צו עסן?

— איי, וועגן מיין האָטעל איז אַ סך צו ריידן. אָבער איך האָב איצט ניט קיין צייט אויסצורעכענען אַלץ, וואָס מען גיט דאָרטן נישט צו עסן, ווייל איך אייל זיך צו גיין אין אַ רעסטאָראַן עפּעס צוצובייסן. איר דאַרפט אָבער פאַר־שטיין, אַז די סיבה וואָס קיין עסן האָט מיר ניט פאַרשאַדט איז דערפאַר וואָס אין מיין האָטעל גיט מען עסן קדחת מיט כשרן פאָדעם — פּשוט, אין האָטעל ווו איך שטיי איך הונגערט מען!...

זיי טאָרן נעבעך ניט עסן...

צוויי שוואַכע יידן נעבעך האָבן אויף וואַקאַציע זיך צורעדט:

— נישט פאַר אייך געדאַכט לייד איך פון צוקער!

— און נישט פאר אייך געדאַכט האָב איך אַ שוואַך האַרץ, שוין געהאַט דריי אַטאַקעס!

— און איר מיינט אז מיין האַרץ איז אזוי גוט? אויך אַ שברי כלי!

— אַ חוץ מיין שוואַך האַרץ האָב איך אַ הויכן בלוט־דרוק!

— ווי גייט איר אָן מיטן עסן?

— מיטן עסן איז טאַקע גאָרנישט גוט. אָבער אויף האָלידיי קוקט מען אביסל אַוועק. דער דאָקטאָר זיצט נישט מיט מירביים טיש און זאָגט מיר נישט וואָס יאָ און וואָס נישט צו עסן!

— דאָס איז טאַקע נישט גוט. ס'איז דאָס זעלבע מיט מיר.

— וואָס זשע, איר עסט דען נישט?

— ווער זאָגט איך עס נישט, אָבער איך עס נישט וואָס איך דאַרף עסן!

— וואָס דאַרפט איר עסן?

— איך דאַרף עסן פאַר 6 ראַנד אַ טאָג.

— און איך דאַרף עסן פאַר 3 פונט אַ טאָג.

— דריי פונט געוויכט?

— ניין! פאַר דריי פונט — מיך קאָסט 3 פונט אַ טאָג אין האָטעל.

— אויב אזוי דאַרף איך עסן פאַר 5 פונט. מיר קאָסט 5 פונט אַ טאָג.

— נו, עסט איר דען פאַר פינף פונט?

— גאָר! אָט וועט מען אייך געבן עסן פאַר פינף פונט. איך ווייס נישט צי איך עס אויף פאַר דריי פונט אַ טאָג.

— און איך ווייס נישט אויב איך עס פאַר צוויי פונט אַ טאָג.

— דער אַפּעטיט איז דאָ גוט, עס פילט זיך צו עסן, בפרט ווען עס קאָסט אזוי פיל געלט.

— איז עסט מען!

— ווי קאָן מען עסן?

— איר האָט מורא פאַרן דאָקטאָר?

— ניין, פאַרן דאָקטאָר האָב איך נישט קיין מורא — ער איז דאָ נישטאָ. איך האָב מורא פאַרן האָטעל־קיפּער. ער שטייט כסדר ביים טיש הינטער מיינע פּלייצעס און ער וואַטשט מיך!

— פּונקט דאָס זעלבע מיט מיר. אויך מיר היט די בעל־הביתטע פון האָ־טעל, איך זאָל נישט עסן אַן איבריקן ביסן!

— זי ווייסט דען אז איר טאָרט נישט עסן?

— ניין, זי ווייסט נישט. זי היט אירס. איר איז טייער יעדן ביסן וואָס איך עס.

— מיט מיר איז ערגער. מיין האָטעל־קיפּער שטייט איבער מיר און האַלט מיך צו, לאָזט מיך נישט עסן: ער ווייסט אז איך טאָר נישט עסן — היט ער מיך.

— דאָס זעלבע איז מיט דער בעל־הביתטע פון מיין האָטעל. עמעצער האָט איר געזאָגט, אז איך דאַרף זיין געהיט מיטן עסן — היט זי מיך!

— האָב איך פאַר אייך אַן עצה. טוט דאָס זעלבע, וואָס איך טו!

— וואָס טוט איר?

— איך עס אין רעסטאָראַנען און אין קאַפעען.

— איך טו אויך אזוי. איך כאַפּ אריין א שטיק אינדיק אין אַ רעסטאָראַן און אַ געבראָטענע קאַטשקעלע אין אַ קאַפע!

— קאַטשקע און אינדיק עס איך נישט, ס׳איז פאַר מיר שווער!

— אז מען פאַרטרינקט נאָכדעם אַ לעמאָן־טיי, איז נישט שווער.

— נישט דאָס מיין איך. איך מיין, עס איז פאַר מיר שווער צו צאָלן פינף פונט אַ טאָג אין האָטעל און באזונדער צאָלן אין רעסטאָראַן.

— וואָס זשע טוט איר?

— איך קויף אונטער דעם ווייטער, דערלאַנגט ער מיר גרעסערע פאַר־ציעס און כ׳זע שוין, אז איך זאָל נישט פאַרלירן פיל!

— וואָס, געוויכט?

— חלילה! געלט.

— און אז איך גיי אין אַ רעסטאָראַן עסן, מיינט איר וועל איך לאָזן מיין פּאָרציע אין האָטעל אויף הפקר? ווען איך עס נישט ביים טיש, נעם איך מיר דאָס ארויף אין מיין צימער.

— איך וואָלט אויך אזוי געטאָן, אָבער איך „שער" אַ צימער מיט נאָך איינעם.

— און איר מיינט אז איך האָב אַ צימער פאַר זיך? איך „שער" אויך מיט נאָך צוויי יידן. גאַנץ ווילע מענטשן. זיי זיינען מיך אלעמאָל מכבד מיט טשאָקאָלאַדע און באַנאַנעס.

— מיט דעם וואָס איך שטיי אין צימער איז מיך קיינמאָל נישט מכבד מיט קיין זאַך. נו, נעם איך אליין און בייס צו.

— ווען נישט מיין שוואַך האַרץ מיטן צוקער, וואָלט איך אויך גוט צוגעביסן.

— און ווען נישט מיין שוואַך האַרץ מיטן בלוט־דרוק, וואָלט איך איצט זיך באַשטעלט אַ גוטן סטעיק מיט עטלעכע אייער...

— פאָלגט מיך און באַשטעלט, באַשטעלט טאָפּל, וועל איך אויך צובייסן!...

געוואַלד נודניקעס...

אַמאָל האָבן נודניקעס אויף וואַקאַציע מיך פאַרנודיעט מיט אָן א שיעור קלאָץ־קשיות, וואָס האָבן מיך שיעור נישט דערפירט צו אַ נערוון־דערשיטערונג. קשיות וואָס נאָר נודניקעס זיינען פעאיק צו פרעגן, אויף וועלכע דער גרעסטער חכם איז נישט בכוח צו ענטפערן.

אזוי, למשל, האָט איין נודניק מיך געפרעגט — און ער מוז דאָס געוויסן, — וויפל שטערן עס געפינען זיך אין הימל און וואָס די שטערן טוען ביי־טאָג... ער איז אויך שטאַרק נייגעריק צו וויסן, צי די לבנה איז אַן ער, אָדער אַ זי? און אויך וויל ער וויסן, פאַרוואָס פאַרליבטע פאָרלעך קוקן אויף די שטערן, אויף דער לבנה און נישט אויף דער זון אָדער ערד? ער וויל אויך וויסן פאַרוואָס עס איז טאָג און פארוואָס עס איז נאַכט? פארוואָס עס איז זומער און פארוואָס עס איז ווינטער? פארוואָס עס רעגנט און פאַרוואָס עס האָגלט? פאַרוואָס שיינט די זון און פארוואָס בלאָזט דער ווינט? און וואָס טוט דער ווינט, ווען ער בלאָזט נישט. פארוואָס מענטשן האָבן חתונה און פארוואָס זיי גטן זיך? פאַרוואָס ווערן מענטשן געבוירן און פאַרוואָס שטאַרבן זיי? איך זאָל אים אויך זאָגן גענוי וויפל מענטשן עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט — וויפל מענער און וויפל פרויען? ער וויל אויך וויסן וויפל מענטשן עס זיינען געבוירן געוואָרן זייט די וועלט איז אַ וועלט, און וויפל עס זיינען געשטאָרבן?

און צי די טויטע מענטשן ליגן די גאַנצע צייט אין דער ערד, אָדער זיי זיינען אין הימל? צו זיי בענקען צו דער וועלט, צו די מענטשן און ווילן ווידער לעבן, אָדער זיי זיינען צופרידן אז זיי לעבן נישט און זיינען פּטור געוואָרן פון די מענטשן מיט דער וועלט און צו אויף יענער וועלט דאַרף מען געלט און צי מען קען קריגן אַ גמילות חסד? און איך מוז אים אויך זאָגן, אויב אויף יענער וועלט עלטערט מען זיך אויך, אזוי ווי מען עלטערט זיך אויף דער וועלט.

איינע אַ פרוי האָט מיך גענומען מוטשען מיט פראַגן: צי ס׳איז אמת וואָס מען זאָגט, אז אויף יענער וועלט איז די קליידער מאָדע פּונקט אזא ווי אויף דער וועלט, און צי ס׳איז כדאי מיטצונעמען דאָרטן די צירונג, וואָס זי האָט. זי האָט זייער טייערע צירונג, זאָגט זי. און אויב מען קאָן יאָ מיטנעמען, וואָלט זי אויך געוואָלט מיטנעמען איר פוטערוואַרג — זי האָט צוויי טייערע פוטער־מאַנטלען וואָס זי האָט איינגעהאַנדלט אין פּאַריז, ווען זי איז דאָרטן געווען פאַר אַ לוסט־רייזע. זי וואָלט אויך וועלן וויסן, אויב אויף יענער וועלט טרעפט מען זיך מיט באַקאַנטע. זי וואָלט געוואָלט טרעפן דאָרטן איר שכנה, וואָס קומט איר אַ חוב, און אויב זי קען דאָרטן פון איר איינמאָנען דעם חוב? זי וואָלט אויך געוואָלט וויסן, צי זי איז באַרעכטיקט צו מאָנען פאַרן געלט פּראָצענט. שוין מער ווי אַכט יאָר ווי זי קומט איר דעם חוב. זי וויל אויך וויסן צי ס׳איז היים אויף יענער וועלט — אויב יאָ, וועט זי מיטנעמען אַ פעכער... און אויב ס׳איז אמת, אז פאַר נישט אויפפירן זיך דאָרטן מענטשלעך, ווערט מען פאַרשיקט אין אַלע וויסטענישן ווו קיין לעבעדיקער מענטש איז נישטאָ...

איך האָב איר געוואָלט זאָגן, אז גאָט צו דאַנקען ווייס איך גאָרנישט וואָס צו זאָגן וועגן יענער וועלט, ווייל איך געפין זיך נאָך אויף דער וועלט. נאָר איידער איך האָב באַוויזן אויסצורײדן אַ וואָרט, האָט זיך אריינגעמישט איינער אַ דאָק־טאָר און זיך אָפּגערופן:

— איר רעדט דאָך אַלע ווי וויסטע פינצטערלינגען! איר פּלאַפּלט אַלע נישט געשטויגענע רייד. איר זאָלט וויסן זיין, אז ווען איינער גייט אוועק, גייט ער אַוועק און ער פילט אפילו נישט צי ער גייט! ער שלאָפט זיך אַ רואיקן שלאָף. ער איז פּטור פון אַלע זיינע צרות. ער דאַרף שוין מער גאָרנישט: נישט קיין רייכטום, נישט קיין געלט, נישט קיין געליבטע און נישט קיין פריינד. ער איז מער קיינעם נישט מקנא און האָט מער נישט קיין שונאים. ער דאַרף אפילו נישט אָנקומען צו קיין דאָקטוירים. ער דאַרף מער נישט קיין רעצעפּטן מיט קיין אָפּעראַציעס. ער ווערט פּטור פון אַלץ, אַלץ — אפילו פון נודניקעס...

אַ האָלידיי אין דער היים

איינער האָט זיך באַרימט פאַר זיין פריינד:

איך האָב אַמאָל, אין ברענענדיקן האָלידיי־סעזאָן, געמוזט בלייבן זיצן אהיים. מיין לאַנג־יאָריקע טראַדיציע צו פאָרן אויף האָלידיי איז צוליב פאַרשיי־דענע סיבות מיר צעשטערט געוואָרן. איך האָב זיך אָבער דערפון נישט גע־נומען שטאַרק צום האַרצן, ווייל אז מען וויל קען מען אהיים אויך פטרן געלט און מען קאָן אויך פאַרמאַטערט ווערן, פונקט ווי אויף די האָלידיי־פּלעצער.

מיינער אַ לאַנדסמאַן האָט מיך געטרייסט און געזאָגט: אז מען האָט שכל קען מען אהיים האָבן מער רו און בעסער זיך פאַרברענגען ווי אויף האָלידייס. מען דאַרף נאָר וויסן — האָט ער מיר דערקלערט — ווי זיך צו פירן און ווי איינצושטעלן די היים־זיצנדיקע האָלידיי־רוטין.

אז מען פאָרט נישט אויף האָלידיי, האָט מיין לאַנדסמאַן געזאָגט, האָט מען צייט, מען קוקט זיך ארום און מען זעט וועלכע ווייבל פון די שכנים זיצט אליין אהיים. דעמאָלט איז געוואונטשן זיך אריינצוכאַפּן צום שכנס ווייבל, שפּילן מיט איר אַ ראַמי, צוזאמען טרינקען קאַווע — און עס דאַכט זיך אייך איר פאַר־ברענגט מיט אַ פרעמד ווייבל ערגעץ ביים ים...

אין אָונט זעט מען ווי אַ שכן גייט אוועק צו אַ „דרינגלעכן ביזנעס־מיטינג", לאָזט איבער זיין יונג ווייבל אליין, איז אַ מצווה פּשוט צו איר אריינצוגיין. מען קומט דאָרט, זעצט מען זיך ביים ראַדיאָ, מען שמועסט. זי איז צופרידן דערפון, און איז אייך מכבד מיט כיבוד. מען דערציילט איר וויצן פון וואָס זי האָט הנאה, און בעט אייך דערציילן נאָך פריילעכע זאַכן. מען רוקט זיך צו איר נענטער צו. אין שטוב איז שטיל, די קינדער שלאָפן מיט זייער קינדערישן שלאָף און עס דאַכט זיך אייך, איר זיצט ערגעץ אויף האָלידיי, הערט אין דער קילער נאַכט דאָס שטורמישע ברויזן פון ים און דעם וואַרעמען אָטעם פון יונגע פרויען...

אין דערפרי שלאָפט מען ביז אין די שפּעטע שעהן — וואָס האָט איר נישט קיין צייט? צו פרישטיק קאָנט איר קומען ווען אייך גלוסט. דער האָטעל־גלאָק לעכערט אייך נישט דעם מוח, קיינער טרייבט אייך נישט צו עסן קאַלטע האַרטע אייער מיט זויערע פיש, וואָס זיינען שוין אכט טעג אָדער מער אלט און זיינען

שוין געווען סערווירט אין פֿאַרשיידענע וואַריאַצעס — געבראָטענע, געהאַקטע, געפּרעגלטע — און לסוף מאכט מען דערפֿון זויערע פֿיש...

צו מיטאָג דאַרף מען זיך אויך נישט יאָגן — ווען איר ווילט קענט איר עסן. איר ווייסט נישט פֿון ערשטע, צווייטע און דריטע „סיטינגס" און עס קומט אייך נישט אויס צו שלינגען קאַלטע לאָקשן, וואָס ווערן צו דער דריטער „סי־טינג" פֿאַרוואַנדלט אין פֿאַרפֿל... אויך פֿאַרשפּאַרט איר עסן „מינץ־מיט", וואָס ביי דער ערשטער „סיטינג" איז עס געווען „סטעיק" אָדער „ביפשטיק"...

דאָס זעלבע איז אויך צו אָוונט־ברויט. דאָס איינציקע וואָס איר האָט נישט אהיים ווי אויף האָלידיי, אז מען זאָל אייך פֿאַרבייטן אייער לעפֿל, מעסער און גאָפּל, אָדער כאַפּן פּרוכט פֿון אייער טעלער...

אוודאי פֿעלט אהיים דער ים מיט דער פּלאַזשע. אָבער נישט אלעמאָל אויף האָלידיי קען מען אויסנוצן דעם ים מיט דער פּלאַזשע. עס טרעפֿט אָפֿט מען כאַפּט א צוקילונגביים ערשטן ברוך־הבא ביים ים, און מען איז שוין אָן אָפּגעבאָדענער פֿאַר דער גאַנצער האָלידיי־צייט. דאָס זעלבע איז אויך מיט דער פּלאַזשע, וואָס איז ענג באַזעצט, אז ס'איז שווער צו געפֿינען אָן אָרט, און אז גאָט העלפֿט און מען האָט שוין אָן אָרט, טוט מען זיך אַ כאַפּ צו צום ברענען זיך — און מען קרענקט אויס די גאַנצע האָלידיי...

נו, — האָט מיין לאַנדסמאַן מיך געטרייסט, — וועט איר היינטיקן האָלי־דיי־סעזאָן נישט וויסן דעם טעם פֿון ים און נישט פֿון דער פּלאַזשע. דערפֿאַר אָבער וועט איר נישט פֿאַרמאַטערט ווערן פֿון פֿאַרשיידענע נודניקעס, וואָס זיי־נען פֿול אויף האָלידייס אין די האָטעלן, ביים ים, אויף דער פּלאַזשע און ווו נאָר איר קומט און גייט. די פּינצטערע נודניקעס טוען נאָר איין איינציקע זאַך — זיי פּייניקן און נודיען אָן אַ סוף. שוין צוליב דעם אליין איז ווערט צו זיצן אהיים...

ער האָט געזוכט אַן אָרט...

אין א שיינעם נאָכמיטאָג איז מר. פעטקין צו צום טעלעפאָן און אָנגעקלונגען:

— העלאָו! — האָט אַ מענער־שטימע געענטפערט.

— קאָן איך ריידן צום מענעדזשער?

— דאָס רעדט דער מענעדזשער! — האָט די שטימע געענטפערט.

— דאָס רעדט מר. פעטקין.

— מיט וואָס קען איך אייך דינען? — האָט די שטימע געפרעגט.

— כ׳האָב געוואָלט ביי אייך בוקן אַ פלאַץ! — האָט מר. פעטקין אריינגעשריען אינעם טעלעפאָן־טרייבל.

— איין מינוט, כ׳וועל נעמען דעם בוקינג־בוך. העלאָו, אייער נאָמען, פליז!

— מר. הערי פעטקין!

— אַדרעס?

— 43 מאַרטין סטריט, לינגספילד.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, אַ סינגל בוקינג?

— דערווייל, א סינגל.

— וואָס מיינט איר דערוויל — פרעגט דער מאַן — ביי אונדז איז נישטאָ קיין דערוויל. אָדער איר בוקט, אָדער איר בוקט נישט!

— אַנטשולדיקט, איר רעדט אזוי שטרענג, איר מוזט זיין א בייזער מענטש! — האָט מר. פעטקין פארלוירן געענטפערט.

— ביטע רעדט צום פּאָינט, זאָגט קלאָר וואָס איר פאַרלאַנגט?

— כ׳האָב געוואָלט אַ דאָבל אקאָמאָדיישאַן פאר מיר און מיין פרוי.

— גוט — האָט דער מאן געענטפערט — כ׳וועל אייך בוקן אַ דאָבל.

— ניין, דערוויל בוקט אַ סינגל, בלויז פאר איין פערזאָן.ביידע מיטאַמאָל קאָנען מיר נישט פאָרן. מיר האָבן א ביזנעס, מוז איינער בלייבן אין ביזנעס!

— גוט, זאָגט וואָס איר ווילט — איז ער שוין געוואָרן אומגעדולדיק — פאר וועמען בוקן אַ פלאַץ, פאר אייך אָדער פאר אייער פרוי?

— בוקט פראָוויזאָריש צווי פלעצער. איין פלאַץ איז פאַר זיכער!

— ניין, מיר קאָנען קיין פראָוויזאָרישע בוקינגס נישט מאַכן. אָדער איר

בוקט, אָדער איר בוקט נישט. קיין פּוסטע בוקינגס מאַכן מיר נישט! — האָט ער שויך גאַנץ בייז געענטפערט.

— אויב אזוי — האָט מר. פּעטקין אריינגערעדט אין טעלעפאָן־טרייבל — איז בוקט דערווייל איין פּלאַץ!

— גוט, איין פּלאַץ, פאר אייך אָדער פאַר אייער פרוי? — האָט דער מאַן אומגעדולדיק געפרעגט.

— דאָס ווייס איך נאָך נישט, כ׳מוז זיך דורכשמועסן מיט מיין פרוי וועגן דעם. אויב ס׳איז קיין אונטערשייד אַ מאַן צי אַ פרוי, בוקט איין פּלאַץ. איך וויל אָבער האָבן אַ גוטן פּלאַץ, די זוניקע זייט!

— גוט, איך וועל אייך געבן א גוטן פּלאַץ. די זון איז דאָ דאָ אַ גאַנצן טאָג!

— כ׳וויל אויך אַ שטילן פּלאַץ.

— געוויס א שטילן. דאָ איז אלעמאָל שטיל — ווי אויף אַ בית־עולם...

— גוט, גוט, דאָס וואָס איך זוך. יאָ, גיט מיר אַ שיינעם וויו.

— וועגן דער שטילקייט גאַראַנטיר איך אייך, קיינער האָט זיך נאָך נישט באַקלאָגט אויף דעם. און וועגן וויו דאַרפט איר גאַרנישט זאָרגן — קיינער וועט אייך נישט פארשטעלן. דער וויו איז אַן אָפענער, א פרייער.

— און ווי איז די לופט ביי אייך?

— די בעסטע לופט אין דער געגנט.

— כ׳בעט אייך, זאָגט מיר וואָס פאַראַ מענטשן קומען צו אייך — יונגע, אַלטע?

— פאַרשיידענע.

— יאָ, פארגעסן אייך זאָגן, איך גלייך נישט קיין טומל פון קינדער. איר ווייסט דאָך, היינטיקע צייטן איז מען נערוועאיש פון ביזנעס, וויל מען רו!

— איר דאַרפט נישט זאָרגן, איר וועט האָבן רו. אַלע זיינען דאָ שטיל, אפילו די קינדער שווייגן דאָ. איר וועט האָבן פולשטענדיקע רו ביי אונדז! — האָט דער מאַן שוין אַ מידער געענטפערט.

— און דאָס עסן, ווי איז די אכילה ביי אייך?

— וואָס פאַר אַן עסן, וואָס אכילה? — האָט דער מאַן פון דער אנדער זייט טעלעפאָן אַן אויפגערעגטער הויך גערעדט — וואָס, איר זייט ארונטער פון זינען?

— וואָס? — האָט מר. פּעטקין פארחידושט אויסגערופן — מען עסט נישט ביי אייך, ס׳איז אוודאי ביי אייך א האָטעל פאר אזעלכע וואָס זיינען אויף אַ דיעטע?

— וואָס דרייט איר אַ מוח? — האָט יענער אויפגערעגט געשריען — איך

ראַט אייך גיין זען אַ דאָקטאָר, אַ נערוון־ספּעציאַליסט. איר ווייסט נעבעך נישט וואָס איר רעדט!

— אנטשולדיקט, ווי רופט זיך אייער האָטעל? — האָט מר. פּעטקין גע־פרעגט — איז דאָס האָטעל „קריסטל וואָטער״?

— וואָס פאַרא האָטעל, וואָס פאַרא קריסטל וואָטער? — האָט ער בייז אויס־געשריען — איר זייט אַרונטער פון זינען! דאָ איז די ביורא פון בית־עולם!

אַ טויט צעשראָקענער האָט מר. פּעטקין אַ שליידער געטאָן דאָס טעלע־פאָן־טרייבל און אַ קאַלטער שוויס האָט אים באַדעקט...

זי האָט פיינט צו באַריידן

...ווי איר קוקט מיך אָן, מרס. צימרינג, בין איך דער היפּוך פון אנדערע פרויען, וואָס הערן נישט אויף באַריידן זייערע פריינד, פאַרשפּרייטן רכילות און אינטריגעס — איך האַס דאָס! איך וועל חלילה קיינעם נישט באַריידן, קיין שלעכט וואָרט וועגן קיינעם ניט זאָגן, און פון מענטשן וואָס האָבן ליב צו ריידן לשון הרע אנטלויף איך ווי פון פייער.

מיינע אַ שכינה, מרס. פישעוויך, איז אין דער גאַנצער גאַס באַקאַנט מיט אירע רכילות און פּלאָטקעס. פון דער גאַנצער וועלט וועט זי ריידן און באַריידן. פון דער קלענסטער זאַך האָט זי שוין אַ פּאַרטיקע לאַנגע מעשה, וואָס זי צע־טראָגט צווישן אַלע שכנים!

מרס. פישעוויך איז דאַכט זיך אַ גאַנץ אינטעליגענטע פרוי, האָט גאַנץ פיינע קינדער, אַן איידעם אַ דאָקטאָר, צוויי שניר וואָס זי באַרימט זיך מיט זיי, אז זיי זיינען געגאַנגען אין אוניווערסיטעט. אָבער מענטשן זאָגן, אז זיי זיינען גע־גאַנגען ערגעץ אנדערש!... אמת, זי גרויסט זיך מיט זיי. נאָר אז זי ווערט מיט זיי נישט אזוי איי, איי, דעמאָלט רעדט זי שוין אַנדערע רייד, באַרעדט זיי פונקט ווי זי באַרעדט אַלעמען!

דעם אמת געזאָגט איז מרס. פישעוויך אליין אויך נישט דאָס, וואָס מען מיינט. מען דערציילט פון איר פאַרשיידענע זאַכן פון די יונגע יאָרן... אָבער עס איז נישט מיין זאַך און איך האָב פיינט יענעם צו באַריידן!

זעט איר, איר מאַן איז שוין גאָר אַן אַנדער מענטש, אַ שטילער, אַ שוויי־גער. אז מען קומט ביי אים מאָנען אַ חוב — שווייגט ער. און שולדיק איז ער די גאַנצע וועלט. אַלעמאָל טוישן זיי זייערע דירות, צוליב די חובות. מען

זאָגט, אַז זיי וועלן שוין באַלד נישט האָבן ווו צו „מופן״, אַז אומעטום זיינען זיי שולדיק!

ווען נישט זייער זון דער דאָקטאָר וואָלטן זיי געהאַט אַ שיין פּנים. זיי וואָלטן שוין געווען, ווער ווייסט ווו?! דער זון, דער דאָקטאָר, איז אַ ווילער בחור. ער פּאַסט זיך צו זיין זייער זון, פּונקט ווי מיר פּאַסט צו זיין אַ גלח׳ס אַ טאָכטער! עס איז שוין דריי יאָר ווי ער האָט געענדיקט דאָקטאָר. דעם אמת געזאָגט איז ער אַזאַ דאָקטאָר, ווי איך אַ מוהל... אים פּאַסט גיכער זיין אַ שלאָסער, אַ קצב, אַ טעקסי דרייווער, ווי אַ דאָקטאָר. ער פאַרשטייט זיך אין דאָקטאָריי פּונקט ווי זיין טאַטע פאַרשטייט אין לומדות. נאָר עס איז נישט מיין עסק, איך האָב פיינט צו באַריידן אַנדערע!

וועגן דעם זון, דעם דאָקטאָר זייערן, האָט מען אַמאָל דערציילט אַ סך מעשיות. מען האָט געזאָגט אַז ער האָט זיך אַמאָל פאַרליבט אין אַן אַלטע גויאישע „נוירס״ מיט וועמען ער האָט צוזאַמען געאַרבעט אין שפּיטאָל. מען האָט אפילו געזאָגט אַז . . . אָבער צו וואָס דאַרף איך זאָגן דאָס, וואָס אַנדערע זאָגן? און וועגן זייער צווייטן זון ווייסט איר דאָך, מרס. צימרינג, די גאַנצע געשיכטע. איר האָט דאָך געהערט וועגן דער ליבע זיינע? וואָס, איר האָט ניט געהערט? ער האָט זיך פאַרליבט אין אַן אַלטע, רייכע מויד, האָט אויסגענאַרט ביי איר דאָס געלט און פון איר אנטלאָפן. שפּעטער האָט די פּאָליציי אים אָפּגע־זוכט, האָט ער גע׳טענה׳ט אַז ער איז נישט אַנטלאָפן, נאָר די מויד האָט אים ארויסגעטריבן! עס איז נישט מיין עסק צי ער איז אנטלאָפן, אָדער די מויד האָט אים ארויסגעטריבן — איך וויל דערפון נישט ריידן.

וועגן מרס. פישיוויכס טעכטער דאַרפט איר ביי מיר נישט פרעגן — די גאַנצע גאַס קען זיי! די עלטערע האָט שוין דריי מאָל אָפּגעלאָזט דעם שידוך, אָבער זי לאָזט אַלץ נישט אָפּ דעם בחור, זי האַלט אים אויפן שטריקל. אַז דער יונגערמאַן וועט נישט משוגע ווערן, וועט ער זיין אַ גיבור! די ייִנגערע טאָכ־טער איז דריי מאָל שיעור געוואָרן „ענגעידזשט״, האָט דער בחור געהאַט מזל און זיך ארויסגעדרייט!

מרס. צימרינג, פּליז, ציט מיך נישט ביי דער צונג, איך וועל אייך מער גאָרנישט דערציילן! איך ווייס, אַז איך דערצייל אייך עפּעס טראָגט איר עס באַלד פונאַנדער און עס הויבט זיך אויף אַ פייער. איך געדענק נאָך ווען איך האָב אייך דערציילט אַ סוד וועגן מרס. קליינוואָרצל, האָט איר מיר צוגע־שווירן, אַז איר וועט פאַר קיינעם ניט ריידן — און וואָס פאַרא סקאַנדאַלן עס זיינען שפּעטער ארויסגעקומען!

אַ יידישע מאַמע באַקלאָגט זיך...

באשר איך בין נישט אין דעם לאַנד געבוירן, טויג נישט! אָך און ווי איז מיר — מיינע קינדער שעמען זיך מיט מיר דערפאַר. אייגענע קינדער, אייגן בלוט און פלייש שעמען זיך מיט זייער מאַמען וואָס רעדט נישט קיין פּער־פעקטן ענגליש, ווי זיי ריידן.

פון וואַנען זאָל איך, אַ געבוירענע אין אַ קליין שטעטל אין ליטע, קאָנען ריידן ענגליש, און דערצו נאָך אַ פּערפעקטן ענגליש ווי מיינע קינדער! בין איך דען דאָ געגאַנגען אין סקול, אין קאָלעדזש אָדער אוניווערסיטעט, ווי זיי, מיינע קינדער?. און אז מיין ענגליש איז נישט גלאַטיק ווי זייערער — נו, דאַרפן דערפאַר אייגענע קינדער אָפּלאַכן פון אַ מאַמען?

זיי ווילן איך זאָל צו זיי ריידן נאָר ענגליש, דערצו נאָך אַ פּערפעקטן ענג־ליש. ביי זיי א יידיש וואָרט אין מויל איז ערגער פון ריצנאַייל. נישט נאָר ווילן זיי נישט ריידן קיין יידיש, זיי פאַרווערן אויך מיר ריידן יידיש. ס'איז נישט שיין, זאָגן זיי, ס'איז אַן „אָלד פעשאָן לענגוויטש"!

דעם אמת געזאָגט פאַרשטייען זיי מער יידיש ווי איך ענגליש. אָבער אז איך רייד צו זיי יידיש ווערן זיי ברוגז, און אויב נישט ברוגז — לאַכן זיי פון מיר!

ערגער איז מיר ווען מיר גייען ביי עמעצן צו גאַסט. איך טאָר דעמאָלט נישט אויפעפענען דאָס מויל! רייד איך יידיש טויג נישט, רייד איך ענגליש איז נאָך ערגער — לאַכט מען פון מיר. און ווען עס קומט ווער צו מיר, מיינט איר איז בעסער? אויך דעמאָלט טאָר איך נישט עפענען דאָס מויל. צו מיינע פריינד אפילו טאָר איך נישט אויסריידן אַ יידיש וואָרט. עס פּאַסט נישט, זאָגן די קינדער, די שכנים וועלן הערן.

פרעג איך זיי, די קינדער מיינע, וואָס איז די בושה, פאַרוואָס זיך שעמען מיט יידיש — די שפּראַך פון טאַטע־מאַמע?

זאָגן די קינדער מיינע, איך דאַרף וויסן און פאַרשטיין, אז היינט איז נישט אַמאָל. ס'איז היינט אַ „מאָדערן וואָרלד", גאָר אנדערע צייטן. און זיי ראַטן מיך פאַרגעסן דעם אַמאָל, און נישט זיין מער „אָלד פעשאָן" און פאַנאַטיש.

זאָג איך צו די קינדער מיינע, פאַרוואָס ריידן די שכנים זייערע שפּראַכן און שעמען זיך נישט פאַר קיינעם? איך האָב אַ שכן, אַן איטאַליענער, טעג און

נעכט הערט מען דאָרטןריידן נאָר איטאַליעניש... זיי ריידן נישט, נאָר זיי מאָלן ווי אַ מיל, אז מען קען הערן אויף דער צענטער גאַס. זייערע קינדער שעמען זיך נישט און לאַכן נישט פון זיי. פאַרקערט, אויך די קינדער זייערע ריידן איטאַליעניש!

נאָך אַ שכן האָב איך — אַ פּאָרטוגיעזער — הערט מען אָן אויפהער אים מיט זיין געזינדל טומלען און שרייען דווקא אויף פּאָרטוגעזיש. קיין וואָרט ענגליש הערט מען נישט. זייערע קינדער קענען ריידן ענגליש, אָבער זיי ריידן אויך פּאָרטוגעזיש און האָבן נישט קיין טענות צו זייערע עלטערן פאַרוואָס זיי ריידן נישט קיין ענגליש און זיי לאַכן נישט פון זיי!

איבערן וועג האָב איך שכנים, אפריקאַנער, וואָס קאָנען גוט ריידן ענגליש, אָבער ריידן נאָר זייער שפּראַך — אַפריקאַאַנס. ווען עס קומען צו זיי מענטשן צווינגען זיי פשוט צו ריידן זייער שפּראַך — אפריקאַאַנס און קיינער האָט קיין טענות נישט, מען לאַכט נישט, מען פּראָטעסטירט נישט און די קינדער זייערע רעספּעקטירן זיי.

פאַרוואָס איז דאָס יידיש־מזל אנדערש? פאַרוואָס רעספּעקטירן די אי־טאַליענער, פּאָרטוגעזער, אַפריקאַנער און אַנדערע זייערע שפּראַכן? מיט וואָס זיינען יענע שפּראַכן שענער פון יידיש? איך פרעג דאָס טאַקע מיינע קינדער, ווייסן זיי נישט וואָס מיר צו ענטפערן, זיי ווייסן נאָר איין זאַך: פאַרגעס יידיש, עס פּאַסט נישט — רייד ענגליש.

שטיק איך זיך מיטן יידישן וואָרט, דאָס פּערלדיקע יידישע וואָרט, וואָס קלינגט פאַר מיר ווי די שענסטע מוזיק, וואָס גיט מיר אינהאַלט און טרייסט — וואָס איז מיין גאַנצע וועלט און לעבן.

אפשר האָט ווער אַן עצה פאַר אַ יידישער מאַמע, וועמען דאָס יידישע וואָרט איז טייער, זי זאָל קענען זיך באַנוצן דערמיט, ריידן איר שפּראַך ווי אַנ־דערע מענטשן, ווי אַנדערע פעלקער און אַנדערע מאַמעס און אירע קינדער זאָלן פון איר נישט לאַכן?...

חלומות פון היינטיקע מאַמעס...

אז אַ מיידל ביי אונדז ווערט אַלט 15—16 יאָר, נעמען שוין די על־טערן זאָרגן — דער עיקר די מאַמעס, יידישע מאַמעס, אַ כוח זיי אין די ביינער. דער עיקר זאָרגט מען זיך, אז זיי זאָלן חלילה ניט פאַרזעסן ווערן. די מאַמעס שטופּן זייערע טעכטער זיי זאָלן זיך אָנשליסן אין אָרגאַניזאַציעס, קלובן, שליסן באַקאַנשאַפט מיט ייִנגלעך, זיך דורכמישן מיט פיל יונגע לייט — ווער ווייסט אפשר דערפון זיך עפּעס אויספּיקן...

אוודאי זיינען אמאָליקע מאַמעס אין די אַלטע היימען געווען אנדערש. זיי האָבן איינגעהאַלטן זייערע קינדער, בפרט מיידלעך, נישט ארויסטרעטן פון הויז, נישט אָנשליסן זיך אין אָרגאַניזאַציעס, געהיט זיי און געוואָרנט פאַר באַ־קאַנטשאַפט מיט בחורים.

היינט אָבער איז אנדערש. די מאַמעס שטופּן זייערע יונגע קינדער, מייד־לעך אין די פריע יאָרן, זיי זאָלן ארויסגיין מיט בחורים, נישט זיצן אין הויז, נישט זיין נאַאיוו און שעמעוודיק ווי זיי, די מאַמעס, זיינען דאָס אמאָל געווען.

מען זעט ווי מאַמעס שיקן זייערע יונגע טעכטער אויף האָלידייס, לוסט־רייזעס, אפילו אין אויסלאַנד שיקט מען זיי. מאַמעס גיבן עצות זייערע טעכטער ווי צו פירן זיך, צו באקענען זיך מיט רייכע בחורים, מיט יונגעלייט פון רייכע עלטערן מיט גרויסע פאַרמעגנס. עס שאַדט נישט, זאָגט די מאַמע, אויב דער בחור איז מיט 10 יאָר אָדער מער עלטער — דער עיקר ער זאָל זיין רייך.

מאַמעס שיקן זייערע קינדער אין הויך־שולן, אוניווערסיטעטן. מען מאַכט אַלע אָנשטרענגונגען, מען פאַרענגט זיך און מען פאַרשולדיקט זיך איבערן קאָפּ און מען טוט דאָס דערפאַר, ווייל אין אוניווערסיטעט גיין איז אַ גרויסער יחוס, מען האָט שאַנסעס דאָרט צו באקענען זיך מיט רייכע יונגעלייט, און דערפאַר לוינט זיך אַלע אָנשטרענגונגען וואָס מען מאַכט.

דער עיקר ווילן יידישע מאַמעס זייערע טעכטער זאָלן אין אוניווערסיטעט כאַפּן אַ דאָקטאָר און חתונה האָבן. ס'איז גאָר אַנדערש ווען מען טוט אַ דאָק־טאָרשן שידוך — מען האָט מיט וואָס זיך אויסצופּיינען און גרויסן פאַר באַ־קאַנטע, פאַר לאַנדסלייט און פאַר שכנים.

אויב נישט אַ דאָקטאָר זאָל זיין אַ דענטיסט, אַן אַרכיטעקט, אַן אינזשינער. ווען די טאָכטער נעמט ארויסגיין מיט אַ בחור, איז די ערשטע פראַגע: וואָס טוט

ער און צי איז ער רייך? די טאָכטער קליידט זיך אין ראַשיקע קליידער, גייט ארויס מיט יונגעלייט ביז נאָך האַלבע נאַכט — און די מאַמע ליגט אין בעט, טוט נישט צו מיט אַן אויג און בעט אז דער בחור מיט וועלכן די טאָכטער איז ארויסגעגאַנגען זאָל זיין אַ דאָקטאָר. נישט וויכטיק וואָס פאַר אַ דאָקטאָר, מעג אפילו זיין אַ פערד־דאָקטאָר — אַבי אַ דאָקטאָר.

די מאַמעס טענה׳ן איין מיט זייערע טעכטער, זיי זאָלן נישט זיין קיין שע־מעוודיקע, זאָלן גיין אומעטום, נישט שרעקן זיך, זאָלן ביז די שפּעטסטע שעהן אין דער נאַכט פארברענגען מיט יונגעלייט. נישט זשעניִרן זיך און נישט שטערן ווען א בחור וויל אַ גלעט טאָן, א קוש טאָן. נישט זיין צוריקגעשטאַנען און קאַרגן אַ קוש...

וואָס מער די טעכטער וועלן ארויסגיין, וואָס מער זיי וועלן זיך קושן מיט יונגעלייט, וועט דאָס בעסער זיין פאַר זיי. זיי וועלן האָבן געניטשאַפט און דער־פאַרונג, וועלן האָבן שאנסעס און וויסן ווי אויסצוקלייבן דעם באַשערטן. זיי וועלן נישט זיין ווי זייערע מאַמעס זיינען געוועזן, וואָס האָבן ווי בלינדע בהמות איינס און צוויי, כאַפּ־לאַפּ צוגעשטימט צום ערשטן בחור וואָס זיי האָבן גע־טראָפן און זיך פאַרדרייט דעם קאָפּ אויף לעולם ועד...

די מאַמעס עצה׳נען זייערע טעכטער צו פאַרבן די האָר, שמירן די באַקן, די ליפּן, די ברעמען, אונטער די ברעמען און נישט קאַרגן קיין שמירעכץ ארום די אויגן. אז מען שמירט, זאָגן זיי, פאַרט מען. די טעכטער הערן די קלוגע עצות פון זייערע מאַמעס און זיי פאַרבן און שמירן זיך — און זיי פאָרן טאַקע. פאָרן מיט יונגעלייט אין אויטאָס, קומען אהיים נאָך האלבער נאַכט בלאַסע, שלע־פעריקע. די מאַמעס ליגן אין זייערע בעטן מיט קלאַפּנדיקע הערצער, הערן זייערע טעכטער קומען אויף די שפּיץ־פינגער איבער די שוועלן. זיי וואַרטן מיט איינגעהאלטענעם אָטעם, אז די טעכטער זאָלן זיי אָנזאָגן די גוטע בשורה, אז זיי האָבן זיך באַקענט מיט אַ וואַזשנעם בחור, וואָס דאַרף קריגן דעם דאָק־טאָר־דיפּלאָם און ער האָט זיך אין איר שטערבלעך פאַרליבט און קאָן אָן איר נישט לעבן.

אזוי אומגעפער חלומען היינטיקע יידישע מאַמעס...

הײנטיקע טעכטער

רעדט זיך אויס אַ מאַמע איר פאַרביטערט האַרץ:

אַ װעלט געװאָרן, גאָר נישט אויסצוהאַלטן! הײנטיקע קינדער, מער װי האַרץ־װײטיק האָט מען נישט פון זײ. װי איר װײסט האָב איך דרײ טעכטער און צװײ זין. די זין טוען װאָס זײ געפעלט — און װאָס מיר, זײער מאַמע, געפעלט נישט. איך בעט זיך בײ זײ מיט גוטן און מיט בײזן, זײ זאָלן זיך פירן װי איך, זײער מאַמע, האָט זיך געפירט, װי זײער טאַטע, ער זאָל זײן אין גן־עדן, האָט זיך געפירט. זײ זאָלן זיך פירן װי מענטשן, מיט לײטן צוגלײך, נישט צו דאַרפן זיך שעמען מיט זײ. לאַכן זײ פון מיר, רופן מיך „אָלד פעשאָן". עס איז הײנט אַן אַנדער װעלט מיט אַנדערע מענטשן און אַנדערע פירונגען, נישט װי אַמאָל. זאָג איך זײ, אַז די הײנטיקע װעלט מעג זיך אַ סך לערנען בײ דער אַמאָליקער װעלט און די הײנטיקע מענטשן מעגן גײן פוצן די שיך פון די אַמאָליקע מענטשן. נו, לאַכן זײ פון מיר, די קינדער מײנע.

ערגער איז מיר מיט מײנע טעכטער — שוין גאָר נישט קײן געלעכטער. די ייִנגסטע איז אַלט 16 יאָר און די עלטערע צװײ און צװאַנציק און די מיטעלע איז מיט דרײ יאָר ייִנגער פון דער עלטסטער און מיט דרײ יאָר עלטער פון דער ייִנגסטער. איז אָט די דרײ טעכטער מײנע פאַרקירצן מיר די יאָרן. זײ גײען ארויס יעדן טאָג מיט אנדערע בחורים — מיט יונגע און מיט אַלטע. טענה איך צו זײ: װאָס איז דאָס עפּעס יעדן טאָג צוגײן מיט אַן אַנדער בחור? מען קלײבט זיך צו אײנעם און מען מאַכט אַ סוף. לאַכן זײ פון מיר, די טעכטער מײנע, אַז זײ זײנען ניט „אָלד־פעשאָן" װי איך, װאָס האָב זיך אויסגעקליבן אײנעם, דעם טאַטן, און מיט אים זיך געהאַלטן דעם גאַנצן לעבן.

זאָג איך צו זײ, אַז עס איז פיל שענער אַזוי, װי ארומצולויפן יעדן טאָג מיט אַ פרישן מאַנספערשוין. זאָגן מײנע טעכטער, אַז זײ װעלן שוין קײן נחת פון מיר נישט דערלעבן. איך בין אַן „אָלד־פעשאָן" און װעל שוין פאַרבלײבן אַזאַ.

פרעג איך זײ: װאָס איז די מציאה מיט די „ניו־פעשאָן", װעלכע גליקן האָבן זײ?

זאָגן זײ, אַז זײ האָבן שוין יאָ גליקן. זײ האָבן טוצן יונגעלײט און זײ קענען קלײבן,און װעלכע עס געפעלט זײ, גײען זײ מיט זײ ארויס פאַרברענגען און װעלכע עס געפעלט זײ נישט, שיקן זײ ערגעץ אנדערש...

פרעג איך זיי: ווי לאַנג וועט איר אַזוי קלייבן אייערע יונגעלייט און די וואָס געפעלן אייך נישט שיקן ערגעץ אַנדערש? זאָגן זיי מיר, זיי ווילן דאָס טאָן ווי לאַנג עס וועט זיך לאָזן. זיי זיינען, חלילה, נישט משוגע צו מאַכן אַן אויסוואַל, צו פאַרבינדן זיך אויפן גאַנצן לעבן מיט איינעם.

מיין עלטערע טאָכטער האָט געהאַט איינעם אַ רייכן בחור, האָט ער איר געוואָלט אָפּגילטן זי זאָל באַוויליקן מיט אים חתונה האָבן — האָט זי אים אָפּ־געזאָגט: זי האָט נאָך צייט, זי וויל נאָך לעבן. חוץ דעם, האָט זי מיר דער־קלערט, וואָס איז גוט צו פאַרדרייען זיך דעם קאָפּ און חתונה האָבן — דאָס מיינט דאָך אויפגעבן אַלע יונגע לייט וואָס זי קען, אַלע באַיעס וואָס האָבן זי ליב און וואָס זי האָט ליב, און איר גאַנצע ליבע זאָל זי אוועקגעבן צו אַן איינ־ציקן מאַן?

זאָג איך צו מיין טאָכטער, אַז זי זאָל ניט זיין גענאַרט ביי זיך, זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג און וויסן, אַז זי ווערט נישט יינגער נאָר עלטער, און אַז זי וועט פאַרלירן דעם שאַנס וועט זי קיין אַנדערן אַזוי לייכט נישט האָבן. לאַכט זי ווי־דער פון מיר און זאָגט, אַז זי האָט אַזעלכע שאַנסן אין די מיליאָנען.

מיין יינגערע טאָכטער האָט אויך פיל בחורים וואָס לויפן איר נאָך, אָבער זי אַנטלויפט פון זיי — און לויפט נאָך אַנדערע.

מיט מיין יינגסטער טאָכטער איז נאָך ערגער, זי גייט ארויס מיט פיל באַיעס. טענה איך צו איר, זי זאָל זיך צוקלייבן אַ חתן און שטעלן אַ חופּה, זי זאָל נישט קוקן אויף אירע שוועסטער. זאָגט זי מיר, די יינגסטע טאָכטער מיינע, אַז זי קוקט שוין גאָרנישט אויף אירע שוועסטער, זי האָט אין געדאַנק בקרוב חתונה צו האָבן, ווייל — ווייל זי וויל אויך וויסן דעם טעם פון גט׳ן זיך...

ער האָט ריטייערד...

מר. קנאָבל האָט ריטייערד. ער איז אלט געוואָרן זעכציק יאָר, האָט ער באַשלאָסן אויפגעבן די ארבעט — גענוג געארבעט.

איבער פערציק יאָר איז ער געווען באַשעפטיקט אַלס בלעכער. פונעם ערשטן טאָג ווען ער איז געקומען אין אַפריקע, האָט ער געאַרבעט ביים בלע־כער־פאַך. ער האָט נישט פאַרפעלט קיין טאָג אַרבעט. איצט, זאָגט ער, איז ער באַרעכטיקט, נאָכדעם ווי ער האָט דערלעבט צו ווערן זעכציק יאָר אלט, אויפהערן ארבעטן און ריטייערן.

ווען מען האָט מר. קנאָבלען געפרעגט פארוואָס ער האָט אויפגעגעבן זיין ארבעט, האָט ער אויסגעשטעלט אַ פּאָר קעלבערנע אויגן און געזאָגט:

— וואָס, אפשר פּאַסט מיר נישט צו ריטייערן? קלמן דער שוסטער האָט געמעגט ריטייערן און איך נישט?

— יאָ, — האָט מען געזאָגט צו מר. קנאָבלען, — קלמן דער שוסטער איז דאָך נישט קיין אָרעמאַן. ער האָט אייניקע הייזקעלעך, קריגט אריין דירה־געלט. ער האָט פון וואָס צו לעבן און קען זיך דערלויבן אויפגעבן ארבעטן.

מר. קנאָבל האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט און געזאָגט:

— נישט אַלע וואָס ריטייערן האָבן הייזער און קריגן דירה־געלט!

— טאָקע דערפאַר האָט איר נישט געטאָרט ריטייערן און אויפגעבן ארבעטן.

מר. קנאָבל איז בייז געוואָרן, א שפּיי געטאָן און איז אוועק.

מיט א צייט שפּעטער טרעפט אים אַ לאַנדסמאַן, פרעגט ער אים:

— מר. קנאָבל, אין מיטן טאָג גייט איר שפּאַצירן! אוודאי פאַרלוירן די שטעלע?

— ניין, ניט פאַרלוירן די שטעלע!

—געוויס געכאַפּט דאָס גרויסע געווינס?

— ניין, ניט געכאַפּט דאָס גרויסע געווינס.

— איז וואָס האָט פּאַסירט, נישטאָ קיין אַרבעט?

— עס פעלט נישט קיין ארבעט און ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט!

— פאַר וואָס זשע ארבעט איר נישט מר, קנאָבל? — האָט דער לאַנדסמאַן געפרעגט.

— איך ארבעט נישט, ווייל איך בין אַלט געוואָרן 60 יאָר.

דער לאַנדסמאַן האָט געקוקט אויף מר. קנאָבלען מיט אַ חשד און אים געפרעגט:

— אַנטשולדיקט, וואָס האָט אַרבעט צו טאָן מיט אייער אַלט ווערן זעכציק יאָר?

— ס׳האָט שוין יאָ צוטאָן. איך האָב ריטייערד, איר פאַרשטייט, ריטייערד:

— ריטייערד־שמיטייערד, אָבער ארבעטן דאַרף מען דאָך!

מר. קנאָבל איז בייז געוואָרן, א שפּיי געטאָן און געזאָגט:

— איר ווילט ארבעטן, טאָ ארבעט ביז הונדערט און צוואַנציק יאָר!

דער לאַנדסמאַן האָט זיך געפּילט באַליידיקט. ער האָט אים אָבער גאָרנישט געענטפערט און איז אוועק.

* * *

אַלע יאָרן איז מר. קנאָבל געווען אַ פרייער ייד, האָט קנאַפּ געהאַלטן פון יידישקייט און זעלטן געקומען אין אַ מקום קודש, אין אַ שוהל. פלוצלונג האָט מען געזען ווי ער איז געוואָרן אַן אָפּטער איינגייער אין שוהל. מען האָט זיך גע׳חידושט און עמעצער האָט אים געפרעגט:

— דאַכט זיך, איר זייט אַ בלעכער?

— יאָ, געווען.

— וואָס טוט איר היינט?

— גאָרנישט.

— איר אַרבעט נישט מער?

— ניין, כ׳האָב ריטייערד.

— אזוי, ריטייערד. אָפּגעשפּאָרט אוודאי גענוג צום לעבן?

— קיין געלט, — זאָגט מר. קנאָבל, — האָב איך ניט אָפּגעשפּאָרט, נאָר אַנדערע זאַכן.

— וואָס פאַרא זאַכן האָט איר אָפּגעשפּאָרט? — האָט מען אים געפרעגט.

— ניט לייכט אַלץ אויסצורעכענען.

— נו, איז דאָך אייך גוט.

— גוט איז מיר דווקא נישט.

— שווער אייך צו פאַרשטיין. איר זאָגט איר האָט ריטייערט, איר האָט אָפּגעשפּאָרט. פאַר וואָס־זשע קלאָגט איר זיך, אז ס׳איז אייך נישט גוט?

מר. קנאָבל האָט זיך ארומגעקוקט אויף אַלע זייטן, ווי ער וואָלט גיין אָפּטאָן עפּעס אַ קרומע זאַך און אומעטיק געזאָגט:

— איך האָב געאַרבעט ביים בלעכער־פאַך איבער פערציק יאָר. איך בין אַלט געוואָרן זעכציק יאָר און האָב ריטייערט. איר ווילט וויסן וואָס איך האָב אָפּגעשפּאָרט — אַ לונגן־קראַנקייט, אַסטמאַ, אַ הויכן בלוט־דרוק, אַ שוואַך האַרץ, גאַל־שטיינער מיט אַלסערס אין מאָגן. אָט דאָס האָב איך אָפּגעשפּאָרט! נו, בין איך נישט באַרעכטיקט צו זעכציק יאָר אויפגעבן די אַרבעט. נאָך אָט די אַלע גוטע זאַכן וואָס איך האָב פון מיינע פערציק יאָר אַרבעט אָפּגעשפּאָרט דאַרף איך נאָך אַרבעטן, טאָר איך נישט ריטייערן? — האָט מר. קנאָבל גערעדט מיט אויפרעגונג און זיך שטאַרק פאַרהוסט.

צו וואָס האָט עס מיר געלוינט?

אַ באַקאַנטער האָט מיך געפרעגט:

— זאָגט מיר, איך בעט אייך, צוליב וואָס האָט איר געדאַרפט אויסזאָגן ווי אַלט איר זייט? וואָס פאַר אַ נוצן וועט דאָס אייך ברענגען? וואָס איז די נפקא־מינה צי מען ווערט 50, 60 צי 70, אָדער מער! מיין מיינונג איז, אַז מען דאַרף נישט ריידן וועגן דעם. איר מעגט זיך לערנען פון די ווייבער — זיי האָבן שׂכל, זיי זאָגן נישט אויס זייער עלטער. כּידוע איז מיט יאָרן פּונקט ווי מיט געלט, מען האַלט דאָס בסוד, פאַר זיך — מען זאָגט נישט אויס.

האָט איר שוין געזען גבירים זאָלן אויסזאָגן וויפל זיי פאַרמאָגן? מען ווייסט אַז וויפל זיי האָבן איז זיי ווייניק, און ווילן נאָך. זיי זאָגן נישט אויס און באַרימען זיך נישט. צו וואָס האָט איר אָפּגעטאָן אַזאַ נאַרישקייט און אַלעמען געלאָזט וויסן ווי אַלט איר זייט. פון איצט אָן ווייסט שוין יעדער אייער חשבון. יעדער וועט שוין ציילן יעדן יאָר, יעדן טאָג אייערן און פירן אייער בוכהאַלטעריע.

לויט ווי איך קען אייך, זייט איר דאָך נישט פון די מענטשן, וואָס האָבן ליב זיך צו באַרימען. איז צוליב וואָס און צוליב וועלכע נוצן האָט איר דאָס געטאָן?

מילא, אַנדערע וואָס האָבן זיך אַרויפגעאַרבעט, רייך געוואָרן, פאַרכאַפּט קהלשע בענקלעך און טומלען אַ וועלט, זיי אפשר לוינט אויסזאָגן ווי אַלט זיי זיינען. זיי ווילן מען זאָל וועגן זיי שרייבן, פּראַוועןְ יובילעאומס. זיי ווילן האָבן אַביסל עולם הזה. זיי באַגנוגענען זיך נישט מיט איין באַנקעט. נישקשה, זיי קענען זיך פאַרגינען דאָס פאַרגעניגן, זעען זיי אַז די סאָסייטיס זייערע, ווו זיי פאַרנעמען בענקלעך, זאָלן פאַר זיי מאַכן באַנקעטן.

און אז מען קאָן זיך דאָס פאַרגינען, קען מען שוין גיין אביסל ווייטער: דינגט מען פיינע זאַלן מיט קעלנערס, רעדנערס, מיט זינגער און שפּילער און מען פראַוועט מיט גרויסער פּאָמפּע די אמתע באנקעטן. דער בעל היובל זיצט אויבנאָן און שעפּט נחת און די רעדנער האַקן גראָבע ליגנס וועגן אים, מען שלייערט אים אזוי אויס אז ער דערקענט זיך אליין נישט — און האָט דערפון גרויס הנאה... אַי, ער מוז דערנאָך פאַר דעם אַלעם באַצאָלן! שאדט נישט. ער קען זיך דערלויבן.

אָבער אזא ייד ווי איר, וואָס קאָן אזעלכע לוקסוסן זיך נישט דערלויבן, דאַרף נישט אויסזאָגן ווי אַלט ער איז. עס ברענגט קיין נוצן נישט. עס איז אַמאָל אויך נישט גוט פאַר אַן עין־הרע, פאַר קרעדיט. אפילו פאר אייגענע קינדער טויג אויך נישט, זיי זאָלן וויסן ווי אַלט מען איז!...

ווען איר פאָלגט מיך, שטעלט איר אריין אין ציישונג אַ מעלדונג, און לייקנט אָפּ וועגן אייער געבורטסטאָג. דערקלערט אז איר האָט געמאַכט אַ טעות. איר האָט אויסגעפונען אַז איר זייט אַ סך יינגער. פון אייער מעטריקע, וואָס איר האָט נאָך פון פאַרן פריזיוו, זעט איר קלאָר און דייטלעך, אז איר דאַרפט גאָר בקרוב ווערן סך הכל 30 יאָר...

איר פאַרשטייט, לייקנט אָפּ אייערע יאָרן, ווי אַ סך אַנדערע טוען עס. זייט נישט קיין יאָלד און פאָלגט מיך. זייט וויסן אז איך האָב גרויס דערפאַרונג אויף דעם געביט. אָט האָב איך שוין לאַנג צוריק געפּראַוועט מיין 70־סטן געבוירן־טאָג — און ווען איך זאָל זיין אזוי פּינקטלעך ווי איר, וואָלט איך שוין געדאַרפט האָבן געפּראַוועט מיין 80־סטן געבוירן־טאָג. אָבער ווער דאַרף דאָס וויסן מיינע סודות. זאָגן אנדערע מיר אויס זייערע סודות?

מיין באַקאַנטער האָט זיך מיט מיר געזעגנט און אוועק. איך בין געבליבן שטיין אומבאַוועגלעך, ווי אַ קלאָץ. זיינע רייד זיינען מיר אריין טיף אין מוח און איך האָב מיט זיינע אויספירן מסכים געווען און טרויעריק געטראַכט: צו וואָס טאַקע האָט עס מיר געלוינט?

„טהע אָלד מען״...

„טהע אָלד מען״...

אין דער אַלטער היים האָבן מיר נישט געהערט פון אזא טיטול, אזא באַקרויגנונג !

ביי אונדז אין דרום אפריקע האָט אָבער דער טאַטע זיך „ארויפגעארבעט״ אויף אזא טיטול, אויף אזא נאָמען — אזא באקרוינונג ! —

„טהע אָלד מען״.

ווען אפילו דער טאַטע איז נאָך גאָרנישט אזוי אַלט, רופט מען אים אָבער מיט זיין צוגעטשעפּעטן עפּילעט :

„טהע אָלד מען״ !

מען הערט זעלטן קינדער זאָלן רופן זייער פאָטער — פאָטער, טאַטע. עס איז באקוועמער צו רופן — „אָלד מען״.

מען האָט נישט געהערט אין דער אלטער היים, אז קינדער זאָלן זייער טאַטן רופן — אַלטער טאַטע, אַלטער מאַן. אפילו דעם אלטסטן טאַטן האָט מען אַלץ גערופן : טאַטע און נישט אַלטער מאַן.

פאַרשטייט זיך, אז דאָס רופן אַ טאַטן ביי זיין פאָטערלעכן נאָמען איז פיל שענער און ווירקט פיל בעסער אויפן פאָטער, אפילו ווען ער זאָל זיין אַן אַלטער טאַטע, ווי ווען מ׳זאָל אים רופן — אלטער מאן !...

דאָס אָנרופן אַלטער מאַן רופט ארויס קאַלטקייט, אַלטקייט, אומעטיקייט — טרויער.

דעם טאַטן ווערט זייער טרויעררייק, ווען די קינדער זיינע רופן אים — אַלטער. דאָס ווייזט אויף, אז מען האָט אַ קנאַפּן דרך־ארץ־באַציאונג צום טאַטן.

„טהע אָלד מען״ — וואָס פאַר אַ פּאַטש אין פנים דאָס איז פארן כבוד־אב.

טאָמער איז דאָס ווייניק, האָט מען צו דעם „אָלד מען״ צוגעטשעפּעט נאָך אַן עפּילעט : „אָלד פעשאָן״.

דער „אָלד מען״ און „אָלד פעשאָן״ גייען געפּאָרט, האַנט אין האַנט.

אין דער אַלטער היים האָט מען דעם טאַטן נישט גערופן : אַלטער פאַסאָן. דאָרט האָט מען אַ טאַטן גערופן מיט גרויס צארטקייט, מיט ליבע, מיט כבוד, רעספּעקט : טייערער טאַטע, גוטער טאַטע, האַרציקער טאַטע, ליבער טאַטע, לאַנגע יאָרן דיר טאַטע. אָבער קיינמאָל האָט מען נישט געהערט רופן דעם

טאַטן — אַלטער טאַטע, אַלטער מאַן — „טהע אָלד מען״, ווי מען הערט דאָס רופן ביי אונדז.

אין דער אַלטער היים האָט מען גערעדט שטיל צום אַלטן טאַטן, דאָ רעדט מען צו אים הויך — אנדערע שרייען גאָר. אנדערע מאַכן זייערע טאַטעס פאַר שיק־יינגלעך, פאַר „בייבי־סיטערס״, פאַר אויפפאַסער אויף דער הויז־ווירט־שאַפט א.א.וו.

אין דער אַלטער היים האָבן קינדער באַדינט זייערע עלטערן. די מאַמע און דער טאַטע זיינען געווען דאָס וויכטיקסטע ביי זיי — זייער לעבן.

אנדערש איז דאָס היינט; אנדערש איז דאָס ביי אונדז. דאָ באַדינען נישט די קינדער זייערע עלטערן, נאָר פאַרקערט — די עלטערן באַדינען זייערע קינ־דער און אפילו קינדס־קינדער.

אזוי איז דאָ די מאָדע.

אַ טאַטע דאַרף דאָ געדענקען יעדן קינדס געבורטס־טאָג. ער טאָר אויך נישט פאַרגעסן חלילה די בירדטסדייס פון די אייניקלעך און דאַרף יעדן קויפן שיינע מתנות. זעלטן אָבער געדענקען די קינדער דעם טאַטנס געבוירן־טאָג, די בירטסדיי פון „אָלד מען״... די אייניקלעך ווילן אינגאַנצן נישט וויסן פון זיי־ער זיידנס געבוירן־טאָג — און וועגן געבן מתנות, געדענקט מען אוודאי און אוודאי נישט...

און דער טאַטע טאָר ווייניק וואָס זאָגן אַ דעה, אָדער געבן אַן עצה, ווייל — וואָס ווייסט ער, דער „אָלד מען״ ?...

אין דער אַלטער היים האָבן קינדער געפרעגט עצות ביי טאַטע־מאַמע. וואָס דער טאַטע האָט געזאָגט, איז געווען שיין און וווּיל, מען האָט זיך צו־געהערט צו זיינע רייד און עצות. זיי זיינען געווען הייליק ווי אַ געזעץ.

ביי אונדז אין אַמעריקע פרעגט מען נישט דעם טאַטן קיין עצות, און מען וויל זיינע עצות נישט הערן. וואָס ווייסט ער דען, ער איז דאָך אַן „אָלד מען״ און „אָלד פעשאָן״...

אויב דער טאַטע איז אַ רייכער, איז נאָך אַ האַלבע צרה, הערט מען נאָך אַמאָל זיך צו צו אים און מען קוקט נאָך אַ ביסל אויף אים מיט רעספּעקט. מען האָט אין זינען די ירושה מער ווי דעם טאַטן. איז אָבער דער טאַטע אַן אָרעמאַן, טויג נישט, איז אים טאַקע גאָר ביטער — און מען קוקט שוין אינגאַנצן נישט אויף אים.

שוין בעסער זיין טויב...

האַלט מיך אָפּ אַ ייד:

— איך קאָן אייך, כ'ווייס איר שרייבט אין די בלעטער, וויל איך פאַר אייך זיך אַראָפּריידן פון האַרצן. ס'איז נישט אזוי דאָס אַראָפּריידן זיך, ווי דאָס אויסריידן זיך. איך האָב אָבער מורא איר וועט מיר באשרייבן אין די בלעטער — און דאָס וויל איך נישט. אויב איר וועט מיר צוזאָגן, אז איר וועט מיך נישט באַשרייבן אין די בלעטער, וועל איך פאַר אייך ריידן.

— רעדט! — האָב איך געזאָגט.

האָט דער ייד אָנגעהויבן:

— לא עליכם בין איך געשטראָפט אויף דער שמיעה, כ'הער נישט צו גוט — אַ רעזולטאַט פון אַ צוקילונג מיט אַן אָנרייסונג אין אויער. זייט דעמאָלט הער איך נישט גוט. אין הויז, מיט מיינע בני בית איז אַ האַלבע צרה, זיי ווייסן שוין ווי צו ריידן צו מיר — ריידן אַ ביסל העכער און איך הער. ערגער איז מיט פרעמדע מענטשן, זיי ריידן שטיל צו מיר און איך הער נישט. און דאָס פאַראורזאכט מיר פיל אומאנגענעמלעכקייטן.

— אנומלטן — רעדט דער ייד ווייטער — קלאַפּט עמעצער אָן אין מיין טיר און פרעגט מיך, וווּ עס וווינט אַ מיסטער גאָלדבערג. האָב איך נישט גוט געהערט און געזאָגט: אַ ביסל העכער!

האָט יענער מיר באַדאַנקט און איז אוועק. עס גייט נישט לאַנג אוועק, מען קלאַפּט ווידער אין טיר. איך עפן און דערזע דעם זעלבן מאַן אַ צעקאָכטער, שרייט ער:

— וואָס פאַר אַ חוזק שפּילט איר מיט מיר, שיקט מיך זוכן העכער, ווען מיסטער גאָלדבערג וווינט גאַרנישט אין דער גאַס!

ווען ער האָט געשריען האָב איך אים יאָ געהערט. האָב איך אים געוויזן מיט אַ פינגער אויף מיינע אויערן. ער האָט אַ שפּיי געטאָן און איז בייז אוועק.

איינמאָל שטעלט מיך אָפּ אין גאַס אַ יונגע פרוי און פרעגט:

— וועלכן אויטאָבוס נעמט מען צו פּאַרקטאַון?

— דער נאָענטסטער פּלאַץ צו פּאַרקן — האָב איך געענטפערט — איז די דריטע גאַס פון דאַנען!

זעט די פרוי אז איך האָב נישט ריכטיק געהערט, רעדט זי צו מיר העכער:

— איך וויל נישט פּאַרקן!

— אַנטשולדיקט, איך האָב נישט געזאָגט איר זאָלט פּאַקן.

קוקט די פרוי מיך אָן ווי איך וואָלט געוועזן חסר־דעה און גייט אַוועק.

איינמאָל בין איך געפאָרן אין אַן אַנדער שטאָט, האָב איך פּשוט מורא געהאַט אויסצורײדן א וואָרט פאַר מענטשן צוליב מײַנע שוואַכע אויערן, און ווען מען האָט צו מיר גערעדט, האָב איך געזוכט זיך אַרויסצודרייען פון ענטפערן.

פרעגט מיך אײנער אין האָטעל ווי שפּעט עס איז, האָב איך אים נישט גוט געהערט און קורץ געענטפערט — כ'בין קיין היגער. נו, וואָס האָב איך עס אַזעלכעס געזאָגט אַז אַלע מענטשן אַרום זאָלן אויסשיסן מיט א הילכיקן געלעכטער...

אַזוי האָב איך געליטן צוליב מײַנע שוואַכע אויערן, ביז איין טאָג האָט מיר אַ פרײַנד געראַטן איך זאָל זיך אײַנשאַפן אַ הער־אַפּאַראַט, וועל איך אַלץ הערן און מען וועט מער נישט לאַכן פון מיר. כ'וועל זײַן אַ מענטש מיט מענטשן גלײַך.

האָב איך אים געפאָלגט און אײַנגעהאַנדלט זיך אַזא אַפּאַראַט. איז אָבער מיטן אַפּאַראַט פיל ערגער ווי אָן אים. ווען איך שטעל אָן דעם הער־אַפּאַראַט, הער איך גוט, איך הער געניי וואָס מען רעדט. איך הער אַפילו וואָס מענטשן רײדן פון ווײַטנס. אַפילו מײַנע שכנים אין זײערע הײַזער הער איך וואָס זיי רײדן. און גלויבט מיר, ס'איז גאָרנישט קיין מעלה, נישט אײנמאָל האָב איך דערפון גרויסע צרות.

אָט, אַנומלט דערהער איך פּלוצלינג מײַן פרויס קול פון אַ שכנס הויז. נישט נאָר מײַן פרויס קול האָב איך געהערט, כ'האָב אויך געהערט ווי דער שכן זאָגט צו איר: „דו ביסט די שענסטע און בעסטע פרוי, וואָס איך האָב ווען באַגעגנט!"

ווען איך האָב שפּעטער דערציילט מײַן פרוי וואָס איך האָב געהערט, האָט זי מיר געענטפערט אַז איך בין טויב ווי די וואַנט — זי ווייסט פון גאָרנישט, איך טראַכט אויס אויף איר אַ בילבול...

איינמאָל בין איך אַרײַנגעקומען צו מײַן לאַנדסמאַן דעם פאַבריקאַנט, מיסטער צימרינג. אין דער אַלטער הײם האָט ער אויפגעקויפט אַלטע אײַזן. הער איך פון ווײַטן ווי ער זאָגט צו זײַן פרוי: אָט קומט ער, דער פאַרשוין. ווער האָט נאָך אים געשיקט? און צו מיר האָט ער מיט אַ שמייכל זיך אָפּגערופן: „אַי, גוט וואָס איר זײַט געקומען, קומט אַרײַן, זעצט זיך. פאַרוואָס זעט מען אײַך נישט, האַ? געוואָרן אַ גביר, פּאַסט אײַך ניט קומען. וואָס מאַכט די פאַמיליע?"

אין אָוונט קומען צו מיר די קינדער, פרײַנד, מען זיצט, מען רעדט. איך שטעל אָן מײַן הער־אַפּאַראַט, הער איך ווי די פרײַנד פרעגן מײַנע קינדער: „ווי גייען די געשעפטן?" די טאָכטער מײַנע באַקלאָגט זיך — נישט גוט. דער

איידעם מיינער זאָגט: פון דעם אַלטן איז נישט אויסצוהאַלטן. לאָזט די טאָכ־טער אים נישט ריידן און זאָגט: „וועסט שוין לאַנג פון אים נישט ליידן. ער איז שוין מער אויף יענער וועלט, ווי אויף דער!“

שפּרינג איך אויף אַן אויפגערעגטער און זאָג: מיינסט, טאָכטער מיינע, איך הער נישט?...

באַרואיקט מיך די טאָכטער מיינע און זאָגט מיר, אז זי האָט גאָרנישט גע־זאָגט. זי האָט קיין וואָרט נישט אויסגערעדט — עס דאכט זיך מיר... און זי פרעגט מיך: טאַטע, ווו איז דיין הער־אַפּאַראַט? ער ארבעט? דו הערסט עפּעס?...

— אוודאי הער איך! — האָב איך געענטפערט. אָבער מיר איז געווען בעסער אָן דעם הער־אַפּאַראַט. ווען איך האָב נישט געהערט גוט איז געווען געזינטער פאַר מיר, ווי צו הערן אזוי פיל פאַלשקייטן און שלעכטקייטן. און דאָס זאָגנדיק האָב איך זיך שטאַרק אויפגערעגט, כ'האָב געכאַפּט דעם הער־אַפּאַראַט און אים צעבראָכן אויף פּיץ־פּיצלעך!...

צוליב שלום-בית

בערל גריץ האָט פון זיין ווייב געהאַט אויסצושטיין געהאַקטע צרות. זי איז אים אזוי דערגאַנגען די יאָרן, ביז ער איז איין טאָג אריינגעפאלן אין אַ מע־לאַנכאָלישער שטימונג און זיך ארומגעטראָגן מיט פינצטערע געדאַנקען צו מאַכן א סוף צו זיין לעבן. טאַקע נישט איין מאָל האָט ער שוין געהאַלט אָט, אָט צו פאַרענדיקן זיין לעבן, האָט אים דאָס ווייב זיינס געכאַפּט אויף דער הייסער מינוט און צעשטערט זיינע פּלענער.

אַ צייט איז בערל גריץ ארומגעגאַנגען אומעטיק, מעלאנכאָליש און נישט אויסגערעדט אַ וואָרט צו זיין ווייב. זי איז דערפון געוואָרן שטאַרק באאומרו־איקט און איין טאָג זיך אָפּגערופן צו אים:

— ווייסט וואָס, בערל, אזוי ווי מיר זיינען שוין מער נישט יונג, וואָלט זיין אַ פּלאַן מיר זאָלן אויפהערן זיך גריזשען און זיך אויסעסן אונדזערע שוואַכע הערצער, וואָס שאַדט זייער צום געזונט און טרייבט צו אַ הויכן בלוט־דרוק, צו נערוון־אַטאַקעס און שלעכטער שטימונג — גענוג! מען קאָן דאָך נישט אָנגיין אזוי א גאַנצן לעבן. איבעריקנס, וויפל מישטיינס געזאָגט, איז עס געבליבן צו לעבן? איז דעריבער מיין מיינונג און ווונטש, פון איצט אָן זאָלן מיר לעבן

אַנדערש, זײַן צופרידן, פירן אַ רואיק און שטיל לעבן. נישט זײַן מער אין אַ קריגערישער שטימונג. לאָמיר מער נישט זײַן אײנער קעגן אַנדערן און זיך נישט אַרײַנזאָגן אַזוי, אַז די קישקעס אין בויך זאָלן זיך דרייען. לאָמיר אָפּמאַכן, אַז פון הײַנט אָן זאָלן מיר אײַנשטימען אײנער צום אַנדערנס פאַרלאַנגען און באַשלוסן.

ווען בערל גריץ האָט דערהערט זײַן ווײַבס רייד, האָט ער געמיינט אַז ער חלומט. עס האָט זיך אים נישט געגלויבט, אַז דאָס רעדט אַזוי זײַן ווײַב, וואָס אַלע יאָרן פּײַניקט זי אים און יאָדעט. בערל האָט געפילט ווי ער וואָלט זײַן פאַרכישופט.

זײַן ווײַב האָט מיט אַ לאַקריץ־זיסער שטימעלע ווײַטער גערעדט:

— יאָ, עס איז די העכסטע צײַט מיר זאָלן לעבן ווי לײַטן, אויפהערן נוצן שאַרפע רייד אײנער קעגן אַנדערן, שטעכן און ווי טאָן זיך — גענוג! פון איצט אָן דאַרפן מיר היטן דאָס געזונט, וואָס איז וויכטיקער און טײַערער פון די טײַערסטע זאַכן אין דער וועלט. מיר דאַרפן רעספּעקטירן אײנער דעם אַנ־דערן, נישט טאָן צו להכעיס אײנער דעם צווייטן, ווי מיר האָבן דאָס געטאָן אַמאָל. דאָס וועט זײַן אַ גרויסע הילף און אַ רפואה פאַר אונדזערע אָפּגעשוואַכ־טע און אָנגעשטרענגטע נערוון און פאַר אונדזער געזונט!

מיט צופרידנקייט האָט בערל אויפגענומען זײַן ווײַבס רייד און געפרעגט:

— וואָס, אַ שטייגער, דאַרפן מיר טאָן?

— מיר דאַרפן גאָרנישט טאָן — האָט זי געזאָגט. — פון איצט אָן וועל איך צושטימען צו אַלץ וואָס דו וועסט זאָגן! ווען דו וועסט, אַ שטייגער, זאָגן דו ווילסט קויפן אַ נײַע הויז, וועל איך נישט זײַן דאַקעגן און וועל זיך מיט דיר נישט קריגן צוליב דעם. איך זאָג דיר אויך צו אַז איך וועל דיר נישט שטערן קויפן אַ נײַעם אויטאָ, מאָדערנע מעבל, אויל־בילדער פון נאַקעטע פרויען, קרישטאָל־זאַכן און אַנדערע ווערטפולע שטוב־חפצים. און אויב איך וועל דיר נישט שטערן, וועסטו געוויס אויך מיר נישט שטערן, ווען איך וועל וועלן קויפן קלײניקייטן, ווי קליידער, אַ פוטער־מאַנטל, אַ דימאַנטן־רינג און אַנדערע זאַכן. קיין גרויסע זאַכן וועל איך פון דיר נישט פאַרלאַנגען. איך וועל האַנד־לען מיט פאַרשטענדעניש און אײַנזען, כדי דיך נישט אויפצורעגן און פאַרשאַפן דיר פאַרדרוס. איך וויל דאָך אַז דער שלום־בית אונדזערער זאָל זײַן אַ גוטער און אַ פרידלעכער.

* * *

קורץ נאָכדעם האָט בערל גריץ פון אָט דער שלום־בית־פּראָפּאָזיציע גע־קראָגן אַ האַרץ־אַטאַקע און איז נעבעך ערנסט קראַנק געוואָרן. דער דאָקטאָר

האָט אים אָנגעזאָגט, אז ניט ווייניקער ווי זעקס וואָכן זאָל ער ליגן רואיק אין בעט און זיך נישט ערגערן. דאָס איז געווען דער רעזולטאַט פון בערלס ווייבס פאַרגעלייגטן שלום־בית־פּלאַן...

אַ גנעמטלעכער שמועס

זלמן און קלמן זיינען צוויי גוטע פריינט, לאַנדסלייט. ביידע זיינען זיי געקומען פון איין שטעטל אין פוילן און לעבן אין גאָלדענעם אַפריקע. ביידע האָבן חתונה געהאַט, האָבן קינדער, אָבער קיין גרויסע גבירים זיינען זיי ביידע נישט און וועלן, מיסתמא, קיין מאָל נישט זיין. דערפאַר זיינען זיי אָבער זייער פריילעכע און עס איז א פאַרגעניגן אונטערצוהערן זייער א דיאַלאָג אָדער שמועס.

רופט זיך אַמאָל אָפּ זלמן:

— הערסט, קלמן, לעצטנס גייט מיר נישט שלעכט. איך האָב זיך באַקענט מיט איינעם אַן אָנגעשטעלטן פון אַ גרויסן קינאָ־טעאַטער און איך גיי דאָרט זייער אָפט אומזיסט.

— טאַקע? וואָס רעדסטו, זלמן? האָסט א ביסל מזל! ווי אזוי געלינגט עס דיר?

— פּשוט, איך גיי א פּאָר מאָל אין וואָך צום קינאָ־טעאַטער, יענער זאָל מיר אריינלאָזן, זאָגט ער צו מיר אַלעמאָל: נישט היינט. קום מאָרגן! און אזוי גיי איך אָפט אומזיסט...

— דיר גלוסט זיך נאָך צו ווערטלען, זלמן?

— נישט האָבן קיין הייזער, קיין רייכטום און זיך נישט אַ וויצל טאָן, קאָן מען דאָך געשוואָלן ווערן פון צרות!

— זלמן, דו זעסט מיר אויס א ביסל אומעטיק!

— ווען דו, קלמן, זאָלסט וויסן וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, וואָלסטו געוווסט פאַר וואָס!

— דהיינו, וואָס איז געשען?

— אַנומלט בין איך מיט מיין ווייב געווען אין קינאָ. אין זאָל איז געווען פינצטער און לעבן מיר האָט זיך אוועקגעזעצט א שיין יונג מיידל — בלוט און מילך. איז דאָס נישט אַ פּאַרדרוס און א הארצווייטיק?

— זלמן, מיט איר איז געשען נאָך ערגער. איך האָב געהאַט א גרעסערן פּאַרדרוס און האַרצווייטיק. אנומלט בין איך געזעסן מיט א יונג שיין מיידל,

— בלוט און מילך. אין זאַל איז געווען פינצטער, א מחיה. איך האָב זיך גע־פילט ווי אין זיבעטן הימל. פלוצלינג איז אריינגעקומען מיין יידענע און זיך אוועקגעזעצט לעבן מיר!...

— קלמן, עס וואָלט געקאָנט זיין ערגער!

— וואָס ערגער? וואָס רעדסטו, זלמן. עס איז שוין געווען גענוג שלעכט!

— יאָ, אָבער ערגער וואָלט געווען, ווען דאָס וואָלט פּאַסירט מיט מיר...

— אזוי, זלמן, גייט דאָס לעבן!

— קלמן, דאָס לעבן גייט נישט, עס לויפט, עס פליט. נאָר מיר, אָרעמעלייט, שטופּן עס!

— מאַכסט א טעות, זלמן. מיר אָרעמעלייט שטופּן נישט דאָס לעבן. די מעשה איז גאָר קאַפּויער — דאָס לעבן שטופּט אונדז!

— יאָ, אז מען איז אַ פערד ליגט מען אין דר'ערד און מען באַקט בייגל און מען קייט שטרוי!

— זלמן, רעדסט דאָך גאָר ווי אַ פילאָסאָף!

— פאַרוואָס זאָלסטו נישט פאַרשטיין, קלמן, א שטיקל קרוב פון אַ פילאָ־סאָף בין איך דאָך. מיין טאַטנס ברודערס זון, אין דער אלטער היים, האָט גע־טראָגן וואַסער צו אונדזער שטאָטישן פילאָסאָף!

— אז דו רעדסט, זלמן, וועגן טראָגן וואַסער, דערמאָנסטו מיר אין אונד־זער אַלטן חיים־זעליק דעם וואַסער־טרעגער. ער האָט אַמאָל געהאַט אָנגעקליבן אַ פּאָר הונדערטער, איז ער אוועק צום גביר פון שטעטל און אים געבעטן ער זאָל האַלטן זיין געלט, און פארן פראָצענט האָט ער דעם גביר געטראָגן וואַסער אומזיסט אַ גאַנץ יאָר...

— ווער האָט געטראָגן וואַסער אומזיסט?

— וואָס פארשטייסטו נישט, זלמן? חיים־זעליק דער וואַסער־טרעגער האָט געטראָגן וואַסער צום גביר אַ גאַנץ יאָר פאַרן האַלטן זיין געלט. ער האָט געהערט, אז פאר געלט צאָלט מען פּראָצענט, האָט דער וואסער־טרעגער גע־מיינט אז ער דאַרף צאָלן. און אזוי ווי ער איז נעבעך געווען אַ ייד אַן אָרעמאַן, האָט ער פאַרן פּראָצענט געטראָגן וואַסער דעם גביר!...

— די היימישע ערלעכקייט איז נישט געווען אָפּצושאַצן!

— דאָ ביי אונדז, אין דער מדינה, קאָן אזעלכעס נישט פּאַסירן!

— געוויס נישט, קלמן, מען טראָגט דאָ נישט קיין וואַסער!

— וואַסער קען מען ביי אונדז קריגן לרוב אויף לעקציעס און רעפעראַטן.

— קלמן, אויף קיין לעקציעס גיי איך נישט. מיין יידענע גיט מיר גענוג לעקציעס אין דער היים!

— און ווענענס יידנס יידענע גיט עס נישט קיין לעקציעס?

— זלמן, איך האָב צוגעזען אַ סצענקעלע פון אונדזער לאַנדסמאַן, מר. קנאָבל. ער איז געגאַנגען מיט זיין ווייב שפּאַצירן, האָט ער אויפן וועג באַגריסט אַ ליידי. זיין ווייב האָט זיך צו אים צוגעטשעפּעט און אים געמאַטערט, ער זאָל איר זאָגן ווער די ליידי איז. מיין לאַנדסמאַן האָט זיך געבעטן ביי זיין ווייב, זי זאָל אים אָפּלאָזן — ער וועט שוין האָבן גענוג צרות פון דער ליידי צו דער־קלערן איר, ווער זי, זיין ווייב איז...

— די זעלבע געשיכטע, קלמן, האָט פּאַסירט מיט מיר!

— זיי נישט נאַאיוו און זיי נישט קיין שוטה! אַזעלכע געשיכטעס פּאַסירן ביי אונדז זייער אָפט, טאָג־טעגלעך.

— חכמות אַהער, חכמות אַהין. ווו נעמט מען בעסער, זלמן, א ביסל געזונט?

— וואָס פעלט דיר, קלמן?

— עס פעלט מיר נישט. כ׳האָב גענוג. די זייטן ברעכן מיר, כ׳ליד פון קאָפּווייטיק, האָב גאַל־שטיינער, אַ שוואַך הארץ און א הויכן בלוט־דרוק.

— איך וועל דיר זאָגן, קלמן, אז אויב דו האלסט אויס פון אזוי פיל ווייטיקן, ביסטו דאָך געזונט ווי אַ פערד.

ווער ווייסט ווי לאַנג זיי וואָלטן נאָך אזוי געצויגן זייער שמועס. פּלוצלונג זיינען אָנגעקומען זייערע ווייבער, וואָס האָבן אויף זיי אָנגעוואָרפן א גרויסע אימה, און זייער געמיטלעכער שמועס איז איבערגעריסן געוואָרן...

זיי האָבן זיך פאַרליבט...

בערל איז ארומגעגאַנגען מיט אַ מיידל, אַ שיינע ברונעטקע, אַ חנ׳ודיקע — איר נאָמען איז געווען שרה׳קע. ער איז געווען אין איר שטערבלעך פאַר־ליבט, ביז איבער די אויערן. די חנ׳ודיקע שרה׳קע האָט דערפון נישט גע־ווּוסט, אָדער האָט זיך געמאַכט נישט וויסן.

טעג און נעכט האָט בערל וועגן איר געטראַכט, זיך געוווּנטשן זי זאָל זיין זיינע, זי זאָל נאָר איינשטימען און זאָגן יאָ, וועט ער זיין גליקלעך. ער איז אָבער געווען זייער נאַאיוו, און ניט געוווּסט ווי מען האַנדלט אין אזא פאַל.

זיין חבר ארטשע האָט געזען, אז בערל גייט ארום מיט א שיין חנ׳ודיק מיידל, מיט שרה׳קען, איז זי אים אויך שטאַרק געפעלן געוואָרן, און ער איז אין איר פאַרליבט געוואָרן אויפן ערשטן אויגנבליק ביז איבער די אויערן.

ארטשע האָט געזוכט וועגן ווי זיך צו באַקענען מיט שרה׳קען. איין טאָג איז דאָס אים געלונגען.

ווען בערל איז דערפון געוואָר געוואָרן, איז ער געוואָרן אַן אויפגעקאָכטער און מיט פאַרשטיקטע טרערן האָט ער זיך אָפּגערופן צו זיין חבר ארטשען:

— קאַרג מיידלעך פאַראַן, פאַרוואָס טשעפּעסטו זיך צו שרה׳קען? שרה׳קע איז מיינע, זי איז מיין כלה, און דו ווילסט זי פון מיר צונעמען? דאָס טוט אַ חבר, א גוטער ברודער?

ארטשע האָט זיך פאַרענטפערט, אז ער האָט גאָרנישט געוווסט, און אים צוגעזאָגט מער נישט ארויסגיין מיט שרה׳קען.

מיט אַ קורצער צייט שפּעטער טרעפט פּלוצלונג בערל אַן זיין חבר גיין שפּאַצירן געאָרעמט מיט שרה׳קען. ער איז צו אַן אויפגעקאָכטער און שרה׳קען ארויסגעריסן פון ארטשעס אָרעמס און אוועק מיט איר.

גייט נישט לאַנג אוועק, און בערל טרעפט ווידער אָרטשען געאָרעמט מיט זיין שרה׳קען. האָט ער אַן אויפגעקאָכטער געליאַרעמט:

— ארטשע, וואָס האָסטו זיך פאַרלייגט אויף מיין לעבן? קנאַפּ מיידלעך פאַראַן? פאַרוואָס ווילסטו דווקא רויבן מיין גליק.

— איך וויל רויבן דיין גליק? — האָט אָרטשע זיך אָפּגערופן, — אפשר איז עס פאַרקערט, אפשר רויבסטו מיין גליק? איך קען שרה׳קען אזוי גוט ווי דו. זי איז מיינע מער ווי דיינע.

— אזוי? — איז בערל געוואָרן אויפגעקאָכט און האָט פאַרקאַטשעט די ארבל פון זיין רעקל, — איך וועל דיר ווייזן וועמענס שרהקע איז — דיינע צו מיינע!

ארטשע האָט אראָפּגעוואָרפן פון זיך זיין רעקל, עס האָט געהאלטן נאָענט צו אַ געשלעג.ביידע זיינען זיי געשטאַנען איינער קעגן אַנדערן מיט געביילטע פויסטן. שרהקע האָט זיך אריינגעמישט צווישן זיי און געזאָגט:

— הערט אויף, איר נאַרישע בחורים. ווי נאַאיוו איר זייט. איר רעדט זיך ביידע איין פייגעלעך אין בוזעם. איך וויל אייך ביידען נישט — עס פעלן נישט קיין בחורים! איבריקנס וויל איך נישט איר זאָלט זיך איבער מיר שלאָגן. איך גלייך נישט קיין שלעגערס, — האָט זי געזאָגט, — און איז אוועק.

ביידע חברים זיינען געבליבן שטיין ווי אונטערגעשאָסענע. ארטשע האָט צוריק אָנגעטאָן זיין רעקל און בערל האָט אראָפּגעקאשערט די ארבל פון רעקל.

— זיי מיר מוחל, — האָט ארטשע זיך אָפּגערופן, — איך וויל דיר דיין גליק נישט צונעמען. שרה׳קע איז דיינע, קאָנסט זי האָבן!

— ארטשע, — האָט בערל זיך אָפּגערופן, — אויב דו ביסט אזא גוטער חבר פארגין איך דיר שרה׳קען מיטן גאַנצן האַרצן. זי געהערט צו דיר, זי איז דיינע — דיינע אויף אייביק!

— ניין בערל, כ׳ווייס דו האָסט שרה׳קען ליב, זי איז דיין זיווג. איך באַ-

דויער נאָר מיין האנדלונג קעגן דיר, פארגיב מיר. איך ווינטש דיר גליק, דו זאָלסט זיך מיט איר עלטערן!

— ניין, ארטשע, כ׳וועל דיין גליק ניט צונעמען פון דיר, איך וועל דיר נישט שטערן. דו ווייסט ווי איך בין דיר אַלעמאָל געווען געטריי, וועל איך דאָס ווייטער זיין. שרה׳קע געהערט צו דיר!

— בערל, אויב דו האַנדלסט אזוי איידל, קאָן איך נישט זיין גראָב. איך וועל שרה׳קען פון דיר נישט צונעמען. ניין, קיינמאָל נישט, איך שווער דיר!

—ארטשע לעבן, זיי נישט איינגעשפאַרט. עס איז אָנגעצייכנט פון אויבן, אז שרה׳קע געהערט צו דיר. זי איז דיינע, זיי גליקלעך מיט איר!

— בערל, איך ווייס ווי דו ליבסט שרהק׳קען. דעריבער קאָן איך דיין גליק נישט צושטערן. שרה׳קע איז דיינע! — האָט ארטשע געזאָגט.

— אויב דו ביסט אזא גוטער און געטרייער חבר, פארגין איך דיר שרה׳קען מיטן גאַנצן האַרצן!

— ניין, בערל, שרה׳קע איז דיין גליק, דיין זיווג, זי געהערט צו דיר!

— אָבער, ארטשע!

— בערל! — — —

דער סוף איז געווען, אז קיין בראָנפן האָט מען נישט געטרונקען, קיין לע־קעך האָט מען נישט געגעסן, קיין טעלער האָט מען נישט געבראָכן און קיין חתונה איז נישט געווען. בערל און ארטשע האָבן זיך באַרעכנט, אז עס לוינט זיי בעסער צו בלייבן בחורים...

פון די גרינע יאָרן

מיט אַ סך, אַ סך יאָרן צוריק האָט דאָס פּאַסירט.

זלמן געצל איז אין אפריקע געקומען פון א קליין שטעטל אין ליטע. ער איז געווען אַ סטאָלער, האָט ער באקומען א שטעלע אין אַ פאַבריק מיט אַ גוטן געהאַלט. לויט ווי זלמן געצל האָט דעמאָלט אויסגעצ׳חשבונט, האָט ער פאַרדינט מער ווי דאָס גרעסטע „קנעפּל״ אין זיין שטעטל.

פון ערשטן טאָג פון זיין קומען קיין אפריקע, איז ער איינגעשטאַנען אויף „באָרד ענד לאָדזשינג״ ביי אַ באַקאַנטער ליטווישער משפחה. זלמן געצל איז געווען פאַרהייראַט און איבערגעלאָזן אין דער היים, אין זיין שטעטל, אַ ווייב מיט צוויי קינדער. זיין ווייב האָט אים אָפט געשריבן בריוולעך און געבעטן געלט. אַלס אַ געטרייער מאַן און גוטער פאָטער, האָט ער פיל געטראַכט פון זיין

ווייב און קינדער. ער האָט שווער געאַרבעט מיט איבערשטונדן און צוזאַמענ־געקליבן עטלעכע פונט וועלכע ער האָט געוואָלט איבערשיקן אַהיים פאַר זיין פרוי און קינדער.

איינמאָל פרעגט זלמן געצל זיין בעל־הביתטע, זי זאָל אים געבן אַן עצה ווי צו שיקן דאָס געלט זיין ווייב. די בעל־הביתטע האָט אים דערקלערט ווי צו שיקן:

— עס זיינען פאַראַן צוויי וועגן, — האָט זי געזאָגט, — מען קען שיקן מיט דער שיף, און מען קען שיקן מיטן עראָפּלאַן!

— וואָס איז דער חילוק? — האָט זלמן געצל געפרעגט.

— דער חילוק איז, — האָט די בעל הביתטע דערקלערט, — מיט דער שיף נעמט עס אַ דריי אָדער פיר וואָכן, און מיטן עראָפּלאַן נעמט עס נישט מער ווי אַכט טעג!

— איז דאָך בעסער צו שיקן מיטן עראָפּלאַן! — האָט זלמן געצל געזאָגט.

— געוויס איז בעסער צו שיקן מיטן עראָפּלאַן, ווי מיט דער שיף! — האָט די פרוי צוגעשטימט.

— איך מיין אויך אזוי! — האָט זלמן געצל געזאָגט.

— אוודאי מיטן עראָפּלאַן, אָבער — כאַפּט אונטער די בעל־הביתטע — מיטן עראָפּלאַן קאָסט פיל טייערער ווי מיט דער שיף.

— הממ, וואָס פאַר אַן עצה גיט איר מיר? ווי זאָל איך שיקן, מיטן שיף אָדער מיטן עראָפּלאַן?

— מיטן עראָפּלאַן!

—מיטן עראָפּלאַן, זאָגט איר, קאָסט דאָך טייערער!

— שיקט זשע מיטן שיף, וועט אייך קאָסטן ביליגער.

— איר זאָגט דאָך, אז מיט דער שיף געדויערט דריי אָדער פיר וואָכן. ווי קאָן איך לאָזן ווייב און קינדער אזוי לאַנג וואַרטן אויף מיין געלט? איר ווייסט דאָך, קיין גבירים זיינען זיי נישט און קוקן אויס אויפן געלט!

— נו, שיקט דאָס געלט מיטן עראָפּלאַן!

— אייך איז גאָרנישט קיין שאָד מיין געלט, מיין האָרעוואַניע. יעדע פּעני איז דאָך אויסגעוויקט פון שוויס!

— טאָ שיקט מיט דער שיף!

— איר זאָגט דאָך, אז מיט דער שיף וועט דאָס געלט גיין לאַנג און מיין ווייב און קינדער וועלן דאַרפן הונגערן!

— שיקט מיטן עראָפּלאַן!

— און מיין געלט און שוויס איז אייך ביליק?

— איז שיקט זשע מיט דער שיף.

— און מיין ווייב און קינדער איז ביי אייך רעכט זיי זאָלן הונגערן ?!
— שיקט מיטן עראָפּלאַן !
— מיין געלט, געזונט און שוויס איז ביי אייך גאָרנישט ?
—שיקט מיטן שיף און טשעפּעט זיך אָפּ !
— און ווייב און קינדער זאָלן הונגערן. איר האָט א פארשטיינערט האַרץ.
— שיקט מיטן עראָפּלאַן און לאָזט מיך אָפּ !
— איר זייט אַ גזלנטע ! מיין געלט, מיין געזונט, הא ?!
— וואָס פאר אן אָנשיקעניש ! טוט אייך ווי איר ווילט. שיקט מיטן שיף און טשעפּעט זיך אָפּ !
— אזוי ? שיקן מיטן שיף, און צוליב אייך זאָלן ווייב און קינדער הונגערן ? וואָס פאר א גוטע עצה איר גיט. איר זייט אַ קאַלטע נשמה, א פאַרדאָרבענע, אַ שלעכטע, א, א — — — —

דאָ האָט זיך אריינגעמישט א צווייטער „באָרדער״, וואָס האָט אלץ צוגע־הערט. זיין געדולד האָט געפּלאצט, האָט ער דעם גרינעם זלמן געצל אָנגענו־מען פארן קאָלנער און מיט רציחה אים ארויסגעשליידערט אויפן גאַס...

אוים נאַר

מען דערציילט וועגן מר. בערנאַרד קלאָפּע, אז אין דער אלטער היים פון וואַנען ער קומט, האָט מען פון אים פיל געשפּאָסט און אָפּגעלאַכט. טאַטע־מאַמע האָבן פון אים געהאַט גרויסע צרות צוליב דעם וואָס ער איז געווען אַ גרויסער שוטה און מען האָט אים דאָרט גערופן בערל נאַר.

בערל איז טאַקע קיין גרויסער חכם נישט געווען און אויך נישט קיין קליינער נאַר. אין חדר און אין שטוב האָט ער אַלץ געטאָן קאַפּויער. אז מען האָט אים געבעטן ברענגען דעם לייטער, האָט ער געבראַכט דאָס לאָקשן־ברעט. אז מען האָט אים געשיקט קויפן ברויט, האָט ער געקויפט נאַפּט. האָט מען אים געשיקט ערגעץ אַ גאַנג, איז ער פאַרפאַלן געוואָרן אויף עטלעכע מעת־לעת. מען האָט אים געדאַרפט גיין זוכן, און ווען מען האָט אים געפונען, האָט די מאַמע, מיט טרערן אין די אויגן, אים געפרעגט :

— בערל, ווו ביסטו געווען ?
— דאָרט ווו דו האָסט מיך געשיקט ! — האָט ער געענטפערט.
— ווו ?
— אין דרויסן, ווו דו האָסט מיך געשיקט אַ גאַנג.

מען האָט זיך מיט בערלען נישט געקאָנט צוזאַמענריידן און צו קיין טאָלק קומען. אויף אַלץ האָט ער נאַריש געענטפערט.

אין חדר און אין גאַס האָבן די יינגלעך זיך גערייצט מיט אים, אָפּגעלאַכט פון אים. ער איז געוואָרן טרויעריק און זיך צעוויינט. פרעגט אים די מאַמע:

— וואָס האָט פּאַסירט?

— די יינגלעך רייצן זיך מיט מיר, רופן מיך בערל נאַר!

— נו, — זאָגט די מאַמע — רופט מען זיי צוריק.

— זיי הייסן דאָך נישט בערל.

אַט אזוי האָט זיך עס געפירט מיט בערלען פאַר יאָרן לאַנג און חברה האָט זיך איבער אים פריילעך געמאַכט.

איינמאָל שמחת תורה שטעלט זיך בערל אוועק אין שוהל און קלאַפּט זיך אין הארצן אל חטא. האָט מען אים געפרעגט:

— בערל, שמחת תורה קלאַפּסטו זיך אל חטא?

—איך האָב געזינדיקט! — האָט ער געענטפערט.

— וואָס איז די זינד? — האָט מען אים געפרעגט.

— כ׳האָב אויפגעגעבן צוויי אייער מיטאַמאָל, האָט די מאַמע געזאָגט, ס׳איז אַן עבירה.

— ס׳קאָן נישט זיין זאָלסט האָבן אויפגעגעסן צוויי אייער מיט אַמאָל?!

— האָט מען אים געזאָגט.

— גערעכט. טאַקע נישט געגעסןביידע אייער מיט אַמאָל, כ׳האָב געגעסן איינס און נאָכדעם נאָך איינס.

א סך אזעלכע עפּיזאָדן האָט מען דערציילט וועגן בערלען, וואָס האָבן זיך מיט אים פּאַרלאָפן אין דער אַלטער היים. אָבער קומענדיק אין אפריקע איז בערל געוואָרן אַן אַנדער מענטש. ער איז געוואָרן א סוחר, און האָט זיך אויס־געטויגט. ער האָט געטאָן זייער גוטע געשעפטן, געהאַנדלט אויפן שער־מאַר־קעט, געוואָרן אַ דיימאַנט־דיגער, שפּעטער געקויפט און פאַרקויפט הייזער — און איז געוואָרן גאָר אַן אַנדער מענטש.

מיט יאָרן שפּעטער האָט בערל געביטן זיין נאָמען אויף בערנאַרד. אויס בערל נאַר — געוואָרן א קלוגער, מען האָט זיך צוגעהערט צו זיינע רייד און עצות.

וואָס ווייטער איז אַלץ בערנארדן בעסער אוועק. ער איז געוואָרן רייכער, די געשעפטן זיינען אלץ בעסער אוועק, אין דער סאָסייטי איז ער געוואָרן אַ גאַנ־צער מאַכער, אַ טשערמאַן. ער האָט געהאָלפן בויען אין זיין געגנט א שוהל, און געוואָרן אַ גבאי. ער האָט געגעבן אויף ווילטעטיקע צוועקן און מען האָט גע־נומען פון אים שטאַרק האַלטן.

זיין פּאָפּולאַריטעט איז גוואַלדיק געשטיגן, אַז אפילו די פון זיין שטעטל, וואָס האָבן אים אין דער יוגנט גערופן בערל נאַר און פון אים געחוזקט און גע־לאַכט, האָבן פאַר אים געקראָגן גרויס דרך־ארץ, אים מקנא געווען און געזוכט צו חברן זיך מיט אים. אַנדערע זיינען געקומען צו אים בעטן אַ הלוואה. מר. בערנאַרד קלאַפּע האָט קיינמאָל קיינעם נישט אָפּגעזאָגט. אפילו די וואָס האָבן פון אים אין דער אַלטער היים אָפּגעלאַכט האָט ער בורייט געהאָלפן. פאַר אָט די מעשים טובים איז אים אַלץ בעסער געגאַנגען, אַלץ רייכער איז ער געוואָרן און אַלץ מער באַליבט, און קיינער האָט שוין מער נישט געוואַגט צו רופן אים בערל נאַר...

אַ באַגעגעניש...

סעם קלאַטקע איז איינגעשטיגן אין אַן אויטאָבוס. באַלד ביים אוועקזעצן זיך האָט ער דערהערט פון אַ דערבייאיקן פּלאַץ אַ פרויען־שטימע:

— העלאָו!

ער האָט זיך אומגעקוקט און באַמערקט אַן עלטערע פרוי מיט אַ דיקלעכן צעשמייכלטן פּנים, באַדעקט מיט זומער־שפּרענקלעך. זי האָט זיך אויפגעהויבן פון איר אָרט און פאַרנומען אַ נענטערן פּלאַץ לעבן אים.

— איר דערקאָנט מיך נישט, אָדער איר מאַכט זיך נישט דערקאָנען מיך? — האָט זי זיך אָפּגערופן. — איך קען אייך גוט, שוין צו גוט! אייער נאָמען איז דאָך? — —

סעם קלאַטקע האָט זיך ארומגעקוקט און געזען ווי אַלע אויגן פון די פּאַסאַזשירן אין אויטאָבוס זיינען געווענדעט צו אים. ער האָט אָבער נישט גע־ווּוסט וואָס צו זאָגן.

באַלד האָט די פרוי ווידער זיך אָפּגערופן:

— נו, איר דערקענט מיך נאָך אַלץ נישט? אַ שוואַכן זכרון נעבעך גע־קראָגן. איר קוקט טאַקע אויס נישט דער זעלבער ווי אַמאָל. איר מוזט אוודאי ליידן אויף עפּעס. גאָרנישט אייער טבע אַזוי צו זיין. יאָ, ווי לאַנג צוריק איז דאָס געווען? אפשר מיט אַ 10—15 יאָר צוריק. איר געדענקט? ערגעץ אויף האָלידיי, ביים ים... איי, וואָס פאַר אַ פייער איר זייט געווען, אַ ברען! מיט די אויגן האָט איר דאָך געגעסן מענטשן. וואָס פאַר אַ פרעסער איר זייט געווען — דער גרעסטער פרויען־פרעסער! איצט זיצט איר ווי אַ לעמעשקע, אַ נעבעכל.

וואָס האָט פּאַסירט מיט אייך, איר זייט קראַנק? אוודאי געכאַפּט די ריכטיקע פינצטערע קרענק?

סעם קלאַטקע האָט נישט געענטפערט. ער האָט נישט געוווסט וועמ די פרוי איז און געטראַכט: זי איז נישט קיין נאָרמאַלע. ער האָט זיך אויפגעהויבן און אוועק צו אַן אַנדער פּלאַץ.

די פרוי האָט זיך האַסטיק אַ הויב געטאָן פון איר אָרט, צוגעקומען צו אים, זיך אוועקגעזעצט און געזאָגט:

— נישט שיין צו אַנטלויפן. אַמאָליקע יאָרן זייט איר פון מיר נישט אַנטלאָפן, פאַרקערט, מיר נאָכגעלאָפן! מיט אַמאָל געוואָרן אַ צדיק, מאַכט דעם אַנשטעל ער קאָן מיך נישט! איך געדענק אפילו אייער טאַטן, נישט געווען בעסער פון אייך — געטשעפּעט זיך צו מיידלעך און ווייבלעך. דאָס עפּעלע פאַלט ניט ווייט פון ביימעלע! איך געדענק אייער טאַטן גוט, גענוי ווי אייך! נו, וואָס שווייגט איר, זאָגט עפּעס?!

— אַנטשולדיקט, — האָט סעם קלאַטקע זיך אָפּגערופן, — איר מאַכט אַ טעות. איר פאַרבייט מיך מיט עמעץ אַנדערש. איך קאָן אייך נישט, איר קאָנט מיך אויך נישט און לאָזט מיר צורו!

— איר קאָנט נאָך מאַכן דעם אָנשטעל, נישט געביטן זיך אויף אַ האָר! יאָ, אַלעמאָל זייט איר געווען אַ קאַלטער גזלן, מיט שטילע רייד אַרויסגענומען די הערצער פון נאַאיווע פרויען. איר געדענקט אויף דער פּלאַזשע, ווי איר האָט געריסן פון מיר שטיקער?! פון אייער קנייפּטן האָב איך נאָך היינט בלאָע צייכנס... איר געדענקט מיין חברטע, וואָס איר האָט איר נאָך שטאַרקער גע־קניפּן, און פונעם קנייפּן האָט זיך איר געמאַכט קאַנסער און איז פאַר דער צייט אַוועק פון דער וועלט!

סעם קלאַטקע האָט מיט זיינע הענט זיך פאַרשטעלט די אויערן, און אוועק צום פריערדיקן פּלאַץ. די פרוי האָט זיך ווידער אויפגעהויבן און אוועק צום אָרט ווו סעם קלאַטקע האָט זיך געזעצט.

— וואָס לויפט איר פון מיר. שלעכט אייך באַהאַנדלט? געלאָזט זיך קושן, קנייפּן און בייסן פון אייך! יאָ, איינמאָל זייט איר טאַקע אַנטלאָפן פון מיר, ווען איך האָב גענומען ריידן וועגן תכלית, וועגן אַ חתונה. פאַרוואָס אָבער לויפט איר איצט? כ'האָב שוין, גאָט צו דאַנקען לאַנג חתונה געהאַט, האָב אַ פיינעם מאַן מיט טייערע קינדער. באַלד וועל איך ווערן אַ באָבע — איז פאַרוואָס לויפט איר איצט פון מיר?

— איך לויף פון אייך, — האָט סעם קלאַטקע זיך אָפּגערופן, — ווייל איך ווייס נישט וואָס איר האָט זיך צוגעזעצט צו מיר, וואָס איר ווילט פון מיר?

כ׳האָב אייך קיינמאָל נישט געזען, קיינמאָל נישט געקושט, נישט געקניפּן און נישט געביסן. איר מאַכט אַ טעות, איר מיינט געוויס אַן אנדערן. איך קאָן אייך נישט און לאָזט מיך אָפּ!

— איך מאַך שוין גאָר קיין טעות נישט. איינמאָל האָב איך געמאַכט אַ טעות, ווען איך האָב אייך ארויסגעלאָזט פון מיינע הענט, ווען איך האָב געלאָזט זיך נאַרן פון אייך. אָבער איך באַדויער דאָס נישט. איך האָב געטראָפן מיט מיין מאַן, אויף אַלע יידישע קינדער געזאָגט געוואָרן. איצט וויל איך נאָר אַביסל שמועסן מיט אייך. זאָגט מיר, האָט איר א ווייב, קינדער? וואָס שווייגט איר, זאָגט עפּעס!

— לאָזט מיך צורו — האָט סעם קלאַטקע זיך אָפּגערופן, — איך האָב אייך נישט וואָס צו זאָגן. איך קאָן אייך נישט און איך רייד נישט צו פרעמדע מענטשן. איבריקנס, אָט איז מיין סטאָפּ!

— ווו וווינט איר? — האָט זי פּלוצלינג געפרעגט.

— צו וואָס דאַרפט איר דאָס וויסן?

— כ׳וועל קומען אמאָל אייך זען!

— נישט נייטיק, מיין פרוי וועט דאָס נישט וועלן ליידן!

— גיט מיר אייער טעלעפאָן, כ׳וועל אייך אָנקלינגען! — האָט זי געזאָגט.

— גוט, כ׳וועל אייך געבן. דאָ איז מיין סטאָפּ. מיין נאָמען איז סעם קלאַט־קע, טעפעלאָן — — —

— וואָס? — האָט די פרוי אויסגעשריען, — סעם קלאַטקע איז אייער נאָ־מען! געווען זיכער, כ׳רייד צו מר. וואָלף גירנגאַנץ דעם בוטשער!

סעם קלאַטקע האָט מער נישט געהערט. ער איז האסטיק ארויס פון אוי־טאָבוס און פריי אָפּגעאָטעמט...

צוליב חלומות...

איין טאָג נאָך מיטאָג רופט זיך רייטשל אָפּ צו איר מאַן:

— הערי, ווייסט וואָס איך האָב באמערקט?

— וואָס?

— אז דו ליבסט מיך נישט מער, ווי דו פלעגסט מיך ליב האָבן אַמאָל!

— דו רעדסט נאַרישקייטן, רייטשל!

— איך רייד נאַרישקייטן? — איז רייטשל אויפגעשפרונגען, — ביי דיר איז דאָס נאַרישקייטן. כ'האָב טאַקע לאַנג שוין געמערקט אז דו קוקסט אויף מיר ווי אויף אַ נאַר!

— רייטשל, עס דאַכט זיך דיר.

— מיר דאַכט זיך שוין גאָרנישט. איך האָב לאַנג געמערקט ווי דיין באַציאונג צו מיר ווערט אלעמאָל ערגער, קעלטער. דיינע ביזנעס זיינען ביי דיר פיל טייערער ווי איך!

— נישט אמת! — האָט הערי געענטפערט.

— נישט אמת? דאָס מיינט אז אַ חוץ אַ נאַר בין איך אויך אַ ליגנערין?!

— האָט רייטשל געהעכערט איר טאָן.

— טייערע, באַרואיק זיך. איך זע אז דיינע נערוון זיינען נישט אין אָרדענונג. איך וואָלט דיר געראָטן זען אַ דאָקטאָר, אַ גוטן נערוון־דאָקטאָר.

— ביסט אליין משוגע!

הערי האָט זיך אויפגערעגט, אַ כאַפּ געטאָן זיין רעקל און אַ באַליידיקטער ארויס פון שטוב.

אויף מאָרגן רופט זיך זיין פרוי צו אים אָפּ:

— הערי!

— יאָ.

— איך האָב מיט דיר וואָס צו ריידן.

— רייד.

— וועסט זיך נישט איבערשרעקן? — האָט זי געפרעגט.

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט הערי צושראָקן געפרעגט.

— קיין זאַך האָט פּאַסירט. איך וויל... איך וויל מיר זאָלן זיך פּונאַנדערגיין!...

— וואָס? — האָט הערי מיט חשד אויף רייטשלען געקוקט.

— אָט, ווי דו האָסט געהערט! — האָט רייטשל רואיק געזאָגט, — כ׳וויל מיר זאָלן זיך גטן!

— וואָס פּלוצלונג אזא איינפֿאַל? — האָט הערי געפֿרעגט.

— ס׳איז נישט פּלוצלונג. איך האָב דיר דאָס שוין לאנג געוואָלט זאָגן. איך זע אז דו האָסט פֿאַר מיר מער נישט קיין צייט, קיין אינטערעס!

— רייטשל, טייערע, דו מאַכסט אַ טעות!

— איך מאַך נישט קיין טעות!

— וואָס ווילסטו?

— מיר זאָלן זיך גטן. דו האָסט מער קיין צייט פֿאַר מיר. אפשר וועלן זיך געפֿינען אַנדערע וואָס וועלן יאָ האָבן צייט פֿאַר מיר.

— רייטשל, דו האָסט אוודאי אַ געליבטן? — האָט הערי געפֿרעגט.

— איך האָב נישט קיין געליבטן. אז איך וועל זיין פֿריי וועל איך האָבן — עס פֿעלן נישט אויס קיין מענער!

— רייטשל, דו רעדסט ווי אַ קינד. דו ווייסט נישט וואָס דו ווילסט, באַרואיק זיך!

— איך רייד נישט ווי אַ קינד, און איך ווייס יאָ וואָס איך וויל!

— וואָס ווילסטו?

— מיר זאָלן זיך גטן.

— גוט. אז דו שפּאָרסט זיך איין און צווינגסט מיך דערצו, וועל איך דיר צוליב טאָן! — האָט הערי געענטפֿערט.

— אַהאַ, איך האָב דאָס געמערקט און פֿאָרויסגעפֿילט, אז דו ווילסט פֿון מיר פּטור ווערן. דו ליבסט מיך נישט מער. יאָ, דו ווילסט מיך נישט מער, בינסט צופֿרידן מיר זאָלן זיך פֿונאַנדערגיין! — האָט רייטשל פֿאַרביטערט גע־רעדט און זיך היסטעריש צעוויינט.

— רייטשל, וואָס טוט זיך מיט דיר? באַרואיק דיך!

— ווי קאָן איך זיך באַרואיקן, אז איך בין נישט מער יונג ווי געווען און דו ווילסט מיך אָפּגטן. פֿאַרוואָס האָסטו מיך נישט גע׳גט ווען איך בין געווען יונג, ווען מענער פֿיל האָבן נאָך מיר זיך געיאָגט?

— האָסט דאָך דאַן נישט געבעטן איך זאָל דיר אָפּגטן!

— און אז איך בעט דיך אַנדערע זאַכן, טוסטו פֿאַר מיר?

— וואָס אַ שטייגער?

— אָט, ווען איך האָב דיר געבעטן אַ דערלויבעניש ארויסצוגיין צו אַ טאַנץ מיט מיסטער ליצקין?!

— געוויס נישט. אזוי לאַנג ווי דו ביסט מיין געזעצלעכע פֿרוי, וועל איך אזא דערלויבעניש נישט געבן. אויב ביי דיר איז מיסטער ליצקין טייערער פֿון

מיר, ביז איך נישט דאַקעגן דיר צו גטן, קאָנסט אים האָבן! — האָט הערי שוין שטרענג גערעדט.

— ניין, הערי, האָסט מיך נישט פאַרשטאַנען. דו דאַרפסט וויסן, אז מיס־טער ליצקין איז נאָר א פריינד, אָבער נישט אַ מאַן צו היראַטן. ווי אַלע מע־נער איז ער אויך פאַרדאָרבן — ער וויל נאָר פארברענגען מיט פארהייראַטע פרויען!...

— וואָס זשע ווילסטו, רייטשל?

—איך וויל דו זאָלסט מיך ליב האָבן!

— האָב איך דיך דען פיינט? — האָט הערי איר געפרעגט.

— ניין, נישט דאָס מיין איך. איך וויל אז דו זאָלסט מיך ליב האָבן נישט ווי אַן אייגענער מאַן, נאָר ווי אַ פרעמדער...

— רייטשל דו גפעפעלסט מיר נישט, דו רעדסט נישט קיין נאָרמאַלע רייד. מיין עצה איז זאָלסט וואָס גיכער גיין זען אַ דאָקטאָר. בינסט נישט געזונט!

— דו הויבט ווידער אָן מיך באַליידיקן?

— איך באליידיק דיך נישט. כ׳וויל דו זאָלסט זיין געזונט, נישט ריידן פלוידערייען.

— ווער פלוידערט, איך צי דו?

— רייטשל, לאָמיר מער נישט ריידן וועגן דעם. לאָמיר פארגעסן, און לאָמיר זיין גליקלעך!

— ווי אזוי? — האָט רייטשל געפרעגט מיט טרערן אין די אויגן.

— אזוי ווי ביז אַהער.

— און וואָס איז וועגן גט ?

— פאַרגעס דאָס!

— מיינסט דאָס ערנסט, הערי? איך וויל אויך נישט קיין גט. כ׳האָב נאָר געוואָלט אויסגעפינען אויב דו האָסט מיך ליב? הערי, איך האָב געהאַט אַ בייזן חלום, אז דו האָסט א געליבטע און פלאַנירסט מיך צו פארלאָזן. דאָס איז גע־ווען די סיבה פון די אַרגומענטן.

— ווייסט, רייטשל, איך האָב אויך געהאַט אַ שלעכטן חלום!—האָט הערי זיך אָפּגערופן — מיר האָט זיך געחלומט, אז דו ביסט אַנטלאָפן מיט מיסטער ליצקין.

— נו, וואָס האָט פּאַסירט? — האָט רייטשל נייגעריק געפרעגט.

— ס׳האָט גאָרנישט פּאַסירט, — האָט הערי געזאָגט, — דו האָסט מיך מער נישט געפּייניקט, איך האָב אָפּגעכאַפּט דעם אָטעם. אָבער לאַנג האָט דאָס גליק נישט אָנגעהאַלטן. ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט האָב איך דיך דערזען.

— ווייסט הערי, — האָט רייטשל געזאָגט — ביסט אליין שולדיק וואָס דיין גליק איז צושטערט געוואָרן — האָסט נישט געדאַרפט זיך אויפכאַפּן!...

אַ מעשה מיט הינט...

פרוי געווירץ האָט זיך איינגעהאנדלט א הונט. נישט קיין גרויסער כלב איז עס געווען, אַ קליין הינטל, אַ פודל פּאַרוואַקסן מיט קודלעס, קוים מען זעט ארויס די אויגן. טאָג און נאַכט בילט דאָס הינטל. מר. געווירץ קאָן דאָס נישט פאַרטראָגן און גייט ארום אַן אויפגערעגטער און בערוועאישער. טאָמער איז נאָך וויניק דעם הונטס בילן, טוט ער אויך אַן פיל שאָדן: צערייסט די וועש, צעפליקט די פאַרהאַנגען, צובייסט שיך, רייסט שטיקער פון די דיוואַנעס און גריזשעט די שטעק־שיך.

איינמאָל זאָגט מר. געווירץ צו זיין פרוי:

— ליזע, צו וואָס דארפסטו האָבן אַ הונט אין הויז?

האָט זי גלייך אים געענטפערט:

— צו וואָס דאַרפן אנדערע הינט אין די הייזער?

מאַן און ווייב האָבן זיך אַ ביסל איבערגערעדט, דאָס הינטל האָט זיך איינגעהערט און ווי איינגעשטימט מיט פרוי געווירץ האָט ער גענומען בילן. אזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט כמעט יעדן טאָג.

ווען ה׳ געווירץ איז געקומען פון זיין ארבעט אַ מידער, איז אים דער כלב געקומען מקבל פנים זיין — מיט אַ הילכיקן בילן. זיינע שטעק־שיך האָט ער ערגעץ פאַרשלעפּט — איינעם אין דרויסן, דעם צווייטן אין מיסט קאַסטן. וויל אים דערפאר ה׳ געווירץ מכבד מיט א שטעקן, שטעלט זיך אנטקעגן זיין פרוי און בייזערט זיך:

— ווי איז דאָס אַ מענטש אזא מערדער? מען קומט אהיים, פרייט מען זיך מיטן הינטל, מען ברענגט אים שאָקאָלאַד, ווי לייטן טוען, נישט ווי דו — בייזערסט זיך און ווילסט אים גאַר שלאָגן!

— וואָס האָסטו געוואָלט — זאָגט ה׳ געווירץ — איך זאָל אים קושן?

— אוודאי קושן! — זאָגט פרוי געווירץ. — דו דארפסט זען אונדזער נעקסט־דאָור שכן, ווען ער קומט אהיים פרייט ער זיך מיט זיין הונט, קושט אים, ברענגט אים מתנות — אפילו שפּילערייען ברענגט ער אים!

דער הינטל האָט זיך צוגעהערט און ווי שטענדיק — געבילט.

איינמאָל טרעפט ה׳ געווירץ זיין פריינט ה׳ קלאפּע. רעדט ער זיך אויס

דאָס האַרץ פאַר אים און דערציילט וואָס ער ליידט זיך אויס צוליבן הונט, וואָס זיין פרוי האָט געבראַכט אין הויז.

רופט זיך אָפּ זיין פריינד ה׳ קלאַפּע:

— ביסט נאָך גליקלעך וואָס דו האָסט נאָר איין הונט. מיינע האָט זיך איינגעהאַנדלט צוויי כלבים פון גרויסן יחוס — „פּעדי־גריס״! גאַנצע טעג איז זי פאַרנומען מיט זיי: וואַשט זיי, באָדט און שלייערט זיי. שפּאַצירט אַרום מיט זיי אין גאַס און גריסט זיך פאַר די שכנים!

— מיינסט דאָך אוודאי אַז מיינע איז בעסער? — האָט ה׳ געווירץ געזאָגט. — אַנומלט האָט זי אַרויסגערופן אַ פאָטאָגראַפיסט צו מאַכן בילדער פון הונט. געפאָרטרעטלט אים ליגנדיק, שטייענדיק, זיצנדיק, שלאָפנדיק און אפילו עסנדיק!

— דאָס איז נאָך גאָרנישט! — זאָגט ה׳ קלאַפּע. — ניט לאַנג צוריק האָט מיינע געפּראַוועט פאַר די הינט אַ געבורטסטאָג. זיי זיינען אַלט געוואָרן צוויי יאָר, האָט זי געזאָגט, מוז זי מאַכן פאַר זיי אַ פּאַרטי. צו דער פּאַרטי האָט זי איינגעלאַדן אַלע שכנימס הינט. יעדער איינער האָט גענומען לויבן זיינע הינט, און דאָס האָט מיינע נישט געקאָנט פאַרטראָגן און אַריינגעזאָגט די געסט אַז זיי דאַרפן זיך שעמען צו לויבן זייערע הינט, ווען די פּאַרטי איז פאַר אירע הינט. זיי דאַרפן באַגריסן אירע הינט, צווינטשן זיי און געבן פּרעזענטן! דערווייל, אַ וואָרט פאַר אַ וואָרט, האָבן די ווייבער זיך צערעדט און אַריינגעזאָגט אין דער זיבעטער ריפּ אַריין. די הינט זעענדיק ווי די ווייבער קריגן זיך, האָבן אויך נישט געשוויגן און גענומען פירן אַ מלחמה צווישן זיך. בינו לבינו האָט אַ שכנס אַ הונט אָפּגעביסן מיין הונט אַן אויער. איצט פאַרפירט מיינע קעגן די שכנה אַ פּראָצעס. און מיט וואָס דאָס וועט זיך ענדיקן ווייסט איין גאָט אין הימל!

— פונקט ווי ביי מיר! — האָט ה׳ געווירץ אויסגערופן. — מיינע איז אויך פאַרנומען מיט לאָיערס. די געשיכטע איז אַזאַ: יעדן שבת נעמט מיינע דעם הונט צום פריזירער. לעצטן מאָל האָט דער פריזירער איבערגעפירט דעם הונטס פריזור, אים געגעבן אַ שלעכטן פּערם, און דערצו נאָך האָט דער הונט געקראָגן אַן אויסשלאָג אויף דער הויט. די האָר האָבן גענומען פאַרלירן דעם נאַטירלעכן קאָליר און גענומען אויספאַלן, און פון דאַן אָן איז דער הונט געוואָרן פאַרענדערט — ער איז אומעטיק, דערשלאָגן, נערוועאיש און וויל גאָרנישט נעמען אין מויל אַריין. מיין ווייב האָט אָנגעקלאָגט דעם פריזירער אין געריכט, און גאַנצע טעג איז זי פאַרנומען מיט אַדוואָקאַטן. דערווייל קאָסט דאָס מיך גראָב און איך בין שוין אויס מענטש.

— זאָגסט אויס מענטש — רופט זיך אָפּ ה׳ קלאַפּע — איך בין לעצטנס

אזוי שוואַך, כ׳פיל אז איך גיי אויס, איך האָב אפילו קיין כוח נישט צו קרעכצן. מיין דאָקטאָר האָט מיך געראַטן פאָרן אויף אורלויב.

— נו, פאָרט מען!

— ס׳איז לייכט זיך אָפּצורעדן: פאָרט מען! איך האָב טאַקע געוואָלט פאָרן נאָך מיט צוויי חדשים צוריק, שוין אפילו געמאַכט אַלע פּלענער, איז אָבער ניט לייכט מיט די באַדינגונגען — אומעטום איז געפּאַקט!

— שאַ, איך האָב פאַר דיר אַ האָטעל! — האָט ה׳ געווירץ געזאָגט.

— אַ פּלאַץ פאַר זיך איז קיין דאגה נישט! — האָט ה׳ קלאָפּע געענטפערט — די צרה איז, ווו קריגט מען אַ פּלאַץ פאַר די הינט אונדזערע? שוין געמאַכט אָנפראַגעס אין פאַרשיידענע פּלעצער — אומעטום פול. די פּלעצער פאַר הינט זיינען לעצטנס זייער ביזי, האָבן אָנפראַגעס וועגן אַקאָמעדאַציעס פאַר טויזנטער הינט!

— נעמט מען מיט די הינט אויף אורלויב! — האָט ה׳ געווירץ געראַטן זיין פריינד.

— דאָס איז אוממעגלעך. מיר האָבן שוין אָנגעפרעגט אין פיל האָטעלן האָט מען אָפּגעזאָגט — קיין אַקאָמאָדיישן פאַר הינט!

* * *

אינמיטן שמועס זיינען אָנגעקומען פרוי געווירץ און פרוי קלאָפּע. מיט גרויסער פרייד האָבן ביידע ווייבער אויסגערופן:

— שוין, איר דאַרפט מער נישט זאָרגן וועגן אונדזערע הינט. זיי האָבן שוין ווו צו זיין. מיר קענען שוין רואיק פאָרן פאַר אונדזערע וואַקאַציעס. מיר ביידע האָבן באשטימט צו פאָרן מאָרגן. איר, מענער, וועט בלייבן אין דער היים און אויפפּאַסן די הינט!...

אַן עצה

איינער האָט מיר אַמאָל געגעבן אַן עצה:

— אויב איר געפינט זיך אונטערוועגנס, — האָט ער געזאָגט, — און ס׳איז אייך שווער צו קריגן אַ צימער אין אַ האָטעל, זאָלט איר נישט זאָרגן, כ׳האָב פאַר אייך אַן אויספּרובירטן מיטל: ווען איר קומט אין האָטעל זאָלט איר נישט קוקן, וואָס דאָרטן איז געפּאַקט, נישטאָ קיין פּלאַץ, מענטשן גייען אוועק, מען זאָגט זיי אָפּ — זאָל דאָס אייך גאָרנישט קימערן. איר זאָלט צוגיין צו דער רעסעפּשאָניסט אָדער מענעדזשער, און איידער איר בעט אַ צימער, זיך פאָר־שטעלן אַלס דאָקטאָר!

— וואָס הייסט, כ׳וועל זיך פאָרשטעלן אַלס דאָקטאָר, ווי קום איך צו זיין אַ דאָקטאָר? — האָב איך געפרעגט.

— איר דאַרפט נישט זיין קיין דאָקטאָר, קיינער וועט אייך נישט פרעגן אויפן דאָקטאָר־דיפּלאָם! פאָלגט מיך, איר וועט זען, ס׳וועט אַרבעטן!

— פון וואַנען זייט איר זיכער, אַז ס׳וועט אַרבעטן?

— איך בין זיכער.

— מיט וואָס באַשטעטיקט זיך אייער זיכערקייט? — האָב איך געפרעגט.

— הערט, אַנומלט בין איך געפאָרן מיט מיינעם אַ באַקאַנטן דאָקטאָר פון קייפּטאַון צו יאָהאַנעסבורג. פאַרנדיק אויפן וועג איז צוגעפאַלן די נאַכט. זאָגט דער דאָקטאָר: מען דאַרף אַריינפאָרן אינעם נאָענטסטן שטעטל איבערנעכטיקן. בין איך מסכים געווען. ווען מיר זיינען געקומען אין שטעטל איז שוין געווען פינצטער. אויטאָס זיינען זיך אָנגעפאָרן דאָרטן פון אַלע זייטן, פיל מענטשן האָבן באַלאַגערט דעם האָטעל און געבעטן אַן אָרט איבערצונעכטיקן. ס׳איז אָבער געקומען דער אָפּזאָג: דער האָטעל איז פול. אויך מיר האָט דער האָ־טעל־מענעדזשער אָפּגעזאָגט, ווען איך האָב געבעטן אַ צימער פאַר צוויי. רופט זיך אָפּ מיין פריינד, דער דאָקטאָר:

— זאָרגט נישט, וואַרט, איך וועל גיין פרעגן אויף אַ צימער! — און ער איז צו צום מענעדזשער און זיך פאָרגעשטעלט:

— דר. לוריע.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, דר. לוריע? — האָט פריינטלעך געפרעגט דער מענעדזשער.

— אַ צימער פאַר צוויי.

באַלד האָט מען אונדז געגעבן דעם שענסטן צימער אין האָטעל.

— פון דעמאָלט אָן, — זאָגט מיין פריינד, — זאָרג איך מער נישט וועגן אַן אקאָמעדיישאָן. ווו איך קום אין אַ האָטעל קריג איך שוין אַ צימער, כ׳זאָג איך בין אַ דאָקטאָר...

מיין פריינדס עצה איז מיר געפעלן געוואָרן.

איינמאָל בין איך געווען אין דורבאַן. קיין פלאַץ ווו צו זיין האָב איך נישט באַשטעלט. אָבער איך האָב נישט געזאָרגט און אוועק צו אַ האָטעל און פאַר־געשטעלט זיך:

— דר. שישלער.

— וואָס פאַרלאַנגט איר, דאָקטאָר?

— אַ צימער צום איבערנעכטיקן.

באַלד האָט מען צוגערופן אַ באַדינער, וואָס האָט מיך מיטן ליפט ארויפ־געפירט אויפן פינפטן שטאָק און אָנגעוויזן אַ צימער פאַר מיר. איך בין געווען שטאַרק מיד, האָט איך באַשטעלט אַ גלאָז טיי און זיך געלייגט אין בעט שלאָפן.

עס גייט נישט לאַנג אריבער, הער איך ווי מען קלאַפּט אין טיר. פרעג איך:

— ווער איז דאָרט?

— דאָקטאָר, עפנט די טיר, ס׳איז דרינגנד! — הער איך אַ שטימע.

האָב איך געעפנט די טיר.

עס האָט זיך אריינגערוקט א פרוי מיט אַ קינד אויף די הענט און מיט טרערן אין אירע אויגן האָט זי זיך צו מיר אָפּגערופן:

— דאָקטאָר, מיין קינד איז פאַרביי!

אויפן ערשטן מאָמענט האָב איך זיך שטאַרק פאַרלוירן, נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. באַלד האָב איך זיך געכאַפּט, אז איך דאַרף שפּילן די ראָל פון אַ דאָק־טאָר, האָב איך צו דער פרוי געזאָגט:

— גיט עס אַן אָפּפיר־מיטל און אספּעריך, וועט ווערן בעסער!...

— וואָס רעדט איר, דאָקטאָר! דעם קינד יאָגט דאָך נעבעך!

— אויב אזוי, לייגט צו א הייסן קאָמפּרעס צום בייכל! — האָב איך זיך ארויסגעכאַפּט...

די פרוי איז מיטן קינד ארויס. איך בין גיך אריין אין בעט און פאַר־לאָשן דאָס ליכט.

שוין געהאַלטן ביים איינשלאָפן, צעקלינגט זיך דער טעלעפאָן.

— האַלאָו! — האָב איך זיך אָפּגערופן.

— דאָקטאָר, דאָקטאָר! — האָט הויך אַ מענער שטימע גערופן, — קומט גלייך ארונטער, ס׳האָט פּאַסירט אַ שווערער עקסידענט!

האַסטיק האָב איך זיך אָנגעטאָן און אַראָפּ מיטן ליפט אין אויפנאַם־זאַל, ווו עס זיינען געווען פאַרזאַמלט פיל מענטשן. אויפן דיל איז געלעגן אַ בחור, אַ צוקלאַפּטער פון אַן אויטאָ־עקסידענט. פון זיין נאָז האָט געזעצט בלוט, ער איז געווען אין אַ שרעקלעכן צושטאַנד.

— אָט קומט דער דאָקטאָר! — האָבן אַלע אויסגערופן.

איך האָב זיך דערנענטערט צום אומגליקלעכן יונגנמאַן, באַטראַכט אים און געראַטן רופן אַן אַמבולאַנס אָפּצופירן אים אין שפּיטאָל.

ביז דער אַמבולאַנס איז געקומען, האָב איך דערווייל געראַטן צולייגן דעם בחור קאַלטע קאָמפּרעסן צום קאָפּ, האָב אים אָרומגעווישט דאָס בלוט פון נאָז און פאַראָרדנט די מענטשן שטיין פון ווייטנס.

ווען דער אמבולאַנס איז געקומען און דעם צומזיקטן בחור צוגענומען אין שפּיטאָל, בין איך אוועק אין צימער, האַסטיק זיך געלייגט אין בעט און גע־בעטן מען זאָל נישט שטערן מיר שלאָפן.

ס׳איז מיר אָבער נישט באַשערט געווען צו שלאָפן. אינמיטן נאַכט האָט ווידער עמעצער געקלאַפּט אין טיר.

האָב איך געטראַכט, זאָל מען קלאַפּן, איך שלאָף, כ׳הער נישט. איך האָב געשוויגן. מען האָט געקלאַפּט נאָך שטאַרקער, אָבער איך האָב זיך נישט גע־מאַכט וויסן.

מען האָט גענומען קלאַפּן מיטן פויסט. איך האָב זיך געמאַכט נישט הערן. האָט מען גענומען טופּן מיטן פוס אין טיר און רופן:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר!

איך בין געלעגן אין בעט און געשוויגן. אָבער מיך האָב געהויבן פון אויפ־רעקונג: וואָס האָט מען זיך פאַרלייגט אויף מיר, וואָס וויל מען פון מיר?

דאָס קלאַפּן און רופן איז געוואָרן שטאַרקער:

— דאָקטאָר, דאָקטאָר, ראַטעוועט!

— וואָס האָט פּאַסירט? — האָט זיך ביי מיר ארויסגעכאַפּט.

— עפנט די טיר, דאָקטאָר! — האָט אַ שטימע גערופן.

איך האָב געעפנט די טיר. פאַר מיר איז געשטאַנען אַ מאַן האַלב נאַקעט און מיט היץ גערעדט:

— דאָקטאָר, מיין פרוי גייט צו קינד. קומט, העלפט איר!

איך האָב נישט געוווסט וואָס צו ענטפערן. איך האָב געוואָלט זאָגן דעם מאַן, אַז איך בין נישט קיין דאָקטאָר, אַז איך בין אַ געוויינלעכער מענטש ווי ער, ווי אַנדערע, אַז כ׳האָב צוגעטראַכט דעם נאָמען דאָקטאָר אויף צו קאָנען קריגן אַ פּלאַץ אין האָטעל צום איבערשלאָפן. אָבער איך האָב דערפילט שוואַך צו זאָגן דעם מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין אַן אומגליקלעכער לאַגע און געפיבערט:

— קומט דאָקטאָר, ס׳איז ערנסט!

איך האָב לענגער נישט געקאָנט באהאלטן פאַרן מאַן און אויסגעזאָגט, אז איך בין נישט קיין דאָקטאָר. איך האָב דעם טיטל דאָקטאָר נאָר צוגעטראכט צו קריגן א צימער אין האָטעל, און געראָטן אים גיין זוכן א דאָקטאָר.

דער מאַן האָט זיך שטארק אויפגערעגט און געדראָט מיך צו שלאָגן.

איך האָב גיך איינגעפּאַקט מיין וואַליזע און ווי אַ גנב זיך ארויסגעכאַפּט פון האָטעל, אנטלאָפן פון שטעטל, און זיך געטאָן אַ נדר מער אזא שפּאַס נישט צו מאַכן.

אַ טוריסט...

אין פּאַרק האָבן זיך באגעגנט צוויי באַקאַנטע. זיי האָבן זיך צוגעזעצט אויף אַ באַנק און געשמועסט. צווישן אנדערס פרעגט איינער דעם אַנדערן:

— איר פּאָרט ערגעץ היינטיקן יאָר?

— ניין, אין ערגעץ נישט.

— איר פּאָרט דאָך יעדעס יאָר!

— היינטיקן יאָר, — זאָגט יענער — האָב איך באַשטימט צו מאַכן אַ ביסל טוריסטיק.

— אזוי, איר פּאָרט אין אויסלאַנד?

— גאָר. נאָך דאָס פעלט מיר, — פּאָרן אין אויסלאַנד!

— איר זאָגט דאָך, איר ווילט מאַכן אביסל טוריסטיק!

— יאָ, טאַקע טוריסטיק, אָבער איך האָב באַשטימט צו ווערן אַ טוריסט פון אונדזער לאַנד.

— אַ טוריסט פון היגן לאַנד?

— יאָ, אַ טוריסט פון היגן לאַנד. וואָס חידושט איר זיך?

— אַן איינפאַל פון אַ מענטשן.

— ווען איר זאָלט וויסן וויפל גוטע מעלות עס האָט דאָס זיין א טוריסט פון לאַנד וווּ מען וווינט, וואָלט איר ווייניקער זיך געחידושט!

— אַ שטייגער, וואָס פאַר אַ מעלות האָט עס?

— ווען איר זאָלט זיין אַ קלוגער מענטש, וואָלט איר נישט געפרעגט קיין קלאָץ־קשיות, וואָלט איר שוין פאַרשטאַנען די מעלות!

— אדרבה, זאָגט, לאָמיר הערן די מעלות.

— ווען איר זייט א טוריסט פונעם לאַנד וווּ איר וווינט, האָט איר ווייניקער צרות מיט קאָפּ־דרייעניש און איר שפּאָרט איין געלט מיט צייט.

— ווי אַזוי?

ערשטנס דאַרפט איר נישט ארומלויפן און פּטרן געלט מיט צייט צו קריגן אַ פּאַספּאָרט, און איר דאַרפט נישט האָבן קיין פּאָקן מיט אינזשעקסנס. איר דאַרפט אויך נישט האָבן קיין וויזעס מיט דערלויבענישן פון שטייער־אַמט און פון אַנדערע אויטאָריטעטן. איר דאַרפט נישט אָנווייזן וווּ איר האָט גענומען געלט צו פאָרן. איר דאַרפט נישט בעטן מען זאָל אייך דערלויבן נעמען עקסטרע עטלעכע הונדערטער. קיינער קאָן אייך נישט זאָגן קיין דעה וויפל איר מעגט אויסגעבן, און וויפל איז עס ווערט וואָס איר דאַרפט זיך נישט לערנען קיין פרעמדע שפּראַכן און נישט קויפן ווערטער־ביכער. איר דאַרפט צו קיינעם זיך נישט הנדלען, נישט צו קיין באַאַמטע און נישט צו באַדינער. איר דאַרפט קיינעם נישט געבן קיין טרינק־געלט און קיינער וועט זיך נישט קרימען, איר האָט נישט געגעבן גענוג. איר דאַרפט זיך נישט דאגהן וועגן פרעמדער וואַלוטע, איר דאַרפט נישט וויסן וויפל דער קורס איז פון דאָלער און וויפל אַ פראַנק האָט די ווערט. איצט, וויפל געלט איר ברענגט זיך איין פאַר בילעטן אויף באַנען און עראָפּלאַנען, ווען איר זייט אַ טוריסט פון אייגן לאַנד. איר דאַרפט אויך נישט קיין טאַקסעס און איר דאַרפט נישט קיינעם געבן „טיפּס" און שטעלן זיך שיין. איר דאַרפט אויך נישט ברענגען קיינעם קיין מתנות. איר דאַרפט נישט זיין צו יעדן פריינדלעך און שמייכלען.

איר ווייסט גאָר נישט די ווערט און די באַקוועמלעכקייט פון זיין אַ טוריסט פונעם אייגענעם לאַנד וווּ מען וווינט. אזא רייזע איז פיל בעסער און באַטעמטער פון די רייזעס אין דער פרעמד. איצט, רעזערוואַציעס וואָס איר פאַרשפּאָרט צו מאַכן אין האָטעלן, אין נאַכט־קלובן. דאָ קענט איר גיין און קומען ווען אייך איז באַקוועם און ווען אייך גלוסט זיך. איר דאַרפט נישט קיין אַפּאַינטמענטס און איר דאַרפט נישט קיין באַגלייטערס מיט פירערס און טאָל־מעטשערס. און צו וואָס אויסגעבן געלט צו פאָרן אין אנדערע לענדער צו זען אַ בית־עולם, ווען מען קאָן דאָס דאָ זען בחינם. צו וואָס פאָרן אזש קיין רוים, פּאַריז אָדער ערגעץ אנדערשווו דאָס צו זען. דער בית־עולם דאָ איז פּונקט אזא בית־עולם ווי דאָרטן, און די קברים דאָרטן זיינען נישט קיין שענערע און נישט קיין בעסערע, ווי די קברים ביי אונדז. אין יענע קברים ליגן טויטע און אין די קברים ביי אונדז ליגן אויך טויטע. ס'איז גאָרנישט אַנדערש. קיין לעבעדיקע ליגן נישט אין די קברים — די דאָקטוירים און די באַגרעבער זאָרגן דערפאַר. און אז איר האָט חשק און ווילט גיין זען אַ מוזעאום, איז דאָ אויך דאָ אַ מוזעאום מיט חיות פּונקט ווי ערגעץ אַנדערש. אַ חוץ דעם, אַ סך גיי איך דאָ

אין מוזעאומס, דאַרף איך אויסגעבן געלט און פאָרן אין אויסלאַנד צו זען מו־זעאומס? און אין נאַכט־קלובן גיי איך דען? דאַרף איך פטרן צייט מיט געלט און פאָרן אזש אין פּאַריז צו זען דאָרט נאַכט־קלובן? און נאַקעטע מיידלעך קען איך דאָ אויך זען און מען דאַרף נישט לויפן אַזש אין אויסלאַנד זיי זען. און קיין בערג מיט קיין טאָלן פעלן דאָ אויך נישט, אז איך זאָל דאַרפן פליען אין אנדערע לענדער זיי זען. און צוליבן עסן א „סטעיק" וואָס דרייט אויס די קישקעס אין בויך און קאָסט 5 דאָלער אָדער מער, איז אוודאי נישט כדאי צו פליען אזש קיין אייראָפּע. מען קען דאָ קריגן אזעלכע „סטעיקס" פאר ביליקער מיט ווינציקער בויך־ווייטיק. מען ווייסט שוין פון די גליקן פון די רייזעס אין אויסלאַנד.

זיין פריינד האָט אים פלוצלונג איבערגעשלאָגן און געפרעגט:

— איר האָלט אין איין אויסרעכענען די מעלות פון דער טוריסטיק פון לאַנד און די חסרונות פון אויסלאַנד. זאָגט זשע מיר, ווו האָט איר באשטימט צו מאַכן אייער רייזע אין לאַנד?

— ווו, פרעגט איר — האָט דער ייד געענטפערט. — די ערשטע טוריס־טיק וועל איך מאַכן ארום מיין הויז... ארומקוקן ווי מיין הויז זעט אויס, אפשר דאַרף מען דערויף לייגן אַ לאַטע. ביי מיר איז דאָס הויז מיינס פיל טייערער פון אַלע רייזעס!...